שְׁבִילֵי עוֹלָם

אָדֶער בֶּערִיהמְטֶע

וֶועלְט בֶּעשְׁרַייבּוּנְג

דָא וֶוערְט בַּאשְׁרִיבֶּען דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט. אונ אַלְלֶע שְׁטֶעט אַלְלֶע סָארְטִין מֶענְטְשִׁין, אַלְלֶע מִינִים חיות וָואס זֶענֶען אויף דִי וֶועלְט, אוּנְד פֶערְשִׁידֶענֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען וָואס הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין אויף יֶעדִי' אָרְט.

פֿערפֿאסט פֿון בעוואוסטען פֿערפֿאסער י. מ. יעבץ

אייגענטהום י. מ. וואלדען | י. וועלטשער
ווארשא נאלעווקעס 32 | נאוומיעסקע 1

ווארשא

דרוק אונד ליט. א. בוימריטטער דויקא

שנת תרס"א

ШВИЛЕ ОЛОМЪ.

или Вельтбешрейбунгъ. т. е. Географія.

соч. И. М. ЯВИЦЪ.

ВАРШАВА 1901.

ווייל מִיר בֶּעשְׁרַייבִּין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט , אוּנ יֶעצְט הַאלְטִין מִיר בַּיי דִי לַאנְד אִינְדְיָא אוּנ חִינָא מִיט אַלֶע סָארְטִין מֶענְטְשִׁין וָואס וואֹהנֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע אוּנ אַלְטֶע לֶענְדֶער אוּנ מִיר בֶּעשְׁרַייבִּין אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכִין וָואס זֶענֶען אִין דִי לֶענְדֶער , וֶועלִין מִיר בֶּעשְׁרַייבִּין נָאךְ דְרַיי וואוּנְדֶערלִיכֶע זַאכִין .

1) עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים ; 2) סַמְבַּטְיוֹן ; 3) דִיא רוֹיטֶע יוּדֶעלֶעךְ וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִי לֶענְדֶער. אוּנ אֶלְדָד הַדָנִי וְסִפּוּר נוֹרָא מרשב״א וּמַעֲשֶׂה טוֹבְיָה .

עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים .

1) נָאכְדֶעם ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין זֶענֶען דִי יוּדִין גֶעטֵיילְט גִיוָוארִין אִין צְווֵייא טֵייל, צֶעהן שְׁבָטִים בֶּעזוּנְדֶער אוּנ צְווֵייא שְׁבָטִים בֶּעזוּנְדֶער אוּנ דִיא צֶעהֶען שְׁבָטִים זֶענֶען פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווֶוען דֶער

בית

בית המקדש איז נאך געשטאנען אין ירושלים, אונ דער
מלך אשור האט זיא פארטריבען אין דיא ארטער חלח
חבור, לעבין מיט גוזן (דאס איז דער טייך גאנגעס װאס איז
אין אינדיא) דער אנהייב פון דעם טייך איז פון דיא הויכע
בערג װאס װערען אין לאנד מהיבעט. דיא לאנד מהיבעט
איז געגען חינא אונ אינדיא, חינא איז אין מזרח זייט פון מהיבעט
אונ אינדיא איז אין דרום זייט פון מהיבעט, אונ אביסול פון די
צעהן שבטים װעלען פארטריבען געװארין אין די שטעט פון חבר,
דיא ארטער לחלח אונ חבור װעלען אין אינדיא, װערן מיר דאס
ערשטע װעגען דיא יהדן (די צעהן שבטים) פארטריבען געװארין
אין אינדיא, עס װעלען דא פיל בעשרייבונגען פון די װעלט רייזנ-
דער. אז דיא צעהן שבטים װעלען געקומען דאס ערשטע אין
אינדיא, נאכדעם װעלען זיא פארשפרייט געװארין אביסול אין
אפריקא אביסול אין חינא אבער דאס מערסטע װעלען געבליבען
אין אינדיא. אהאלענדער שיף קאפיטאן דער ציילט ער איז גע-
פארין מיט זיין שיף אין צפון זייט צווישען דיא לאנד כוש אונ
גראן פארא אונ ער איז געקומען צו א פארט פון אגרוסען טייך
נעבען בריזיל האט ער געטראפען עטליכע מענטשען אינדיאנער װאס
האבען גערעדט דיא ספרדישע שפראכע. ער האט מיט זיא גע-
האנדלט, ער האט זיא געגעבען פיל מינים סחורה אונ זיא
האבען אים געגעבען פארט-קעלין. אונ ער איז געשטאנען מיט די
שיף ביא דעם ברעג זעקס חדשים. פון זייערע רייד האט ער
פארשטאנען אז ער קען פארין מיט דיא שיף ביז צום טייך
קריאבא, דער טייך איז ברייט אכטצעהן מייל. אונ ער װעט
קענען װייטער שיפען דעם טייך, ער האט באלד געװאלט דיא
שיף אט דאס מיט זיך גענומען אינדיאנער ער זאל אים װייזן
דיא װעג, אבער דעם גרויסען װינט איז ער בפארין צווייטע מעג אונ
צוריק געקומען אויף דעם טייך קריאבא. אין װען האט ער גיטראכט
אשיף

אַשִׁיף מִיט אִינְדִיאַנֶער וָואס זֶענֶען גִיפָארִין צוּרִיק פוּן אַאִינְזֶעל אוּנ הָאבִּין גֶעפִירְט מִיט זִיךְ זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד אוּנ בְּרִילַאנְטִין זֵייעֶר פִּיל, זֵייא הָאבִּין דֶערְצֵיילְט אַז אוֹיף דִיא אִינְזֶעל וואהנֶען פִּיל מֶענְטְשִׁין וַוייסֶע זֵייעֶר שֵׁיינֶע, בֶּעוַואקְסִין מִיט בֶּערְד, מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער זֵייעֶר רֵייךְ מִיט זִילְבֶּער גָאלְד בְּרִילַאנְטִין אוּנ מִיט אַלֶעם גוּטֶען, אוּנ אַרוּם דִיא אִינְזֶעל אִיז אַשְׁטַארֶקֶער מָאהֶער, אוּנ דִי מֶענְטְשִׁין זֶענֶען פִּיל אוּנ שְׁטַארְקֶע, ווִי דֶער שִׁיף קַאפִּיטַאן הָאט דָאס גִיהֶערְט הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דֶעם אִינְדִיאַנֶער אוּנ עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין פוּן זַיין שִׁיף זֵיי זָאלִין פָארִין מִיט אַקְלֵיינֶע שִׁיפֶעל צוּ דֶעם אִינְזֶעל, אִין וֶועג אִיז דֶער אִינְדִיאַנֶער גֶעשְׁטָארְבִּין, אוּנ נָאר עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דִיא וֶועג, אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין דֶעם וֶועג נִיט גֶעוואוּסְט צוּא דִיא אִינְזִיל, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם שִׁיף קַאפִּיטַאן, דֶער שִׁיף קַאפִּיטַאן אִיז גֶעפָארִין צוּרִיק צוּ זַיין לַאנְד אוּנ עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט אִין וֶועג. דִיא הָאלֶענְדֶער יוּדִין הָאבִּין גֶעזָאגְט דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דֶעם אִינְזֶעל זֶענֶען גֶעוִוים דִי יוּדִין פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים זֵיי הָאבִּין בֶּערוּנְגֶען פִּיל גֶעלְט צוּ גֶעבִּין דֶעם שִׁיף קַאפִּיטַאן עֶר זָאל פָארִין בִּיז צוּ דִי אִינְזֶעל אוּנ זָאל דָארְטִין זֶעהן דִי מֶענְטְשִׁין אוּנ זָאל וִויסֶען רִיכְטִיג וֶוער זֶענֶען דִי מֶענְטְשִׁין, דֶער שִׁיף קַאפִּיטַאן אִיז גֶעפָארִין אוּנ אִיז גֶע־שְׁטָארְבִּין אִין וֶועג אַיוּנְגֶער מֶענְטְשׁ, ווִי דִי הָאלֶענְדֶער יוּדִין הָאבִּין גִי־הֶערְט אַז צְוֵויי מֶענְטְשִׁין זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבִּין אִין וֶועג אוּנ זֶענֶען נִיט גֶעקוּמֶען צוּ דִי אִינְזִיל, הָאבִּין זֵייא גֶעזָאגְט דָאס אִיז אַצֵייכִין אַז הקב"ה ווִיל נִיט מֶען זָאל וִויסֶען וואוּ דִיא צֶעהן שְׁבָטִים זֶענֶען.

אוּנ וַוייל מִיר וֶוייסִין פוּן דִיא פְּסוּקִים אַז דִיא עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים זֶענֶען נִיט פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַלֶע צוּזַאמֶען מִיט אֵיין מָאהל, נָאר בִּיסְלַאכְוַוייז, ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דה"א קַפִּיטוּל ה׳ פָּסוּק כו) פוּל דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר אוּנ

תלגת

תִּגְלַת פִּלְנֶסֶר דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר הָאבִּין פַארְטְרִיבֶּען דֶעם שֵׁבֶט רְאוּבֵן אוּנ גָּד אוּנ אַהַאלְבִּין שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה אוּנ עֶר הָאט זֵייא גֶע-בְּרֵיינְגְט אִין לַחְלַח וְחָבוּר אוּנ הָרָא אוּנ צוּם טַייךְ גּוֹזָן. אוּנ אִין אַכְט יָאהר שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר אוּנ הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִיא יוּדִין דִיא שְׁטֶעט „עִיוֹן. אָבֵל בֵּית מַעֲכָה, יָנוֹחַ, קֶדֶשׁ, חָצוֹר, גִּלְעָד, גְּלִילָה, אוּנ דִי גַאנְצֶע לַאנְד פוּן שֵׁבֶט נַפְתָּלִי" אוּנ דִיא יוּדִין וָואס הָאבִּין גֶעווֹאהנְט אִין דִיא שְׁטֶעט הָאט תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר פַארְטְרִיבֶּען אִין זַיין לַאנְד אַשּׁוּר [וִוי עֶס שְׁטֵייט מ"ב, ט"ו], אוּנ נָאךְ מִיט נַיין יָאהר שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען שַׁלְמַנְאֶסֶר דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר אוּנ הָאט בֶּעלַאגֶערְט אוֹיף שׁוֹמְרוֹן דְרַייא יָאהר, אוּנ הָאט פַארְטְרִיבֶּען דִיא אִיבֶּערִיגֶע יוּדִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין זַיין לַאנְד אַשּׁוּר אוּנ הָאט בַּזֶעצְט דִי יוּדִין אִין חַלַח אוּנ חָבוּר אוּנ נֶעבִּין טַייךְ גּוֹזָן אוּנ אִין דִי שְׁטֶעט פוּן מָדַי (וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מ"ב י"ז). קֶען זַיין אַז זַייא זֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אִין עֶטְלִיכֶע אֶרְטֶער, אִין מַעֲרָב זַייט פוּן אִינְדְיֶע, אוּנ אִין חִינָא גֶעבִּין דִיא גְרוֹיסֶע מָאהֶער וָואס אִיז אַרוּם חִינָא, צְוֵוייא כּוֹמְרִים וָואס זֶענֶען גִיוֶועזֶן אִין מַעֲרָב זַייט אִינְדְיֶע הָאבִּין אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבִּין דָארְטִין גִיזֶעהֶן דִי יוּדִין פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים, דֶער כּוֹמֶר „אַלְפוֹנְסִי סֶעמֶעדְרוֹ" הָאט דֶערְצֵיילְט אִין דֶעם לַאנְד הוּרְוֶועז וָואס אִיז אִין מַעֲרָב זַייט פוּן חִינָא זֶענֶען דָא פִיל יוּדִין אוּנ ווייל זַייא וֵוייסִין נָאר נִיט פוּן דֶעם גָּלוּת בָּבֶל אוּנ נִיט פוּן דֶעם אַנְדֶערִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אַבֶּעוֵוייזוּנְג אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דִיא צֶעהֶן שְׁבָטִים, וָואס זֶענֶען פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין אֵיידֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארִין, אוּנ מִיר גֶעפִינֶען אִין חִינָא פִיל מֶענְטְשִׁין וָואס טוּהֶען מִצְוֹת אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין אוּנְזֶער תּוֹרָה, דָאס אִיז אַסִימָן אַז אִין חִינָא זֶענֶען דָא יוּדִין פוּן דִיא צֶעהֶן שְׁבָטִים.

דֶער שְׁרֵייבֶּער נִיקוֹלַאס זָאגְט עֶר הָאט אַמָאהל גֶעטְרָאפִין

אמענמ"ש

אמענטש וואס ער האט אים דערקענט אז ער איז אפרעמדער, ער האט אים געפרעגט ווער ער איז האט ער געזאגט איך בין אישראל (אז מען רופט איודין „יהודי" האט ער ניט געוואוסט), ניקולאס האט געבעטין דעם יוד ער זאל גיין צו אים אהיים איז ער מיט אים געגאנגען, ניקולאס האט גיעפינט פאר דעם יוד אתנ"ך וואס איז גיוועזן געדרוקט מיט ענגלישע אותיות האט דער יוד ניט געקענט לייענען, נאר צווישען דיא ענגלישע ווערטער זענען גיוועזן לשון קודש ווערטער, האט ער זיי באלד דערקענט אונ האט געזאגט מיט שמחה דאס איז לשון הקדש, נאר לייענען דיא ווערטער האט ער ניט געקענט, ער האט געזאגט בייא זיי אין שטאט זענען דא אביסול ישראלים זייא האבין אשוהל אונ האבין אספר תורה וואס זיא איז בעהאלטין בייא זייא מעהר ווי זיבען הונדערט יאהר, אונ אין דיא שטאט „האמקוי" אין לאנד „אדעגוויאן" זענען דא פיל ישראלים אזעלכע וויא איך בין, דער מענטש האט אים דערציילט פיל מעשות פון דיא תורה, אונ דיא מעשה פון אחשורוש מיט מרדכי אונ אסתר, נאר ער האט ניט געקענט גוט ריידין דיא לשון הקדש ווערטער, אז ער האט געוואלט זאגין ירושלים האט ער געזאגט הירושלאים, ער האט געזאגט אין זיין פאמיליע (משפחה) זענען דא מענטשין וואס קענען ריידין לשון קודש, זיין ברודער קען אויך ריידין לשון קודש, נאכדעם האט ניקולאס געשיקט אבריף צו זיינעם אגוטין פריינד אין די שטאט וואס דער מענטש האט געזאגט, איז גיוועזן אלץ אמת ווי ער האט געזאגט, מען האט גיזעהן די ספר תורה וואס ער האט געזאגט איז זיא גיוועזן ריכטיג גלייך ווי אונזערע ספרי תורות, פון דעם דערצעלונג זעהן מיר אז אין חינא זענען דא יודין פון דיא עשרת השבטים. ווי דער נביא ישעיה האט גע-זאגט אין קפיטול מ"ט אלה מרחוק יבואו וגו' ואלה מארץ סינים עם וועלין קומען יודין פון ווייטע לענדער פון צפון אונ פון

מערב

מַעֲרָב אונ פון לַאנְד סִינִים (סִינִים מֵיינְט מֶען חִינָא).

אַנַאטִּים שְׁרַייבְּט דֶער מֶלֶךְ פון פָּרַם „פֶּערוּסִיאַם" הָאט גֶעהַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט דִי מֶענְטְשִׁין פון שֵׁבֶט נַפְתָּלִי, צְוַויי מָאהל, דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל הָאבִּין דִיא מֶענְטְשִׁין פון שֵׁבֶט נַפְתָּלִי אַיינְגֶענוּמֶען דִי מִלְחָמָה, אונ דֶער מֶלֶךְ פֶּערוּסִיאַם הָאט גֶעמוּזְט בֶּעטִין בַּיי זֵיי מֶען זָאל מַאכִין שָׁלוֹם, דֶער שֵׁבֶט נַפְתָּלִי הָאבִּין גֶעמַאכְט מִיט אִים שָׁלוֹם, אונ דֶעם שָׁלוֹם הָאט מֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אַפַּארְמֶענְט מִיט דֶעם תְּנַאי דֶער מֶלֶךְ פֶּערוּסִיַאם זָאל נִיט קוּמֶען נָאךְ אַמָאהל מִלְחָמָה הַאלְטִין מִיט זֵיי, אונ פַאר אַצֵייכִין אַז דֶער שֵׁבֶט נַפְתָּלִי הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִיא מִלְחָמָה, זָאל דֶער מֶלֶךְ פֶּערוּסִיַאם זִיךְ בּוּקִין צוּ דֶעם מֶלֶךְ פון שֵׁבֶט נַפְתָּלִי, דָאס אִיז גִיוָועען פַאר דֶעם מֶלֶךְ פֶּערוּסִיַאם אַגְרוֹיסֶע שַׁאנְדֶע, הָאבִּין זַיינֶע שָׂרִים אִים גֶעגֶעבִּין אַעֵצָה מֶען זָאל בֶּעטִין דֶעם שֵׁבֶט נַפְתָּלִי זֵייעֶר מֶלֶךְ זָאל גֵיין שְׁפַּאצִירֶען מִיט דֶעם מֶלֶךְ פֶּערוּסִיַאם, אונ פֶּערוּסִיַאם זָאל גֵיין מִיט אִים צוּ דֶעם אָרְט וָואס דִיא זוּנְן זָאל דָארְטִין זַיין דַאמָאלְס וֶועט עֶר זִיךְ בּוּקִין פַאר דֶעם מֶלֶךְ פון שֵׁבֶט נַפְתָּלִי, וֶועט מֶען זָאגִין נִיט צוּם מֶלֶךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעבּוּקְט, נָאר צוּא דִיא זוּנְן, וָוארוּם דִי פֶּערְסִיאַנֶער בּוּקִין זִיךְ אַלֶע טָאג צוּ דִי זוּנְן, דֶער מֶלֶךְ פֶּערוּסִיַאם הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעשֶׁעמְט וָואס עֶר הָאט פַארְלָאזְרִין דִיא מִלְחָמָה, הָאט עֶר פַארְזַאמוּלְט פִיל זֶעלְנֶער אונ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ אַמָאהל צוּם שֵׁבֶט נַפְתָּלִי הַאלְטִין מִיט זֵייא אַמִלְחָמָה, דֶער שֵׁבֶט נַפְתָּלִי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פַּארְמֶעט וָואס אוֹיף אִים אִיז גִיוָועען גֶעשְׁרִיבֶּען דֶער שָׁלוֹם מִיט דֶעם תְּנַאי אַז פֶּערוּסִיַאם זָאל נִיט נָאךְ אַמָאהל הַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט שֵׁבֶט נַפְתָּלִי, אונ הָאבִּין דֶעם פַּארְמֶעט אַרוֹיף גֶעזֶעצְט אוֹיף אַשְׁטֶעקִין אונ גֶעמַאכְט וְוִי אַפָאן, פֶּערוּסִיַאם זָאל לֵייעֶנֶען וָואס אוֹיף דֶעם פַּארְמֶעט אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען, פֶּערוּסִיַאם הָאט גָאר נִיט גֶעוָואלְט דָאס לֵייעֶנֶען, הָאט דֶער שֵׁבֶט נַפְתָּלִי גֶעטָאהן מִיט חָכְמָה אונ הָאבִּין

געשיקט

געשיקט מענטשין זיי זאלין גראבין אויף דעם וועג פיל גריבער זייער טיפע, אונ זאלין די גריבער בדעקין מיט דינע ברעטליך אונ אויף די ברעטליך בעשיטען אביסול ערד מען זאל ניט זעהן דיא ברעטליך, אונ ווי זיי זענען געקומען צו די מלחמה האבין זיי אנגעהויבין אנטלויפין צוריק, פערוסיאוס האט געמיינט דער שבט נפתלי האט מורא פאר אים, האט פערוסיאוס מיט זיינע זעלנער געיאגט נאך דעם שבט נפתלי זענען זיי אריין געפאלין אין דיא גריבער אונ זענען געהרגת גיווארין, פערוסיאוס איז אויך גע רגת גיווארין, דיא מלחמה איז פארשריבען אין דיא ביכער פון פרסיע, אויף אריכטיגען צייכין אז עס איז אמת גע-פינען מיר פיל שרייבער האבין געשריבען פון די מלחמה, אונ דער שבט נפתלי וואהנען צוזאמען מיט דיא הינין, נאר די הינין זענען שווארצע אונ מיאוסה, אונ דער שבט נפתלי זענען ווייסע אונ שיינע, דריבער ווייס מען אז זייא זענען פרעמדע פון אפרעמדע לאנד פארטריבען גיווארין, אונ די בשעפטיגונג זייערע זענען אנדערש, דיא הינין זענען ניט שטענדיג אויף איין ארט נאר זיי גייען פון איין ארט צום אנדערין ווי די אראביער. אונ דיא מענטשין פון נפתלי זענען שטענדיג אויף איין ארט, דער שרייבער פרוקופי שרייבט דיא נפתליטין האבין אמלך אונ זייער פירונג איז מיט חכמה זייא האבין מורא פאר זייער מלך אונ טוהען אלץ וואס דער מלך האט געבאטין, זייערע מתים בגראבין זיי מיט גרויס כבוד, זיי טוהען ניט ווי דיא הינין וואס ווארפין זייערע מתים אויף דעם פעלד די חיות אונ די עופות זאלין זיי אויפעסין, עזריה האדומי אין זיין ספר מאור עינים ברייננגט אויך דיא מלחמה פון דיא נפתליטען נאר דארט שטייט דער נאמען פון איין אנדער מלך.

רבי יוסף כהן שרייבט אין זיין ספר „סדר עולם" איינער דוד ראובני פון שבט ראובן ער איז גיוועזן אברודער פון דעם

יודישען

יודישֶׁען מֶלֶךְ אִיז עֶר גִיפָארִין דוּרְךְ דֶעם לַאנְד אִינְדָיא אוּנ אִיז גֶעקוּמֶען אִין פּוֹרְטִינָאל אוּנ הָאט מְגַיֵיר גִיוֶוען דֶעם שְׁרַייבֶּער פוּן מֶלֶךְ אוּנ הָאט אִים מַל גִיוֶוען אוּנ הָאט אִים גֶערוּפִין אַיוּדִישֶׁען נָאמֶען שְׁלֹמֹה מָלְכוּ, אוּנ אִין אַקוּרְצֶע צַייט הָאט דָוִד רְאוּבֵנִי אוֹיסְגֶעלֶערוּנְט דֶעם שְׁלֹמֹה מָלְכוּ תּוֹרָה אוּנ קַבָּלָה אוּנ עֶר אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶער חָכָם, אַלֶע חֲכָמִים פוּן אִיטַלְיָא הָאבִּין זִיךְ גֶע-וְואנְדֶערְט אוֹיף זַיין חָכְמָה, אוּנ דִיא צְוַויי מֶענְטְשִׁין דָוִד רְאוּבֵנִי אוּנ שְׁלֹמֹה מָלְכוּ הָאבִּין גֶעוָואלְט מְגַיֵיר זַיין דֶעם מֶלֶךְ פְרַאנְצִישֶׁעק אוּנ דֶעם פַּאפְּסְט פוּן רוֹים אוּנ דֶעם קֵיסַר קַארְל (דֶער פִינְפְטֶער), אָבֶּער דֶער קֵיסַר קַארְלוּס הָאט גֶעהֵייסִין חַאפִּין דִי צְוַויי מֶענְטְשִׁין, דֶעם שְׁלֹמֹה מָלְכוּ הָאט מֶען פַארְבְּרֶענְט לֶעבֶּעדִיג אִין דִי שְׁטָאט מַאנְטוּבָה, פַאר דֶעם פַארְבְּרֶענֶען הָאט דֶער קֵיסַר קַארְלוּס גֶע-זָאגְט צוּ שְׁלֹמֹה מָלְכוּ אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט צוּרִיק וֶוערִין אַקְרִיסְט ווִיא דוּא בִּיזְט גִיוֶוען וֶועל אִיךְ דִיר אַלְץ שֵׁיינְקֶען, הָאט שְׁלֹמֹה מָלְכוּ נִיט גֶעוָואלְט, אוּנ דֶעם דָוִד רְאוּבֵנִי הָאט דֶער קֵיסַר קַארְלוּס גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אִין דֶעם לַאנְד סְפָרַד אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען גֶע-בּוּנְדִין מִיט קֵייטִין בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין, אִין אַקוּרְצֶע צַייט, רַבִּי אַבְרָהָם פְּרִיצוֹל שְׁרַייבְּט אִין מַיין צַייט אִיז אַיינֶער דָוִד הָרְאוּבֵנִי פוּן דִי שְׁטָאט תָּאבוּר וָואס אִין לַאנְד קֵדָר גֶעקוּמֶען אִין אַייְרָאפָּא אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אִין זַיין לַאנְד וואהנֶען צְוַויי שְׁבָטִים פוּן יוּדִין אוּנ נָאךְ פִּיל יוּדִין אוֹיסֶער דִיא צְוַויי שְׁבָטִים, אוּנ זֵיי הָאבִּין מְלָכִים אוּנ שָׂרִים, אוּנ זֵיי זֶענֶען אַגְרוֹיסֶע פָאלְק, אוּנ עֶס קֶען זַיין אַז תָּבוּר אִיז דָאס זֶעלְבִּיגֶע וָואס חָבוֹר, אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער מֶלֶךְ אַשּׁוּר הָאט פַארְטְרִיבֶּען דִי צֶעהֶן שְׁבָטִים אִין לַחְלַח אוּנ חָבוֹר, אוּנ נִישְׁט אַלֶע צֶעהֶן שְׁבָטִים מִיט אַיין מָאהל נָאר בִּיסְלֶעכְוַויז (ווִיא מִיר הָאבִּין פְרִיעֶר גֶעשְׁרִיבֶּען). נָאךְ שְׁרַייבְּט רַבִּי אַבְרָהָם פְּרִיצוֹל עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן צְוַויי רַבָּנִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין אַפְרִיקָא גֶעבִּין טַייךְ נִילוּס הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהֶן

צוויי

צְווייא גְרויסֶע פֶעלְקֶער אַיין פָאלְק זָענֶען יוּדִין אוּנ זַיי הָאבִּין אַנְגְרויסִין מֶלֶךְ מִיט אַרייכֶע מְלוּכָה, אוּנ דֶער שְׁרַייבֶּער פְּטוּלוֹמוּס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין זַיין סֶפֶר צוּרַת הָעוֹלָם דֶער אָנְהֵייבּ פוּן טַייךְ נִילוּס אִיז אִין אַפְרִיקָא פוּן דִי גְרוֹיסֶע בֶּערְג וָואס מֶען הָאט זַיי גֶערוּפִין „מוּנְטֶס דֶע לַא לִינַא" אוּנ דָארְטִין וואהְנֶען זֵייעֶר פִיל יוּדִין אוּנ גִיהֶערִין צוּם מֶלֶךְ פוּן פַּאפִּיַאן אוּנ זַיי גִיבֶּען אִים פָּארַאטֶּקְעס.

דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין סַנְהֶדְרִין (פרק יא) רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט דִי צֶעהִן שְׁבָטִים זָענֶען פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין אִין דְרַיי אֶרְטֶער אויף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, אוּנ אִין דוּפְנִי שֶׁל אַנְטוּכְיָא, אוּנ צוּ אַזוי אַאָרְט וָואס. הקב"ה הָאט זַיי בֶּדֶעקְט מִיט אַוָואלְקִין מֶען זָאל נִיט זֶעהִן וְוא זַיי זֶענֶען, דֶער טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אִיז אִין אִינְדְיָא (ווי עֶס שְׁטֵייט אִין סֶפֶר הַבְּרִית). אַנְטוּכְיָא אִיז אִין לַאנְד טִירִין, דוּפְנִי אִיז אַפָּארְשְׁטָאט, זָאגְט רַבִּי יוֹחָנָן אויךְ אַז דִיא צֶעהִן שְׁבָטִים זֶענֶען אִין אִינְדְיָא. דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן בֶּן עוּזִיאֵל אִין דִיא סֶדְרָה תִשָּׂא שְׁרַייבְּט אויף דֶעם פָּסוּק נֶגֶד כָּל עַמְּךָ אֶעֱשֶׂה נִפְלָאוֹת, וְאַשֵּׁרִינוּן מִן לְגֵיו לְנָהָר סַמְבַּטְיוֹן, אִיךְ וֶועל מַאכִין רוּהֶען דִי יוּדִין אויף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, דֶער מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא שְׁרַייבְּט דִי צֶעהִן שְׁבָטִים זֶענֶען פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארִין אויף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, דִי גְמָרָא אִין סַנְהֶדְרִין אוּנ דֶער מֶדְרָשׁ שְׁרַייבִּין אויף דֶעם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן דִיא אַלֶע וָועקְס טֶעג פוּן דֶער וָואךְ וַוארְפְט דֶער וַואסֶער שְׁטֵיינֶער אִין דֶערְהֵייךְ מִיט אַגְרויסִין שְׁטוּרֶעם, אוּנ פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אַז עֶס הֵייבְּט אָן וֶוערִין שַׁבָּת וֶוערְט דֶער טַייךְ רוּהִיג אַגַאנְצִין שַׁבָּת בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת (עיין רש"י שם ס"ה ע"ב). אוּנ וַוייל מֶען קֶען נִיט קוּמֶען צוּ זַיי סַיידִין מֶען זָאל אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, אוּנ דֶעם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן קֶען מֶען נִיט אַרִיבֶּער, אִין דֶערְוָואכִין נִיט אוּנ שַׁבָּת אויךְ נִיט וַוייל עֶס אִיז שַׁבָּת. דְרִיבֶּער קֶענֶען מִיר נִיט קוּמֶען צוּ זַיי אוּנ זַיי קֶענֶען נִיט קוּמֶען צוּ אוּנְז, אוּנ יוֹסֵף בֶּן

גוריון

גוּרְיוֹן הַכֹּהֵן שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר מִלְחָמוֹת יִשְׂרָאֵל וֶוען טִיטוּס אִיז גֶעפָארִין צְווִישֶׁען דִי לַאנְד אַרְקָאשׁ אוּנ דִי לַאנְד רוּפַּאנָא הָאט עֶר גִיזֶעהן אַטַייךְ וָואס אַגַאנְצֶע וָואךְ (זֶעקְס טֶעג) אִיז אִין אִים דָא פִיל וַואסֶער אוּנ דִיא וַואסֶער פְלֵייצְט זֵייעֶר שְׁטְרוֹימִיג, אוּנ פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט פְלוּצְלוּנְג וֶוערְט דֶער טַייךְ טְרוּקִין אָן אֵיין טְרָאפִּין וַואסֶער, וִוי דֶער שַׁבָּת גֵייט אַוֶועק וֶוערְט פְלוּצְלוּנְג דֶער טַייךְ פוּהל וַואסֶער אוּנ שְׁטוּרֶעמְט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גִיוֶועהן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע וָואךְ, אוּנ אַזוֹי אִיז אֵייבִּיג אַלֶע וָואךְ אוּנ אַלֶע שַׁבָּת, דְרִיבֶּער רוּפְט מֶען דֶעם טַייךְ „שַׁאבַּאתִיקָא״, וַוייל עֶר רוּהְט שַׁבָּת.

רַבִּי מָרְדְכַי יָפָה שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר יְפֵה תּוֹאַר אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אַגְלֶעזֶערְנֶע כֵּלִי פוּהל מִיט זַאמְד פוּן דֶעם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אַלֶע זֶעקְס וָואכֶענְדִיגֶע טֶעג הָאט דִי זַאמְד גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין דֶערְהַייךְ אִין דִי כֵּלִי אוּנ עֶס הָאט נִיט גֶערוּהְט אֵיין רֶגַע, אוּנ שַׁבָּת הָאט דִי זַאמְד גֶערוּהְט, נָאךְ שְׁרַייבְּט רַבִּי מָרְדְכַי יָפָה מַיין פָאטֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט עֶר הָאט אַלֵיין גִיזֶעהן אַז אִין דִי שְׁטָאט לִיסְבּוֹנָא אִין לַאנְד פּוֹרְטִיגַאל אִיז גִיוֶוען אַגוֹי וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַגְלֶעזֶערְנֶע כֵּלִי פוּהל מִיט זַאמְד פוּן טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, אוּנ אַגַאנְצֶע וָואךְ הָאט דִיא זַאמְד גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין דֶערְהַייךְ אִין דִיא כֵּלִי אוּנ פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט הָאט דִי זַאמְד גֶערוּהְט, אוּנ דֶער גוֹי הָאט גֶענוּמֶען דִיא כֵּלִי אוּנ אִיז מִיט אִיר גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא יוּדִישֶׁע גַאס אוּנ הָאט גֶעוִויזִין דִיא יוּדִין דִיא כֵּלִי אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ זֵיי זֶעהְט עֶס אִיז שׁוֹין שַׁבָּת, מֶען דַארְף פַארְשְׁלִיסֶען דִיא קְרָאמֶען אוּנ צִינְדִין לִיכְט וָוארוּם דִי זַאמְד אִיז שׁוֹין רוּהִיג, אַמָאהל אִיז דֶער גוֹי גֶעשְׁטַאנֶען מִיט דִי כֵּלִי זַאמְד גֶעבִּין אַטֶער־קֶעשִׁין קְלוֹיסְטֶער, אוּנ דֶער שַׂר פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם גוֹי וָואס עֶר הַאלְט אִין הַאנְט, הָאט דֶער גוֹי אִים גֶעוִויזֶען דִיא כֵּלִי מִיט דִי זַאמְד אוּנ הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי זַאמְד אִיז גֶענוּמֶען גִיוָוארִין פִין טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אוּנ דִי זַאמְד בְּלַייבְּט רוּהִיג אוּם שַׁבָּת, הָאט

דער

דֶער שַׂר אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן אִים דִי נַאמְד, בִּיז עֶר הָאט אִים צוּ גֶעזָאגְט ,עֶר זָאל נִיט מֶער גֵיין צוּ דִיא יוּדִין בַּוייזִין זַיי וֶוען עֶ־
אִיז שַׁבָּת

דֶער רמב״ן ז״ל שְׁרַייבְּט אִין דִי סֶדְרָה הַאֲזִינוּ דֶער טַייךְ גוֹזָן דָאס אִיז דֶער טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אוּנ דֶער טַייךְ גוֹזָן דָאס אִיז דֶער טַייךְ גַנְגַאוּ וָואס אִיז אִין אִינְדְיָא, אוּנ רַבִּי בִּנְיָמִין טוּדֶעלַא וָואס עֶר הָאט גֶערַייזְט אַלַאנְגֶע צַייט אִין פִּיל לֶענְדֶער שְׁרַייבְּט בַּיי דִיא בֶּערְג לִיסְבּוּן וָואס נֶעבִּין טַייךְ גוֹזָן וואהְנֶען פִיר שְׁבָטִים יוּדִין ,,דָן זְבוּלוּן אָשֵׁר נַפְתָּלִי״ זַיי זֶענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע פַארְטְרִיבֶּענֶע וָואס שַׁלְמַנֶּסֶר דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר הָאט פַארְטְרִיבֶּען, זַייעֶר לַאנְד אִיז גְרוֹיס צוּ גֵיין צְוַאנְצִיג טָאג, צְווִישֶׁען דִיא לִיסְבּוּנֶער בֶּערְג הָאבִּין דִיא יוּדִין שֵׁיינֶע הַייזֶער אוּנ פַּאלַאצִין, זַיי הָאבִּי אַנָשִׂיא פַאר אַמֶלֶךְ, זַיי הָאבִּין רַבָּנִים חַכָמִים וָואס קֶענֶען לֶערְנֶען, זַיי זַייעֶן פֶּעלְדֶער אוּנ שְׁנַיידִין דִי תְּבוּאָה אוּנ הָאבִּין מִלְחָמוֹת מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן כּוּשׁ, רַבִּי אַבְרָהָם פְּרִיצוֹל שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר אוֹרְחוֹת עוֹלָם פרק כד דֶער טַייךְ סַאבַּאתִיקָא (סַאמְבַּטְיוֹן) גֵייט פוּן דֶעם לַאנְד קַאלִיקוּט, צְווִישֶׁען אִינְדְיָא אוּנ צְווִישֶׁען דִי לַאנְד וְוא דִי יוּדִין וואהְנֶען, אוּנ אַזוֹי שְׁרַייבְּט דֶער סֵפֶר הַבְּרִית, אֶלְדָד הַדָנִי שְׁרַייבְּט דֶער טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אִיז בְּרֵייט צְוֵויי הוּנְדֶערְט טְרִיט אוּנ אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט טַייךְ זֶענֶען דָא פִיר שְׁבָטִים ,,דָן נַפְתָּלִי גָד אָשֵׁר״ פִיל שְׁרַייבֶּער פוּן פַארְצַייטִיגֶע שְׁרַייבֶּערְס שְׁרַייבִּין דֶער טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אִיז נֶעבִּין יַם קַאשְׁפִּיָא, דֶער כַּסְפִּישֶׁער יַם, פוּן דִיא אַלֶע רֵייד זֶעהְן מִיר אַז דִיא צֶעהְן שְׁבָטִים זֶענֶען פַאר־שְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אִין מַעֲרָב אִינְדְיָא (וֶועסְט אִינְדְיָא) אוּנ אִין חִינָא בַּיי דִיא גְרֶענֶעץ פוּן לַאנְד קֵדָר אוּנ אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זַייט פוּן טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן אוּנ אִין לַאנְד כּוּשׁ (עֶטִיאִיפַּאן), אוּנ בַּייא דִיא גְרֶענֶעץ פוּן אַבִּיסִינְיַא.

וָוען פוּלִיפוּס דֶער דְרִיטֶער הָאט גֶעקִינִיגְט אִין דָאס לַאנְד

ספרד

ספרד איז געקומען פון אינדיא אין רוים אעלצטער זיין נאמען איז גיוועו [פעדרא הערנאנדעש דע גוויראס], דער פעדרא איז גיוועו אלאנגע צייט אין אינדיא, אונ ער האט גיוויזען אין רוים אז עס איז דא נאך פיל לענדער וואס מען דארף זיי איין נעמען זיי זאלין גיהערין צו די איירָאפּעאישע מלכים, פון רוים איז ער גיפארין אין מאדריד אונ מען האט אים גיגעבין פינף שיפען מיט זעלנער ער זאל פארין האלטין מלחמה מיט די לענדער וואס ער ווייס פון זיי, איז ער גיפארין צום ים צור, אויף דעם ים האט ער געטראפין עטליכע אינזלען, די אינדיאנער וואס זענען גיוועו מיט אים אין דיא שיף האבין געזאגט צו אים אויף דעם ים זענען דא נאך אינזלען אונ דיא מענטשין וואס וואהנען אויף די אינזלען די פארב פון זייער פנים איז ווי די פארב אינדיגא אונ ברוין געל אונ רויט, אונ ווייטער פון די אינזלען זענען דא נאך אינזלען וואס אין זיי איז דא פיל פרוכטין אונ תבואה, אונ אויף דיא אינזלען וואהנען פיל מענטשין שיינע אונ ווייסע אונ זייערע קליידער זענען זיידענע אונ רייכע אונ לאנגע, אונ ווען פעדרא מיט זיינע מענטשין זענען געקומען צו די אינזלען, האט דער אלצטער געבאטין עטליכע מענטשין פון דיא שיף זאלין ארויין גיין אין אקליינע שיף אונ זאלין שווימען [צום ברעג ים אונ זאלין פאר אנקערין די גרויסע שיף זיא זאל בלייבין שטיין נעבין דיא אינזעל, אונ אלע מענטשין פון די שיף זאלין ארויף גיין אויף דיא אינזעל, אונ פיל מענטשין פון דיא אינזעל זענען געקומען צום ברעג ים, זעהן דיא מענטשין וואס זענען געקומען מיט די שיף, דיא גרויסע שיף האט אויך געוואלט קומען צום ברעג ים אונ איז צוא געשטויסין גיווארין צו אזאמד בארג אונ דיא שיף איז געבליבען שטיין אין ים, דער אלצטער איז מיט זיינע אנדערע שיפען געפארין נעבין ברעג ים צו זוכען אגלייכין ארט אין ים ווא דיא שיפען זאלין קענען שווימען, איז ער

געפארין

גֶעפָארִין מִיט דִי שִׁיף גֶעבִּין בְּרֶעג פוּן דיא לַאנְד מֶער וִוי דְרַיי הוּנְדֶערְט מַייל. ווי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דיא עֶנְדֶע גְרֶענְגֶעץ פוּן דיא אִינְזֶעל הָאט. עֶר גִיזֶעהן עֶס גֵייט אַגְרוֹיסֶער רוֹיךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט גֶעוִויס אִיז דָא אוֹיךְ אַלַאנְד, אוּנ עֶר הָאט גֶעאַנְקֶערְט דִי שִׁיף אוּנ הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם לַאנְד, הָאט עֶר גִיזֶע[...] ווי דיא מֶענְטְשִׁין פוּן לַאנְד קוּמֶען צוּא זַיי, זַייעֶר פִיל [...] שְׁטַארְקֶע אוּנ הוֹיכֶע ווי דיא רִיזֶען שֵׁיינֶע אוּנ ווַייסֶע[...] גֶעקְלֵיידְט מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער שֵׁיינֶע אוּנ בֶּעוַואקְסִין [...] אוּנ דיא מֶענְטְשִׁין פוּן דיא אִינְזֶעל הָאבִּין גֶעשִׁיקְט צוּ [...] קְנֶעכְט אִינְדְיַאנֶער זַייעֶר פָּנִים אִיז גִיוֶוען גֶעפַארְבְּט ווִי אִינְדִיגָא (ווִי דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מְדִינוֹת), [...] הָאבִּין גֶעבְּרַיינְגְט צוּ דיא שִׁיף שֵׁיינֶע פְרוּכְטִין צוּם עֶסִ[...] הָאבִּין צוּ אִים גֶעוִואנְקֶען עֶר זָאל נִיט אַרַיין גֵיין אִין זַייעֶר [...] נָאר עֶר זָאל פָארִין מִיט דִי שִׁיף ווַייטֶער, דֶער אֶלְצְטֶער פוּן דִי שִׁיף הָאט פַארְהַאלְטִין דִי צְווַיי קְנֶעכְט בַּיי זִיךְ אוּנ אִיז מִיט זַיי צוּרִיק גֶעפָארִין אִין זַיין לַאנְד (אִין סְפָרַד), נָאר מֶען הָאט נִיט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וָואס זַיי רֵיידִין, זַיי הָאבִּין גֶעווִיזֶען אוֹיף זַייעֶר בָּארְד, אַז דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דיא אִינְזְלֶען הָאבִּין אוֹיךְ בֶּערְד, אַז זַיי הָאבִּין גֶעוָואלְט ווַייזִין אַז דיא מֶענְטְשִׁין פוּן דִי מְדִינָה דִינֶען צוּא גָאט וָואס אִין הִימֶעל. הָאבִּין זַיי גֶעוִויזֶען מִיט אֵיין פִינְגֶער צוּם הִימֶעל אוּנ זֶענֶען אִין גַאנְצִין גֶעפַאלִין אוֹיף דֶער עֶרְד. צוּ [...] זַייעֶרֶע הֶערְרִין דִינֶען צוּ אֵיין גָאט וָואס אִין הִימֶעל [...]רְצֶע צַייט זֶענֶען זַיי גֶעשְׁטָארְבִּין אִין סְפָרַד, [...] גֶעפָארִין מִיט דְרַיי שִׁיפ[...]

הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים גֶעמַאכְט פַאר אַעֶלְצְטִין אויף די אַלֶע לֶענְדֶער
אונ אִינְזֶלֶען וָואס עֶר וֶועט גֶעפִינֶען, אונ דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים
גֶעגֶעבִּין פִיל שִׁיפֶען אונ עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין פַאנַאמָה.
ווי דֶער שַׂר פוּן פַאנַאמָה הָאט גִיהֶערְט אַז פֶּעדְרָא אִיז צוּרִיק
קוּמֶען אִין פַאנַאמָה, הָאט דֶער שַׂר גֶעשִׁיקְט צוּ פֶּעדְרָא אַז עֶר
אִים מַאכִין פְרִידֶען אונ הָאט גֶעבֶּעטִין פֶּעדְרָא זָאל קוּמֶען
עֶסִין מִיטָאג, אונ בַּיי דֶעם מִיטָאג הָאט מֶען פֶּעדְרָא
נ עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין.

ן יָאהר פִינְף טוֹיזֶענְד פִיר הוּנְדֶערְט פִיר ווי מִיר צֵיילֶען
צַייט וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין. אַבְּמִצְעהַן
חֹדֶשׁ אֱלוּל, אִיז גֶעקוּמֶען אַיוּר פוּן סְפָרַד אִין אַמְשְׂטֶרְדַם.
יְשֶער נָאמֶען אִיז גִיוֶועזֶען אַהֲרֹן הַלֵּוִי. אִין סְפָרַד אִיז גִיוֶועזֶען
נָאמֶען „אַנְטוּנְיָא דֶע מוּנְטֶעזִינוּס". ווַייל עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אִין
סְפָרַד פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס מֶען הָאט זַייא גֶענַייט זַייא זָאלִין
אָנְנֶעמֶען דָאס קְרִיסְטְלִיכֶע רֶעלִיגְיֶע, אונ וֶועגִין דֶעם אִיז עֶר
אַנְטְלָאפִין פוּן סְפָרַד אונ אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַמְשְׂטֶרְדַם, עֶר הָאט
דֶערְצֵיילְט מִיט צְווַיי אונ אַהַאלְבּ יָאהר צוּרִיק אִיז עֶר גִיוֶועזֶען אִין
דִיא שְׁטָאט הַאנְדוּרָא (דִיא שְׁטָאט אִיז אִין מַעֲרָב זַייט פוּן אִינְדְיָא,
וֶועסְט-אִינְדְיָא), פוּן הַאנְדוּרָא הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פָארִין אִין לַאנְד
פַאפַּיַאן אָדֶער אִין לַאנְד קְווִיטָא, אִיךְ הָאבּ גֶעדוּנְגֶען עֶטְלִיכֶע
אֵייזְלֶען פוּן אַאִינְדִיאַנֶער (זַיין נָאמֶען אִיז גִיוֶועזֶען פְרַאנְצִישְׁקָא
בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע אִינְדִיאַנֶער
דִיא אֵייזְלֶען, צְווִישֶׁען דִיא אִינְדִיאַנֶער
הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסֶען פְרַאנ

דיא אֵייזֶלען זֶענֶען אַראפגעפַאלֶען פון די אֵייזֶלען אויף די ערד, אונ ווייל עס איז זייא גיוועזן שלעכט פון דעם רעגין מיט דעם גרויסין ווינט, אונ אַרויף צוא לאדין דיא משא צוריק אויף דיא אֵייזֶלין, דריבער האבין זיי זיך געפלוכט מיט שרעקליכע קללות, אונ האבין געזאגט דאס קומט אויף אונז וועגין אונזערע זינד. פראנציסקא האט זייא געטרייסט אונ האט געזאגט צוא זייא בערוהיגט אייך דער רעגין מיט דעם ווינט וועלין באלד אויפ-הערין, אונ עס וועט שטיל ווערין, מארגין וועט אויפשיינען די זונן וועט איר האבין פערגעניגען, האבין דיא מענטשין געזאגט מיר זענען גאר ניט ווערט צוא האבין דעם פערגעניגען ווייל מיר זענען זינדיגע מענטשין מיר האבין אזוי פיל שלעכטס גיטאהן צוא דיא היילגע פאלק יודין, וואס זייא זענען היילגער פון אַלע פעלקער, מיר האבין זייא גיפייניגט אונ געברענט ווי דיא שפאניער האבין אונז געהייסין, פארפלוכט זאלין ווערין דיא שפאניער די מערדער, דריבער זענען מיר ווערט צו געשטראפט ווערין, אין דעם זעלבינגען טאג פארין נאכט האט דער רעגין אויפגעהערט דער ווינט איז שטיל גיווארין, האבין מיר אלע גערוהט צווישען די בערג, ביי נאכט האט איינער „מאנטעזינוס" ארויס גענומען פון זיין לעדערנעם קאסטין געטריקנטע ווייצען ברויט אונ צוקער געבעק אונ האט דאס געגעבין צו פראנציסקא, אונ האט געזאגט צוא פראנציסקא אפילו דוא האסט געפלוכט דיא שפאניער פון דעסטוועגין גיב איך דיר דאס צום עסין, האט פראנציסקע געזאגט צוא מאנטעזינוס, איך האב זייא נאך ניט געפלוכט אזוי ווערע קללה פון וויא מען דארף זייא פלוכין, ווייל זייא זענען אשלעכטע פאלק מערדער, נאר איך האף אז אין אקורצע צייט וועל איך זעהן זייער אומגליק וואס אבעהאלטענע פאלק וועט זייא בעשטראפין, נאכדעם איז מאנטעזינוס געקומען

צוּ דִי שְׁטָאט־קְרַטאגִינָא (דִי שְׁטָאט אִיז אִין מַעֲרָב אִינְדְיָא, וֶועסְט־אִינְדְיָא), דִי כּוֹמְרִים פוּן קְרַטאגִינָא הָאבִּין גֶעהֵייסִין מֶען זָאל אִים אַיינְשְׁפַּארִין אִין תְּפִיסָה (גֶעפֵיינְגֶענִיס), וֶוען עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין דֶער תְּפִיסָה אוּנ הָאט גֶעבֶּעטִין צוּ הקב"ה הָאט עֶר גֶעזָאגְט גֶע־לוֹיבְּט אִיז הקב"ה וָואס עֶר הָאט מִיךְ נִיט גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל זַיין אַגֶעצִין דִינֶער אוּנ נִיט אַבַּרְבָּרִי אוּנ נִיט אַכּוּשִׁי אוּנ נִיט אַאִינְדְיַא־נֶער, וִויא עֶר הָאט דֶערמָאנְט דָאס וָוארְט „אִינְדְיַאנֶער“ אִיז עֶר דֶערשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין, דִי אִינְדְיַא־נֶער זֶענֶען דָאךְ יוּדִין. וִויא עֶר אִיז אַבִּיסֶעל רוּהִיג גִיוָוארִין נָאךְ זַיין בֶּעטִין הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין אִיךְ בִּין דָאךְ מְשׁוּגָע אִיךְ זָאג דִיא אִינְדְיַאנֶער זֶענֶען יוּדִין. זֶענֶען זֵיי דֶען יוּדִין? דְרַיי טֶעג אִיז בַּייא אִים גִיוֶוען דָאס קְלֶערוּנְג וֶוענִין דִיא אִינְדְיַאנֶער וָואס זֵייא זֶענֶען, יוּדִין אָדֶער נִיט יוּדִין, צוּ יֶעדֶער מָאהל וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטִין צוּ הקב"ה אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען דָאס קְלֶערוּנְג וָואס זֶענֶען דִיא אִינְדְיַאנֶער, יוּדִין אָדֶער גּוֹיִים, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ דֶערמָאנְט וָואס פְרַאנצִישְׁקָא דֶער אִינְדְיַאנֶער הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט וֶוענִין דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן אִינְדְיָא, מַאנְטֶעזִינוּס הָאט גֶעשְׁוָוארִין עֶר זָאל נִיט רוּהֶען בִּיז עֶר וֶועט וִויסֶען דֶעם אֱמֶת וֶוער זֶענֶען דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן אִינְדְיָא, יוּדִין אָדֶער גּוֹיִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז הקב"ה וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן תְּפִיסָה וֶועט עֶר זוּכֶען וואוּ אִיז פְרַאנְצִישְׁקָא וַוייל פְרַאנְצִישְׁקָא וַויים גֶעוִויס וֶועלְכֶע פָאלְק דִיא אִינְדְיַאנֶער זֶענֶען, עֶס אִיז אַזוֹי גִיוֶוען הקב"ה הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן תְּפִיסָה דֶעם מַאנְטֶעזִינוּס אוּנ עֶר אִיז גִיפָארִין צוּם פָארְט הָנְדִירָא וואוּ עֶר אִיז פְרִיעֶר גִיוֶוען אוּנ עֶר הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען דֶעם פְרַאנְצִישְׁקָא, מַאנְטֶעזִינוּס הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם פְרַאנְצִישְׁקָא אוֹיבּ עֶר גֶעדֵיינְקְט. וָואס עֶר הָאט גֶערֶעט בַּיי נַאכְט וֶוען זַיי זֶענֶען גִיזֶעסִין צְווִישֶׁען דִי בֶּערְג, הָאט פְרַאנְצִישְׁקָא גֶעזָאגְט אִיךְ גֶעדֵיינְק אַלְץ, מַאנְטֶעזִינוּס הָאט גֶעזָאגְט צוּא פְרַאנְצִישְׁקֶע אִיךְ וִויל גַיין

מִיט

מיט דיר צוזאמען וואהין דוא וועסט גיין, האט פראנצישקע געזאגט צוא מאנטעזינוס איך וועל אזוי טאהן, מיר וועלין גיין צוזאמען, מאנטעזינוס האט געגעבין צו פראנצישקא דריי רייניש טאלער ער זאל קויפין שפייז (עסינווארג) צו עסין אין וועג, ווען זיי ביידע זענען געגאנגען אין וועג האט מאנטעזינוס געזאגט צו פראנצישקא. זאלסט וויסען איך בין איוד פון שבט לוי, דער גאט וואס האט בשאפין דיא וועלט איז מיין גאט, און אלע געטער וואס די פעלקער דינען צו זיי זענען גאר נישט. פראנצישקא איז דערשראקין געווארין און האט געזאגט צו מאנטעזינוס זאג מיר דעם נאמען פון דיינע עלטערין, האט מאנטעזינוס געזאגט מיינע עלטערין זענען געוועזען אברהם יצחק יעקב. פראנצישקא האט געזאגט צו מאנטעזינוס איין ריכטיגען פאטער האסטו ניט געהאט? האט מאנטעזינוס געזאגט מיין פאטער האט געהייסען „לואיש דע מאנטעזינוס", פראנצישעק האט געזאגט צוא מאנטעזינוס איך גלויב דיר ניט וואס דוא זאגסט, האט מאנטעזינוס געזאגט איך שווער אז איך האב דיר געזאגט דעם אמת, גייענדיג האבין זיי צוזאמען געשמועסט איינער האט געפרעגט דער אנדערער האט גיענטפערט, נאכדעם האט פראנצישעק נאך אמאהל געזאגט צוא מאנטעזינוס דוא ביזט איוד? האט מאנטעזינוס געזאגט יא, איך בין איוד, פראנצישעק האט געזאגט צו מאנטעזינוס מיר וועלין דא אביסול זיצען און רוהען, מיר וועלין עפעס עסין און טרינקען נאכדעם וועלין מיר ריידין, נאך דעם עסין האט פראנצישעק געזאגט צו מאנטעזינוס אז דו גייסט יא מיט מיר צוזאמען וועל איך דיר זאגין אלץ וואס דו ווילסט וויסען נאר דו זאלסט מיך פאלגין וואס איך וועל דיר זאגין, ערשטינס זאלסטו אין וועג ניט פארין נאר גיין מיט דיא פיס. און עסין זאלסטו נאר ווייצין ברויט. מאנטעזינוס האט געזאגט ער וועט אזוי טאהן, אויף מארגען האט געזאגט פראנצישעק צו מאנטעזינוס נעם ארויס פון

דיין

דיין זאַק דַיינֶע אַלֶע זאַכִין וָועסְטוּ גֶעפִינֶען אוּנְטֶען אִין זאַק פִּילְצֶענֶע שִׁיךְ זָאלְסְטוּ זַיי אָנְטָאהן אויף דַיינֶע פִּיס אוּנ נֶעם דֶעם שְׁטֶעקִין אִין הַאנְט אוּנ גֵיי אִינְטֶער מִיר, מַאנְטֶעזִינוּס הָאט אַזוֹי גֶעטָאהן ווי פְּרַאנְצִישֶׁעק הָאט אִים גֶעהֵייסִין, זַיין שְׁוָוערְד אוּנ זַיין מַאנְטִיל אוּנ אַלְץ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט הָאט עֶר דָארְטִין גוּט בֶּעהַאלְטִין, פְּרַאנְצִישֶׁעק הָאט גֶעטְרָאגִין אויף זַיינֶע פְּלֵייצֶעס דְרַיי מָאס וַוייץ אוּנ צְוַויי שְׁטְרִיק אוּנ זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם וֶועג אַגַאנְצֶע וָואךְ בִּיז שַׁבָּת, שַׁבָּת הָאבִּין זַייא גֶערוּהט אויף אַיין אָרְט. נָאךְ שַׁבָּת זֶענֶען זַייא וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען זוּנְטָאג מָאנְטָאג דִינְסְטָאג, נָאר דִינְסְטָאג פַאר'ן נַאכְט זֶענֶען זַיי גֶעקוּמֶען צוּ אַגְרוֹיסִין טַייךְ, הָאט פְּרַאנְצִישֶׁעק גֶעזָאגְט צוּ מַאנְטֶעזִינוּס דָא וֶועסְטוּ זֶעהן דַיינֶע בְּרִידֶער, פְּרַאנְצִישֶׁעק הָאט גֶענוּמֶען אַגְרוֹיסֶען שְׁטֶעקִין אויף דֶעם שְׁטֶעקִין הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אַגְרוֹיסֶע טוּךְ אוּנ הָאט גֶעמַאכְט אַפָאן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבִּין דֶעם פָאן גַאנְץ הוֹיךְ פַאר אַצֵייכִין, בַּאלְד הָאבִּין זַיי גִיזֶעהן אויף דִי אַנְדֶערֶע זַייט טַייךְ אַגְרוֹיסִין רוֹיךְ, הָאט פְּרַאנְצִישֶׁעק גֶעזָאגְט צוּא מַאנְטֶעזִינוּס דֶער רוֹיךְ אִיז אַצֵייכִין אַז זַייא וַוייסִין אַז מִיר זֶענֶען דָא, פְּרַאנְצִישֶׁעק הָאט נָאךְ אַמָאהל אוֹיפְגֶעהוֹיבִּין דֶעם פָאן, בַּאלְד אִיז גֶעקוּמֶען אַקְלֵיינֶע שִׁיפוּל מִיט דְרַיי מֶענֶער אוּנ אַיין פְרוֹיא, דִיא פְרוֹיא אִיז אַרוֹיס-גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי שִׁיפוּל אויף דֶעם בְּרֶעג, דִיא מֶענֶער זֶענֶען נִיט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא שִׁיפוּל, דִיא קֶענְטְשִׁין הָאבִּין גֶערֶעט מִיט פְּרַאנְצִישְׁקָא, אָבֶּער מַאנְטֶעזִינוּס הָאט נִ"ט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זַייא רֵיידִין, פְּרַאנְצִישֶׁעק הָאט זַייא דֶערצֵיילְט וֶועגִין וָואס זַייא גֵייעֶן. אוּנ עֶר הָאט זַייא דֶערצֵיילְט אַז מַאנְטֶעזִינוּס אִיז אַיוּד, דִיא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין שְׁטַארְק גֶעקוּקְט אויף מַאנְטֶעזִינוּס אוּנ פְלוּצְלוּנְג זֶענֶען זַיי אַרוֹיס גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן דִיא שִׁיף אויף דֶעם בְּרֶעג אוּנ זֶענֶען גֶעפַאלִין אויף מַאנְטֶעזִינוּס אוּנ הָאבִּיז אִים אָרוּם גֶענוּמֶען אוּנ גֶעקוּשְׁט, דִי פְרוֹי הָאט אִים אוֹיךְ גֶעקוּשְׁט,

נַאכְדֶעם

נָאכְדֶעם אִיז אֵיינֶער פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין צוּרִיק אַריינגֶעגַאנְגֶען
אִין דִיא שִׁיף, אוּנ דִי צְוֵויי מֶענֶער מִיט דִיא פְרוֹיא זֶענֶען נָאךְ
גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בְּרֶעג וַואסֶער, פְרַאנְצִישְׁקָא אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען
נָאנְט צוּא זַייא אוּנ אִיז גֶעפַאלִין פַאר זַייא אוֹיף דִיא עֶרְד אוּנ
דִיא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אִים בַּאלְד אוֹיפְגֶעהוֹיבִּין פוּן דִיא עֶרְד מִיט
גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אוּנ אַבִּיסוּל שְׁפֶּעטֶער הָאט פְרַאנְצִישְׁקָא גֶעזָאגְט
צוּא מַאנְטֶעזִינוּס דוּא וֶועסְט בַּאלְד הֶערִין וָואס דִיא מֶענְטְשִׁין
וֶועלִין צוּא דִיר רֵיידִין, דִיא צְוֵוייא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין גֶענוּמֶען
דֶעם מַאנְטֶעזִינוּס צוּא זִיךְ אוּנ הָאבִּין גִיזָאגְט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה'
אֱלֹהֵינוּ ה' אֶחָד, פְרַאנְצִישְׁקָא הָאט אִיבֶּערגֶעזֶעצְט דִיא וֶוערְטֶער
צוּ מַאנְטֶעזִינוּס אוֹיף דִיא שְׁפַּאנִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע, נָאכְדֶעם הָאבִּין דִי
מֶענְטְשִׁין גֶעזָאגְט אוּנְזֶער פָאטֶער אִיז אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב יִשְׂרָאֵל
אוּנ דִיא צְוֶועלְף קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב, אוּנ וֶוער עֶס וויל קוּמֶען
וואהנֶען אִין אוּנְזֶער לַאנְד וֶועלִין מִיר אִים גֶעבִּין אַוואהנוּנְג,
נָאכְדֶעם הָאבִּין זַייא גֶעזָאגְט מִיר וֶועלִין בַּאלְד פָארִין צוּרִיק אִין
אוּנְזֶער לַאנְד, מַאנְטֶעזִינוּס אִיז גִיוֶוען בֵּייז אוֹיף זַייא פַאר וָואס
זַייא הָאבִּין אִים נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִיא זַאכִין וָואס עֶר הָאט
זַייא גֶעפְרֶעגְט, אוּנ פַאר וָואס זַייא ווילֶען אִים נִיט מִיט נֶעמֶען
אִין זַייעֶר לַאנְד, עֶר אִיז פַאמֶעלִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּא דִיא שִׁיף זֶעהִין
אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ, דִיא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין
פַארשְׁטַאנֶען וָואס עֶר וִויל טָאהן הָאבִּין זֵי אַשְׁטוּיס גֶעטָאהן דִי
שִׁיף אוּנ הָאבִּין זִיא אַוֶועקְגֶעצוֹיגִין פוּן בְּרֶעג אוּנ מַאנְטֶעזִינוּס
אִיז אַרַיין גֶעפַאלִין אִין וַואסֶער אוּנ וַוייל עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט שְׁווימֶען
אִיז עֶר אַרוּנְטֶער אוּנְטֶער דֶעם וַואסֶער זֶענֶען דְרַיי מֶענְטְשִׁין
אַרַיין אִין וואסֶער אוּנ הָאבִּין אִים אַרוֹיסגֶענוּמֶען, אוּנ הָאבִּין
גֶעזָאגְט צוּא אִים מִיט בְּעֶס נִיט מִיט כֹּחַ וֶועסְטוּ אוֹיסְפִירֶען וָואס
דוּא ווילְסְט, פְרַאנְצִישְׁקָא הָאט דִי אַלֶע רֵייד גֶעזָאגְט צוּ מַאנְטֶע
זִינוּס, אִין דְרַיי פִיר טֶעג זֶענֶען גֶעקוּמֶען פִיל שִׁיפֶען מִיט מֶענְטְשִׁין

צוּא

צוּא זֶעהן דֶעם מַאנְטֶעזִינוּס, דִי פִיר זֶענֶען אַװעק גֶעפָארִין, זֶענֶען אַנְדֶערֶע פִיר גֶעקוּמֶען, אִין פִיר טֶעג זֶענֶען גִיוֶועזֶען בַּיי דֶעם בְּרֶעג מֶער וִויא דְרֵייא הוּנְדֶערְט מֶענְטְשִׁין, אוּנ אַלֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין גֶערֶעט צוּ מַאנְטֶעזִינוּס דָאס זֶעלְבִּיגֶע וָואס דִיא עֶרְשְׁטֶע דְרֵייא מֶענְטְשִׁין הָאבִּין גֶעזָאגְט צוּא'אִים, דִי אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זֶענֶען גִיוֶועזֶען שְׁוַוארְץ פַארְבְּרֶענְט פוּן דִיא זוּנְן, אַטֵייל מֶענְטְשִׁין פוּן זֵיי הָאבִּין גֶעהַאט לַאנְגֶע הָאר בִּיז דִי קְנִיה, אַטֵייל מֶענְטְשִׁין אִיז זֵייעֶרֶע הָאר גִיוֶועזֶען אַבִּיסוּל קִירְצֶער, זֵיי זֶענֶען גִיוֶועזֶען שֵׁיין גֶעוַואקְסִין, זֵייעֶרֶע קֶעפּ זֶענֶען גִיוֶועזֶען פַארְוִויקוּלְט מִיט שֵׁיינֶע טִיכְלַאךְ, מַאנְטֶעזִינוּס דֶערְצֵיילְט דֶעם פִינְפְטֶען טָאג נָאךְ הַאלְבִּין טָאג וֶוען זֵיי הָאבִּין גֶעוָואלְט אַװעק צִיהֶען פוּן יֶדעם אָרְט, הָאבִּין זֵייא גֶעהַאט פִיל מִינִים עֶסִינְוַוארְג אִין דִי שִׁיף וָואס דִי מֶענְטְשִׁין הָאבִּין זֵייא גֶעבְּרֵיינְגְט פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטֶעט, נָאכְדֶעם וִויא זֵיי זֶענֶען אַװעק גֶעפָארִין צוּרִיק אַהֵיים מִיט זֵייעֶרֶע שִׁיפֶען הָאט מַאנְטֶעזִינוּס גֶעזָאגְט צוּ פְרַאנְצִישֶׁקָע אִיךְ בֶּעט דִיךְ דוּ זָאלְסְט מִיר דֶערְצֵיילִין אַלְץ וָואס דוּא וֵוייסְט פוּן מַיינֶע בְּרִידֶער, הָאט פְרַאנְצִישֶׁעק גֶעזָאגְט צוּא מַאנְטֶעזִינוּס וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ שְׁטַארְק לִיבּ דְרִיבֶּער וֶועל אִיךְ דִיר אַלְץ דֶערְצֵיילִין, דוּא זָאלְסְט וִויסֶען אִיךְ הָאבּ גֶע- הֶערְט פוּן מַיינֶע אֶלְטֶערִין אַז הקב"ה הָאט גֶעבְּרֵיינְגְט דִיא יוּדִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין דֶעם לַאנְד מִיט גְרוֹיסֶע נִסִים אוּנ וואוּנְדֶער.

מִיר אִינְדְרַאנֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין דִיא לֶענְדֶער אוּנ מִיר הָאבִּין גֶעהַאט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת מִיט דִיא פֶעלְקֶער וָואס הָאבִּין פְרִיעֶר גֶעװאוֹהְנְט אִין דִיא לֶענְדֶער מִיר הָאבִּין זֵייא שְׁטַארְק גֶע- פֵּיינִיגְט מִיט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, נָאךְ עֶרְגֶער וִויא דִיא שְׁפַּאנְיֶער הָאבִּין גֶעפֵּיינִיגְט דִי יוּדִין נָאכְדֶעם הָאבִּין מִיר גֶעטֵיילְט דִי לֶענְדֶער צְווִישֶׁען דִיא שְׁבָטִים אוּנ זֵייא זֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אִין פִיל אֶרְטֶער דֶער שֵׁבֶט דָן וואוֹהְנְט אִין לַאנְד עֶטִיאַפָּא, צוּם שֵׁבֶט דָן זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ דְרֵייא שְׁבָטִים נַפְתָּלִי גָד אָשֵׁר.

אוּנ

און זייא זֶענֶען אַריבֶּער דֶעם טייך עֶטִיפְּיֶע, דָארְט הָאבִּין זייא גֶעפִּיטֶערְט זייעֶרֶע בְּהֵמוֹת און זייעֶר וואהנונג איז גיוועזען אין לאנְד טֶענְטֶען און הָאבִּין אויף זיך גֶעמַאכְט אַמֶלֶךְ אֵיינֶעם: פון שֵׁבֶט דָן פון דיא פאמִילִיֶע אָהֳלִיאָב בֶּן אֲחִיסָמָךְ, זיי הָאבִּין געהיט די מִצְוֹת פון די תּוֹרָה ווי הקב"ה הָאט גֶעבָּאטִין, זיי הָאבִּין גֶעהַאט הונדֶערְט דְרַייסיג טויזֶענְד רייטֶער, און הונדֶערְט טויזֶענְד מִילִיטֶער פוס גייעֶר, די פִיר שְׁבָטִים הָאבִּין גֶעמַאכְט צְווִישֶׁען זיך יֶעדֶער שֵׁבֶט זָאל הַאלְטִין מִלְחָמָה דְרַייא חֲדָשִׁים, און אַזוי הָאבִּין זייא גֶעהַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט זייעֶרֶע פיינְד עֶטְלִיכֶע יָאהר, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זיי דיא בְּנֵי משֶׁה, פְרִיעֶר הָאבִּין זיי גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, נָאכְדֶעם ווי זיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ די פִיר שְׁבָטִים הָאבִּין זיי גֶעטָאהן תְּשׁוּבָה צוּ הקב"ה מִיט אֱמֶת, און זיי הָאבִּין גֶעוואהנְט צוּ זַאמֶען מִיט די פִיר שְׁבָטִים אַלַאנְגֶע צַייט, זיי הָאבִּין גֶעבָּאהט טייעֶרֶע פַּאלַאצִין און הייזֶער פון עֶלְפַאנְד בֵּיין, זייא הָאבִּין גֶעהַאט גְרויס הַצְלָחָה און הָאבִּין גֶעלֶעבְּט זייעֶר לַאנְג, און זֶענֶען גיוועזען רייך מִיט זִילְבֶּער און גָאלְד זייעֶר פִיל, און זֶענֶען גִיוָואַרִין אַגְרויסֶע פָאלְק, זייעֶר שְׁפְּרַאכֶע איז לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ און זיי לֶערְנֶען תּוֹרָה טָאג און נַאכְט, נָאר פון די תַּנָּאִים און אַמוֹרָאִים (דָאס איז די גְמָרָא) ווייסִין זייא נִיט, דֶער שֵׁבֶט יִשָּׂשכָר גֶעפִינְט זיך אין די לֶענְדֶער פָּרַס און מָדַי. און זֶענֶען פַאַרְמִישְׁט גיוָואַרין צְווִישֶׁען די פֶעלְקֶער, אַטייל פון זיי דִינֶען צוּ פייעֶר, און טוּהֶען אַלְץ ווי דיא פֶעלְקֶער טוּהֶען, דֶער שֵׁבֶט רְאוּבֵן איז פַארְמִישְׁט גיוָואַרין צְווִישֶׁען די אַרַאבִּיֶער, דֶער שֵׁבֶט אֶפְרַיִם און אַהַאלְבֶּער שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה וואהנֶען אין דָרוֹם זייט און זייעֶר פַּרְנָסָה איז דֶער רַאבּוּנֶעק, זיי רַאבֶּעוֶועֶן אַלֶע רייזֶענְדֶער וָואס גייעֶן דורך זייעֶר לַאנְד, דֶער שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן און יְהוּדָה וואהנֶען אין לַאנְד כּוּזַר זיי זֶענֶען זייעֶר פִיל מֶענְטְשִׁין, זיי הָאבִּין גֶעהַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט פִינְף און צְוַואנְצִיג מְלָכִים און הָאבִּין זיי אַיינְגֶענוּמֶען און מוּזִין געבין

גֶעבִּין פְּאַרַאטֶקְעס צוּ שִׁמְעוֹן אוּנ יְהוּדָה, אוּנ פִּיל מֶענְטְשִׁין פוּן די צֶעהן שְׁבָטִים זֶענֶען אוֹיף דִּי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, דֶער יוֹסִיפוֹן שְׁרַייבְּט אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער יוֹנָדָב בֶּן רֵכָב אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דִי פִינְסְטֶערֶע בֶּערְג, עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ דְרַייא הוּנְדֶערְט מֶענְטְשִׁין, עֶר הָאט אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער אִין דִּיא לַאנְד וַוייל דִּיא עֶרְד אִיז זַייעֶר נַאס אוּנ דִּיא פִּיס גֵייעֶן אַריין טִיף אִין בְּלָאטֶע, וַוייל דָארְט שַׁיינְט נִיט דִּיא זוּנְן וֶוערְט נִיט דִּיא עֶרְד טְרוּקֶען, אוּנ אַלֶכְּסַנְדֶר הָאט גֶעהֶערְט עוֹפוֹת הָאבִּין גֶערֶעט מִיט גְרִיכִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע, אֵיין עוֹף הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים דַיין קוּמֶען אַהֶער אִיז אוּמְזִיסְט דוּ וֶועסְט נִיט אַרַיין קוּמֶען אִין דָאס גֶעטְלִיכֶע הויז אוּנ נִיט צוּא דִּיא קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, זֶעהן מִיר אַז אִינְטֶער הָרֵי חֹשֶׁךְ (אִינְטֶער דִּיא פִינְסְטֶערֶע בֶּערְג) וואהְנֶען אויךְ יוּדִין.

דֶער סֵפֶר הַבְּרִית שְׁרַייבְּט עֶס אִיז דָא אַשְׁטָאט קוּשִׁין אִין דִּיא לַאנְד „דִּיא מַאלַאבַּארִישֶׁע קִיסְט" אִין דִי שְׁטָאט וואהְנֶען פִּיל יוּדִין, פוּן דִי יוּדִין אִיז גֶעקוּמֶען אַבְרִיף אִין דִּיא שְׁטָאט הַאג צוּ הַגְּבִיר פוּן דִי שְׁטָאט עֶר זָאל זֵיי שִׁיקֶען גְמָרוֹת אוּנ נָאךְ יוּדִישֶׁע סְפָרִים אוּנ צְווייא סִפְרֵי תוֹרוֹת, דֶער גְבִיר הָאט אַזוֹי גֶעטָאהן עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעשִׁיקְט אַלְץ וָואס זֵיי הָאבִּין גֶעבֶּעטִין, נָאכְהֶעם אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זֵייעֶר רַב אַבְּרִיף צוּא דֶעם גְבִיר עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם גְבִיר פַאר דִּיא מַתָּנָה אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען בַּאלְד וִויא מִיר הָאבִּין דֶערְהַאלְטִין דִּיא סְפָרִים מִיט דִי סִפְרֵי תוֹרוֹת הָאבִּין מִיר גֶעמַאכְט יוֹם טוֹב זִיבֶּען טֶעג אִין אַלֶע יוּדִישֶׁע גַאסִין אִיז גִיוֶועזֶן שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן אַזוֹי וִוי פּוּרִים, דִּיא שְׁטָאט קוּשִׁין אִיז אִין מַעֲרָב זַייט פוּן אִינְדֶערְסְטַאן, דִּיא יוּדִין וָואס דָארְטִין וואהְנֶען זֶענֶען פוּן דִּיא צֶעהן שְׁבָטִים וָואס דֶער מֶלֶךְ אַשּׁוּר הָאט פַארְטְרִיבֶּען, זֵיי הָאבִּין נִיט גִיזֶעהן דֶעם חוּרְבַּן פוּן עֶרְשְׁטִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ נִיט

רעם

דֶעם אַנְדֶערִין בֵּית הַמִקְדָש אוּנ זֵיי הָאפִּין אויךְ זֵיי זָאלִין אוים־
גֶעלֵייזְט װֶערִין פוּן זֵייעֶר גָלוּת, זֵייא וַוארְטִין אויךְ אויף מָשִיחַ.

דָארְטִין בַּייא דֶעם פָּארְט מַאלַאבַּאר אִין צָפוּן זֵייט פוּן דִי שְׁטָאט קוּשִין אִין עֶנְדֶע אַזֶוא גֶעבִּין אִינְדְיָא אִיז דָא אַגְרוֹיסֶע שְׁטָאט „קַאלִיקוּט" הַיינְט גִיהֶער דִיא שְׁטָאט צוּ עֶנְגְלַאנְד, זֵייעֶר אַגְרוֹיסֶע אוּנ אַשֵׁיינֶע שְׁטָאט, אַגְרוֹיסֶע הַאנְדִיל שְׁטָאט פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי סְחוֹרָה, אוּנ פוּן פִיל מִינִים בְּשָׂמִים וָואס קוּמֶען פוּן גַאנְץ וַוייט, דִיא פֶּעלֶקֶער וָואס זֶענֶען אַרוּם קַאלִיקוּט עֶסִין נִיט פְלֵיישׁ אוּנ נִיט פִישׁ אוּנ נִיט אַנְדֶערֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכִין, זֵייעֶר עֶסִין אִיז נָאר גֶעזְוִיקְסִין, קָארִין, גֶערְשְׁטִין, אַרְבֶּעס מִיט צוּקֶער, הָאנִיק, מִילְךְ, פּוּטֶער, זֵיי זָאגִין מֶען טָאר נִיט הַרְגֶענֶן אַלֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ, וַוייל זֵיי גְלוֹיבִּין װֶען אַמֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט גֵייט אַרוּים פוּן אִים זַיין נְשָׁמָה אוּנ זִיא גֵייט אַרַיין אִין דִי לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ וָואס עֶר הַאלְט אִין הַאנְט װֶען דִיא נְשָׁמָה גֵייט אַרוּים פוּן אִים, אוּנ אַז עֶר הַרְגֶעט אַלֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ קֶען דָאךְ זַיין עֶר הַרְגֶעט זַיין פָּאטֶער אָדֶער זַיין מוּטֶער אָדֶער אַיין אַנְדֶער פְרַיינְד, אוּנ װֶען אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז נָאנְט צוּם שְׁטַארְבִּין הַאלְט עֶר אִין הַאנְט דֶעם הָארִין פוּן אַאָקְס אָדֶער פוּן אַיין אַנְדֶער לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ, דִיא נְשָׁמָה זַיינֶע זָאל גְלַייךְ אַרַיין גֵיין אִין דִיא בְּהֵמָה, אָדֶער אִין דִי לֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ וָואס עֶר וַוייסְט אוּים.

נֶעבִּין דֶעם פָּארְט נִיט וַוייט פוּן דִיא שְׁטָאט קַאלִיקוּט, אִיז דָא אַגְרוֹיסֶע שְׁטָאט „לָאמִיק", נִיט וַוייט פוּן דָארְטִין אִיז דֶער מִדְבָּר חָבוּר אוּנ חַלַח נֶעבִּין טַייךְ גוֹזָן (דָאס אִיז דֶער טַייךְ גַאנְגִיז). וַוייטֶער פוּן דֶעם מִדְבָּר וואוֹהנֶען זֵייעֶר פִיל יוּדִין, זֵייא הָאבִּין יוּדִישֶׁע מְלָכִים, אוּנ וַוייל דִי פֶעלֶקֶער הָאבִּין מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי יוּדִין טָאמֶער אַז זֵיי װֶעלִין װֶערִין מִיט דֶער צֵייט אַגְרוֹיס פָאלְק װֶעלִין זֵייא פַארְטְרַייבִּין דִיא פֶעלֶקֶער פוּן דֶעם לַאנְד, דְרִיבֶּער הָאבִּין פִיל פֶעלֶקֶער זִיךְ אַרַיין גֶעזֶעצְט צְוִוישֶׁען דִי יוּדִין אוּנ אָפּ־

געטיילט

גֶעטֵיילְט דיא יוּדִין אֵיינֶעם פוּן אַנְדֶערִין עֶס זָאלִין נִיט וואהְנֶען אַגְרוּיסֶע פָאלְק יוּדִין צוּזַאמֶען, נָאר בִּיסְלַאכְוַוייז, אוּנ דְרִיבֶּער אִיז גֶעשְׁטֶערְט גִיוָוארִין זֵייעֶר מְלוּכָה, נָאר דָאס וֵוייסִין מִיר אַז דָארְטִין זֶענֶען דָא פִיל יוּדִין, אִין אַבִּיסִינְיֶען זֶענֶען אוֹיךְ דָא פִיל יוּדִין, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זֶענֶען פִיל יוּדִין פַארְמִישְׁט גִיוָוארִין צְוִוישֶׁען דיא פֶעלְקֶער, אוּנ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֵוייסִין גָאר נִיט אַז זֵיי זֶענֶען פוּן יוּדִין גֶעבָּארִין, פִיל יוּדִין פוּן זֵיי הִיטֶען נָאר מִילָה אוּנ שַׁבָּת אוּנ יוֹם כִּפּוּר, דיא יוּדִין וָואס וואהְנֶען אִין אַבֶּעסִינְיֶען וֶוען בֵּייא זֵיי וֶוערְט גֶעבָּארִין אַקִינְד, בֶּעגִיסֶען זֵיי אִים מִיט קַאלְטֶע וַואסֶער, אוּנ בֶּענְטְשִׁין אִים מִיט דֶעם נָאמֶען פוּן הקב"ה. דֶעם אַכְטִין טָאג זֶענֶען זֵיי אִים מַלָה. דִי מוֹהֲלִים זֶענֶען וַוייבֶּער. אַזוֹי וִוי צִפּוֹרָה דָאס וַוייבּ פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מַל גִיוֶועזֶען אִיר קִינְד, אוּנ אוֹיבּ דֶער אַכְטֶער טָאג אִיז שַׁבָּת זֶענֶען זֵייא מַל דֶעם נַיינְטֶען טָאג, זוּנְטָאג, דיא שֹׁמְרוֹנִים טוּהֶען נִיט אַזוֹי, זֵייא זֶענֶען אֵייבִּיג מַל זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דֶעם אַכְטִין טָאג אֲפִילוּ דֶער אַכְטֶער טָאג אִיז שַׁבָּת, אוּנ אֲפִילוּ דָאס קִינְד אִיז קְרַאנְק דֶעם אַכְטִין טָאג, זֶענֶען זֵיי אִים אוֹיךְ מַל דֶעם אַכְטִין טָאג.

דיא יוּדִין וָואס וואהְנֶען אִין תֵּימָן זֶענֶען אוֹיךְ מַל זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דֶעם אַכְטִין טָאג, נָאר נִיט פַאר הַאלְבִּין טָאג, וִוי עֶס וֶוערְט הַאלְבֶּער טָאג גֶעמְט מֶען דָאס קִינְד אוּנ מֶען וִויקוּלְט אִים אוּנ מֶען לֵייגְט אִים אוֹיף אַטַאץ וָואס אִיז גֶעפְלָאכְטִין פוּן שְׁטְרוֹיא, אוּנ מֶען לֵייגְט דִיא טַאץ מִיט דֶעם קִינְד אוֹיף אַרָאנָזֶע וָואס לִיגְט אוֹיף דִי עֶרְד אִין שְׁטוּבּ (בֵּיי דֶעם פָאטֶער פוּן קִינְד), גֶעבִּין דֶעם קִינְד אוֹיף דִי עֶרְד לֵייגְט מֶען אַקְלֵיינֶע קִישֶׁעלֶע פַאר אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא, אוּנ מֶען לֵייגְט דֶעם קִינְד אוֹיף דִי קִישֶׁעלֶע, אוּנ וֶוען דֶער סַנְדֶק קוּמְט זֶעצְט עֶר זִיךְ אוֹיף דיא עֶרְד אוּנ גֶעמְט דֶעם קִינְד פוּן דִי קִישֶׁעלֶע אוּנ לֵייגְט אִים אוֹיף זַיינֶע קְנִיה, אוּנ דֶער מוֹהֵל זִיצְט אוֹיךְ אוֹיף דִיא עֶרְד אוּנ אִין אֵיין רֶגַע אִיז עֶר מַל

דעם

דעם קינד אַזוי וויא אַלע יודין זענען מל, אונ ער שטעלט זיך אונ מאכט אַברכה אויף אַהדם אונ אויף ויין אונ זאגט די ברכה כורת הברית, אונ ער בענטשט דעם קינד אונ דעם פאטער אונ מוטער, אונ מען מאכט אַסעודה אונ מען זינגט זייערע לידער אויף דיא אַרמית שפּראכע. נאך פיל מנהגים (פירונגען) זענען ביי דיא אינדיאַנער אַזוי וויא ביי דיא יודין, זיי רייסין זייערע קליידער אויף זייערע מתים אַזוי וויא דיא יודין טוהען אונ דיא מענטשין וואס וואהנען אין קוטאנעס אונ אין מעקסיקען ווען עס איז ביי זייא איום טוב זענען זייא מקריב קרבנות אויף זייערע מזבחות אַזוי ווי עס שטייט אין ספר ויקרא, אונ דיא מענטשין וואס וואהנען אין פערו וואס זיי דינען צו די זונן, ווען זייערע ווייבער גיבּארין קינדער, זאגין זיי צו זייערע ווייבער זיי זאלין ניט קומען אין זייערע קלויסטערס ביז זייא וועלין ריין ווערין, אונ די מענטשין וואס וואהנען אין מעקסיקא מאכין יעדער פופ־ציגסטען יאהר יובל אַזוי וויא דיא יודין טוהען, אונ זיי היטען שבת אַזוי וויא דיא יודין. אונ זיי גייען אין זייערע קלויסטערס שבת אונ בעטין צוא גאט מיט גרוים כונה אונ זענען מקריב קרבנות, אונ אויב אַאשה איז מזנה געבין זייא איר אַגט אַזוי ווי די יודין גטין זייערע ווייבער, פון זייערע מנהגים זעהן מיר אַז דארטין וואהנען יודין, האבין דיא פעלקער געלערונט פון זיי אַביסול זאכין וועלכע עס זענען זיי גיפעלין.

דער עיקר וואס מיר זעהן פון דעם בעשרייבונג איז אַז אין וועסט אינדיא (דאס איז מערב זייט פון אינדיא) זענען דא פיל מענטשין פון די צעהן שבטים, זיי זענען צו דעם ארט געקומען פון לאנד קדר, אונ אין חינא וואס איז נאנט צו וועסט אינדיא וואהנען אויך יודין פון דיא צעהן שבטים, אונ די צעהן שבטים וואהנען ניט אַלע אויף איין ארט, נאר זיי זענען פארשפּרייט אין פיל ערטער, וויא דער נביא ישעיה זאגט אשור שנער פתרוס

חמת

חֲמַת אִיֵי הַיָם מִצְרַיִם, וְוִי דֶער שְׁרַייבֶּער אֶלְדָד הַדָנִי דֶערְצֵיילְט
אִיז גִיוֶוען דֶער שֵׁבֶט דָן דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען
פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בַּאלְד וִויא יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אִיז גִיוָוארִין אַמֶלֶךְ
אוֹיף דִיא צֶעהן שְׁבָטִים אוּנ עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי צְוֵויי גָאלְדֶענֶע
קֶעלְבֶּער דִי יוּדִין זָאלִין דִינֶען צוּ זֵיי. אוּנ יָרָבְעָם הָאט פַארְזַאמוֹלְט
אַלֶע יוּדִין פוּן דִיא צֶעהן שְׁבָטִים זֵייא זָאלִין הַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט
דֶעם מֶלֶךְ רְחַבְעָם דֶער זוּהן פוּן מֶלֶךְ שְׁלֹמֹה, הָאבִּין דִיא אַלְטֶע
יוּדִין גֶעזָאגְט צוּ יָרָבְעָם דוּ זָאלְסְט ווִיסֶען אָז דֶעם שֵׁבֶט דָן קֶענְסְטוּ
קֵיין מִלְחָמָה מַאכִין וַוייל זֵיי זֶענֶען דִי שְׁטַארְקְסְטֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ
גֶעלֶערוּנְט צוּא מִלְחָמָה, הָאט יָרָבְעָם גֶעשִׁיקְט צוּם שֵׁבֶט דָן זֵייא
זָאלִין קוּמֶען הַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט דֶעם מֶלֶךְ רְחַבְעָם אוּנ מִיט דֶעם
שֵׁבֶט יְהוּדָה אוּנ בִּנְיָמִין וָואס זֶענֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, הָאט דֶער שֵׁבֶט
דָן גֶעזָאגְט מִיר שְׁוֶוערִין בַּיי אוּנְזֶער פָאטֶער דָן אַז מִיר וֶועלִין
נִיט הַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אוּנ נִיט מִיט רְחַבְעָם
וָואס עֶר אִיז דֶער זוּהן פוּן אוּנְזֶער מֶלֶךְ שְׁלֹמֹה, אוּנ וַוייל דֶער
שֵׁבֶט דָן הָאט גִיזֶעהן אַז עֶס וֶועט נִיט זַיין רוּהִיג בַּיי יוּדִין, הָאבִּין
זֵיי גֶענוּמֶען זַייעֶר גֶעוֶוער שְׁוֶוערְדִין אוּנ שְׁפִּיזֶען אוּנ פַיילֶענְבּוֹיגִין
אוּנ הָאבִּין גֶעוָואלְט הַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט יָרָבְעָם, נָאכְדֶעם אִיז
גִיוֶוען זַייעֶר עֵצָה זֵייא זָאלִין אַוֶועק גֵיין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער
וְואהִין זָאל מֶען גֵיין? אִיז בַּייא זֵיי גֶעבְּלִיבֶּען מֶען זָאל גֵיין אִין
לַאנְד כּוּשׁ, זֵיי הָאבִּין גֶעזָאגְט וַוייל דָאס אִיז אַוַוייטֶע לַאנְד פוּן
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלִין מִיר דָארְטִין לֶעבִּין רוּהִיג, אוּנ וַוייל זֵייא
הָאבִּין נִיט גֶעוָואלְט פַארְגִיסֶען דִיא בְּלוּט פוּן זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער,
דְרִיבֶּער הָאט הקב"ה זֵיי גֶעהָאלְפִין אוּנ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין לַאנְד
כּוּשׁ, זֵיי הָאבִּין גֶעפוּנֶען דִי לַאנְד אִיז זַייעֶר אַגוּטֶע, פֶעטֶע עֶרְד
צוּם פַארְזֵייעֶן אוּנ פִיל לֵיידִיגֶע פְּלַאץ צוּם בָּאֶהֶען הַייזֶער, זֵייא
הָאבִּין דָארְטִין גֶעפוּנֶען גֶערְטְנֶער אוּנ פֶעלְדֶער אוּנ וַויינְגֶערְטְנֶער,
נָאר דִיא כּוּשִׁים הָאבִּין נִיט גֶעוָואלְט לָאזִין דֶעם שֵׁבֶט דָן זֵייא

זאלין

זָאלִין וואהנֶען צְווִישֶׁען זַייא, סַיידִין זַייא זָאלִין מַאכִין מִיט זַייא אַפַּארְבִּינְדוּנְג (אַשְׁבוּעָה) אַז אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין זָאל קֵיין שְׁלֶעכְטְס טָאהן, אִין עֶטְלִיכֶע יָאהר שְׁפֶּעטֶער הָאבִּין דִיא יוּדִין אִין שׁוֹמְרוֹן גִיהֶערְט אַז דֶער שֵׁבֶט דָן אִיז אִין כּוּשׁ, זֶענֶען דְרַייא שְׁבָטִים נַפְתָּלִי גָד אָשֵׁר אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ זֶענֶען גֶע- גַאנְגֶען אַזוֹי לַאנְג בִּיז זַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין כּוּשׁ צוּם שֵׁבֶט דָן, דִי כּוּשִׁים הָאבִּין נִיט גֶעוָואלְט אַריין לָאזִין אִין זַייעֶר לַאנְד דִיא דְרַייא שְׁבָטִים, אוּנ עֶס אִיז גִיוָוארִין צְווִישֶׁען זַייא אַמִלְחָמָה, אוּנ דִי דְרַייא שְׁבָטִים הָאבִּין גֶעהַרְגֶעתְּ פִיל מֶענְטְשִׁין פוּן דִי כּוּשִׁים אוּנ זַיי הָאבִּין גֶעוָואלְט הַרְגֶען אַלֶע כּוּשִׁים נָאר דִי כּוּשִׁים זֶענֶען אוּנְטֶער- טֶענִיג גִיוָוארִין אוּנְטֶער דִיא דְרַייא שְׁבָטִים אוּנ זַיי הָאבִּין גֶעוואהנְט אִין לַאנְד אַלֶע צוּזַאמֶען אוּנ דִיא כּוּשִׁים הָאבִּין גֶעמוּזְט צָאהלִין פָּארַאמְקֶעס צוּ דִי פִיר שְׁבָטִים, ווִי דִיא אַלֶע פִיר שְׁבָטִים זֶענֶען גִיוֶוען צוּ זַאמֶען הָאבִּין זַייא גֶעהַאלְטִין מִלְחָמָה מִיט פִיל פֶעלְקֶער וָואס אַרוּם דִי לַאנְד כּוּשׁ ווייל זַיי הָאבִּין גֶעוָואלְט דֶער בְּרֵייטֶערִין זַייעֶר לַאנְד, אוּנ הקב"ה הָאט זַייא גֶעהָאלְפִין אוּנ הָאבִּין אַלֶע מִלְחָמוֹת אַיינְגֶענוּמֶען אוּנ זַייא לֶעבִּין גַאנְץ גְלִיקְלִיךְ, זַיי הָאבִּין פִיל גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער שֶׁעפְּסִין אוּנ רִינְדֶער קֶעמְלֶען אֵייזְלֶען פֶערְד, תְּבוּאָה פְרוּכְטִין ווַיינְגֶערְטְנֶער, זַיי הָאבִּין גֶעלְט מִיט פִיל אוֹצְרוֹת, זַיי הָאבִּין שׁוֹפְטִים צוּ מִשְׁפָּטִין ווֶען עֶס אִיז אַקְרִיג צְווִישֶׁען מֶענְטְשִׁין אוּנ צוּ בֶּעשְׁטְרָאפִין דֶעם זִינְדִיגֶער מִיט דִיא מִשְׁפָּטִים וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה.

דִיא קִינְדֶער פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וואהנֶען נֶעבִּין טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, אַרוּם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן דַארְף מֶען גֵיין דְרַייא חֳדָשִׁים, זַיי וואהנֶען אִין הַייזֶער אוּנ אִין פַּאלַאצִין, בַּיי זַיי אִיז נִיטָא קֵיין אוּמְרֵיינֶע זַאךְ, עוֹפוֹת וָואס מֶען טָאר זַיי נִיט עֶסִין, חַיוֹת וָואס מֶען טָאר זַיי נִיט עֶסִין, הִינְט, וָועלְף, אוּנ אַנְדֶערֶע חַיוֹת שְׁלֶעכְטֶע, שְׁלַאנְגֶען, עֶגֶעדֶעסִין, פְלִיגֶען, כִּינִים, קְרָאהֶען, אַזֶעלְכֶע זַאכִין אִיז בַּיי זַיי נִיטָא, בַּיי

זַיי

זיי איז נאָר דאָ שֶׁעפְּסִין, רִינְדֶער, עופות, זֵייעֶרֶע שֶׁעפְּסִין גֶע-בָּארִין צְוֵויי מָאהל אִין יָאהר, אונ בַּיי זֵיי זֶענֶען דָא פִּיל תְּבוּאָה אונ בּוימֶער פְּרוּכְטִין אַלֶע מִינִים, אונ עֶרְד פְּרוּכְטִין אַלֶע מִינִים, בַּעֲלֵי מְלָאכות, זֵייא שְׁוֶוערִין נִיט בַּיי דֶעם נָאמֶען פוּן הקב"ה, זֵייא לֶעבִּין גַאנְץ לַאנְג בִּיז הונְדֶערְט מִיט צְוַואנְצִיג יָאהר, אונ בַּיי פָאטֶער אונ מוּטֶער שְׁטַארְבִּין נִיט דִי קִינְדֶער בַּיי זֵייעֶר לֶעבִּין, נָאר דִי אֶלְטֶערִין דֶערְלֶעבִּין צוּ זֶעהן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בִּיז צוּם פֶערְטִין דור, דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פִּיטֶערִין דִיא בְּהֵמות אונ גֵייעֶן אַוֶועק מִיט דִיא בְּהֵמות עֶטְלִיכֶע טֶעג וַוייט פוּן זֵייעֶר הֵיים אונ הָאבִּין נִיט מוֹרָא צוּ זַיין אַלֵיין מִיט דִיא בְּהֵמות אִין פֶעלְד, בַּיי זֵיי זֶענֶען נִיטָא גַנָבִים אונ נִיט גַזְלָנִים אונ נִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשִׁין בַּיי נַאכְט פַארְשְׁלִיסֶען זֵיי נִיט דִי טִירֶען, אַלֶע זֶענֶען לְוִיִם, בַּיי זֵיי זֶענֶען נִיטָא כֹּהֲנִים אונ. נִיט יִשְׂרְאֵלִים, אונ וַוייל זֵייא זֶענֶען הֵיילִיגֶע מֶענְטְשִׁין אונ זֵיי הַאלְטִין דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ דְרִיבֶּער גִיט זֵיי הקב"ה אַזוי פִּיל גוּטְס, אונ דֶער סַמְבַּטְיוֹן אִיז צְווִישֶׁען זֵיי אונ דִי פִיר שְׁבָטִים, אונ זֵיי קֶענֶען נִיט קוּמֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין וֶועגִין דֶעם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן, וַוייל אַנַאנְצֶע וָואךְ, וַוארְפְט דֶער סַמְבַּטְיוֹן שְׁטֵיינֶער אִין דֶערְהֵייךְ, דִי שְׁטֵיינֶער גֵייעֶן אַרוּיף אונ דִי שְׁטֵיינֶער גֵייעֶן צֻרָאפּ, אונ דִי שְׁטֵיינֶער גֵייעֶן אַרוּיף אונ אַרָאפּ מִיט אַגְרוֹיסִין שְׁטוּרֶעם אונ מִיט אַשְׁטוּרֶעם וִוינְט דָאס רוישוּנְג פוּן דֶעם טַייךְ הֶערְט מֶען גַאנְץ וַוייט, אונ פוּן פְרֵייטָאג פארִין נַאכְט נָאנְט צוּ שַׁבָּת בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז דֶער טַייךְ שְׁטִיל אונ רוּהִיג, אונ פוּן פְרֵייטָאג פַארִין נַאכְט בִּיז מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוּמְט אַרָאפּ אַפֵייעֶר פוּן הִימֶעל אַרוּם טַייךְ אונ מֶען קֶען נִיט קוּמֶען צוּם טַייךְ.

אֶלְדָד הַדָנִי וָואס עֶר אִיז פוּן שֵׁבֶט דָן אונ נָאךְ אֵיין מֶענְטְשׁ פוּן שֵׁבֶט אָשֵׁר, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּא אַשִׁיף וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּייא דֶעם בְּרֶעג יָם, זֵייא זֶענֶען אַרֵיין גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא שִׁיף

האנדלען

האַנדלען מיט די מענטשין וואָס זענען אין דיא שיף, פּלוצלונג איז געוואָרין אַשטורעם ווינט, אונ דער ווינט האָט געטראָגין דיא שיף אַגאַנצע נאַכט אַז זיי האָבין געמיינט דיא שיף וועט צובראָכין ווערין, אין דער פריה האָבין זיי גיזעהן די שיף האָט זייא פאַרטראָגין צוא אַזוי אַאינזיל וואָס אויף איר וואהנען אַפאָלק וואָס עסין מענטשין פלייש, די מענטשין פון די אינזעל זענען באַלד געקומען צוא דיא שיף זעהן ווער עס איז געקומען האָבין זיי דערזעהן דעם מענטש פון שבט אשר ער איז גיוועזן אַפעטער מענטש, זיי האָבין פון אים אַראָפּגעריסען די קליידער ער איז געבליבען נאַקעט אונ ווען ער האָט נאָך געלעבט האָבין זיי געביסען פון אים שטיקער אונ האָבין גיגעסין, ביז זיי האָבין אים אין גאַנצין אויפגעגעסין, איר קענט אייך פאַרשטעלין דיא שרעק וואָס אויף אונז איז געוועזן ווען מיר האָבין דאָס גיזעהן, נאָר ווייל מיר זענען גיוועזן מאָגערע מענטשין האָבין זייא אונז געבונדין אונ גענעבין עסין ביז מיר וועלין פעט ווערין, דערווייל האָט הקב"ה געטאָהן אַנס עס איז אויף זייא געקומען אַמלחמה אונ זייא זענען געהרגת גיוואָרין, דיא מענטשין האָבין אונז גע־פאַנגען אונ מען האָט מיך פאַרקויפט צו אַיוד פאַר פיר הונדערט גילדין, פון דאָרטין בין איך פרייא גיוואָרין דורך אַנס ביז איך בין געקומען אין אייראָפּא, אונ וואָס איך האָב אייך דערציילט דאָס איז גאָר ווייניג פון ווי פיל עס איז נאָך דאָ צו דערציילין, אין איין אַנדער בעשרייבונג וועלין מיר מער דערציילין.

מעשה

מַעֲשֶׂה נוֹרָא

אֵיין ווּינְדֶערְלִיכֶע עֶרְצֵיילוּנְג וָואס הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין בַּיי דִיא רוֹיטֶע יוּדֶעלֶךְ׃

אִין יָאהר פִיר טוֹיזֶענְד נַיין הוּנְדֶערְט צְוֵויי אוּנ דְרַייסִיג פוּן דִיא צַייט וָואס דִיא וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין, הָאט גֶעוואהנְט אִין פְרַאנְקְרַייךְ אִין דִיא קְלֵיינֶע שְׁטָאט קוֹסִי אַפְרוּמֶער יוּד רַבִּי אַבְרָהָם, דֶער רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט צְוֵויי זִיהן אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסִין רַבִּי שִׁמְשׁוֹן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט גֶעהֵייסִין רַבִּי חַיִּים, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גִיוֶועזְן אַגְרוֹיסֶער אָרֶעם מַאן, עֶר אִיז נִיט גִיוֶועזְן אַסוֹחֵר אוּנ נִיט אַבַּעַל מְלָאכָה, עֶר הָאט נָאר לִיבּ גֶעהַאט צוּ זַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אִין דִיא צַייט זֶענֶען גִיוֶועזְן אִין פְרַאנְקְרַייךְ גְרוֹיסֶע יְשִׁיבוֹת וָואס מֶען הָאט אִין זֵייא גֶעלֶערוּנְט פִיל תּוֹרָה, דִי רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גִיוֶועזְן גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים, אֵיינֶער הָאט גֶעהֵייסִין רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל, דָאס אִיז דֶער רשב"ם (רַבֵּינוּ שְׁמוּאֵל בְּרַבִּי מֵאִיר), דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גִיוֶועזְן רַבֵּינוּ יִצְחָק, דָאס אִיז דֶער רִיבָּ"ם (רַבֵּינוּ יִצְחָק בְּרַבִּי מֵאִיר). דֶער דְרִיטֶער אִיז גִיוֶועזְן רַבֵּינוּ יַעֲקֹב, מֶען הָאט אִים גֶערוּפִין רַבֵּינוּ תָּם, דִי דְרַיי גְאוֹנִים ז"ל זֶענֶען גִיוֶועזְן דִי זִיהן פוּן רַבֵּינוּ מֵאִיר, דֶער רַבֵּינוּ מֵאִיר אִיז גִיוֶועזְן אַאֵיידִים פוּן רַבִּי שְׁלֹמֹה יַרְחִי בֶּן רַבִּי יִצְחָק וָואס מֶען רוּפְט אִים רש"י ז"ל, רש"י הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה מִיט פִיל תַּלְמִידִים, רש"י ז"ל אִיז. גִיוֶועזְן אַשְׁוָואגֶער פוּן רַבֵּינוּ יַעֲקֹב בְּרַבִּי מֹשֶׁה. דָאס אִיז דֶער סמ"ג ז"ל, דֶער רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט אוֹיךְ גֶע-לֶערוּנְט תּוֹרָה אִין דִי גְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה, עֶר אִיז אֲפִילוּ גִיוֶועזְן דֶער יִינְגְסְטֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים אָבֶּער דֶער בֶּעסְטֶער, זַיין נָאמֶען אִיז גִיוֶועזְן בֶּעוואוּסְט פַאר אַגְרוֹיסִין לַמְדָן, זַיין בְּרוּדֶער רַבִּי חַיִּים הָאט אוֹיךְ גֶעקֶענְט לֶערְנֶען נָאר נִיט וויא רַבִּי שִׁמְשׁוֹן, רַבִּי חַיִּים אִיז גִיוֶועזְן אַגְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּנ אַגְרוֹיסֶער גְבִיר.

אמאתל

אַמָאהל הָאט רֶבִּי חַיִּים גֶעטְרַאכְט וֶועגִין זַיין בְּרוּדֶער. וָואס ער אִיז אַגְרויסֶער לַמְדָן אוּנ אַצַדִיק אוּנ אִיז אַגְרויסֶער אָרֶעם מַאן, הָאט זִיךְ אִין אִים דֶערְוֶועקְט רַחֲמָנוּת אויף זַיין בְּרוּדֶער אוּנ עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אִים רוּפִין צוּ זִיךְ, רֶבִּי חַיִּים הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיךְ וֶועל פוּן דִיר בֶּעטִין אַזַאךְ נָאר זָאלְסְט מִיר נִיט אָפְּזָאגִין, הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעזָאגְט צוּ זַיין בְּרוּדֶער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען וֶועל אִיךְ טָאהן וָואס דוּא וֶועסְט פֶּארלַאנְגֶען, הָאט רֶבִּי חַיִּים גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיךְ ווייס אַז דוּא בִּיזְט אֶעֶרְלִיכֶער מַאן אוּנ אַחָכָם אוּנ דוּא בִּיזְט אָרֶעם, דְרִיבֶּער וֶועל אִיךְ דִיךְ מַאכִין פַאר אַעֶלְצְטִין דוּא זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבִּין אויף מַיין גַאנְצִין פַארְמֶעגִין, אִיךְ ווייס אַז וֶועגִין דַיין זְכוּת אוּנ דַיין חָכְמָה וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפִין אוּנ בֶּעגְלִיקְט וֶוערִין, אוּנ ווִי פִּיל דוּ דַארְפְּסְט אוֹיף פַּרְנָסָה וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט דַאמַאלְס נִיט בַּרֶעכֶענְט אַז דָאס וֶועט אִים זַיין אַגְרוֹיסֶע שְׁטֶערוּנְג צוּ זַיין לֶערְנֶען, דְרִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען צוּא זַיין אַאוֹיפְזֶעהער אוּנ אַעֵצָה גֶעבֶּער אוֹיף זַיין בְּרוּדֶערְס פַארְמֶעגִין, אוּנ פוּן דִי צַייט וָואס רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין זַיין בְּרוּדֶערְס גֶעשֶׁעפְט, אִיז דֶער בְּרוּדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁט גִיוָוארִין אוּנ בֶּעגְלִיקְט גִיוָוארִין אִין זַיינֶע אַלֶע גֶעשֶׁעפְטִין.

אַמָאהל אִיז רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גִיוֶועז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּנ הָאט גֶעלֶערְנְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי חַיִּים אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים מַיין בְּרוּדֶער אִיךְ בֶּעט דִיךְ קוּם מִיט מִיר אַרויס פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר עֶפֶּעס צוּרֵיידִין אַסוֹד (אַגֶעהַיימֶע זַאךְ) אוּנ מִיר מוּזִין גֵיין אוֹיף אַזוי אַאָרְט וָואס דָארְטִין גֵייעֶן קֵיין מֶענְטְשִׁין, דְרִיבֶּער וֶועלִין מִיר בֵּיידֶע גֵיין צוּם יַם דָארְטִין וֶועלִין מִיר אַרַיין גֵיין אִין אַשִׁיף אוּנ מִיר וֶועלִין אַוֶועק פָארִין מִיט דִיא שִׁיף צְוֵויי אָדֶער דְרַיי מַייל פוּן דִיא שְׁטָאט אוּנ

מִיר וֶועלִין דָארְטִין רֵיידִין וָואס מִיר דַארְפִין אוּנ מִיר וֶועלִין בַּאלְד קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין פוּן זַיין בְּרוּדֶערְס רֵייד, אוּנ הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט מַיין בְּרוּדֶער זָאלסְט דָאס נִיט פֶערלַאנְגֶען פוּן מִיר, אִיךְ קָאן נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן מַיין לֶערְנֶען, נָאר וַוייל רֶבִּי חַיִּים הָאט אִים שְׁטַארְק גֶעבֶּעטִין הָאט עֶר אִים צוּגֶעזָאגְט עֶר זָאל מִיט אִים פָארִין נָאךְ מִיטָאג אָבֶּער נָאר אוֹיף אֵיין שָׁעָה, נָאךְ מִיטָאג אִיז גֶעקוּמֶען רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן צוּ דִי שִׁיף אוּנ רֶבִּי חַיִּים הָאט שׁוֹין דָארְט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים, ווִי רֶבִּי חַיִּים הָאט גִיזֶעהֶן רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶע שִׂמְחָה מִיט אִים, רֶבִּי חַיִּים אוּנ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן זֶענֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא שִׁיף אוּנ רֶבִּי חַיִּים הָאט גֶעזָאגְט צוּם שִׁיף קַאפִּיטַאן עֶר זָאל מִיט דִיא מַאטְרָאזִין אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיא שִׁיף אוּנ זֵייא זָאלִין וַוארְטִין בַּיי דֶעם בְּרֶעג בִּיז עֶר וֶועט אִין אַשָׁעָה קוּמֶען צוּרִיק, דֶער שִׁיף קַאפִּיטַאן הָאט אַזוֹיא גֶעטָאהן עֶר מִיט דִיא מַאטְרָאזִין זֶענֶען אַרוֹיסגֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא שִׁיף, אִין דִיא שִׁיף אִיז נָאר גֶעבְּלִיבֶּען רֶבִּי חַיִּים אוּנ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, רֶבִּי חַיִּים הָאט אָפְּגֶעשְׁטוֹיסִין דִי שִׁיף פוּן בְּרֶעג אוּנ זֶענֶען אָפְּגֶעפָארִין צְוֵויי מַייל פוּן שְׁטָאט אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארִין אַגְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט, דִיא שִׁיף הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעשָׁאקִילְט אוּנ גֶעקְרֶעכְצְט נָאר צוּם צוּבְּרָאכִין וֶוערִין, רֶבִּי חַיִּים הָאט גֶעוָואלְט צוּרִיק שְׁטוֹיסִין דִיא שִׁיף צוּם בְּרֶעג, אָדֶער פַארַאנְקֶערִין דִיא שִׁיף זִיא זָאל בְּלַייבִּין שְׁטֵיין, עֶר הָאט אָבֶּער בֵּיידֶע זַאכִין נִיט גֶעקֶענְט וַוייל דֶער ווִינְט אִיז אַלֶע מִינוּט שְׁטַארְקֶער גִיוָוארִין, ווִי אַפִּילוּ פְלִיהט גֶעשְׁווִינְט אַרוֹיס פוּן פַייֶלֶענְבּוֹיגֶען אַזוֹי גֶעשְׁווִינְט הָאט דֶער ווִינְט גֶעטְרָאגִין דִיא שִׁיף אִיבֶּער אַלֶע וַואלִין בִּיז עֶר הָאט זִיא גֶעבְּרֵיינְגְט אִין דֶעם פַארְגְלִיוֶוערְטִין יַם, אוּנ יֶעדֶערֶע שִׁיף וָואס קוּמְט אַרַיין אִין דֶעם פַארגְלִיוֶוערְטֶען יַם הָאט זִיא שׁוֹין קֵיין הָאפֶענוּנְג אַרוֹיס צוּא קוּמֶען פוּן דֶעם יַם, דִיא צְוֵייא בְּרִידֶער

דָאבִּין פְרִיעֶר נָאר נִיט גֶעוואוּסְט וואוּ זַייא זֶענֶען , בִּיז אוֹיף מָארְגִין הָאבִּין זַייא אִיצְט גֶעוואוּסְט זַייעֶר אוּמְגְלִיק , זַייא קֶענֶען דָארְטִין אוֹיפְגֶעגֶעסִין וֶוערִין פוּן דִיא גְרוֹיסֶע פִישׁ אָדֶער פוּן דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע חַיוֹת , זַייעֶר וַויינֶען אוּנ קְלָאגִין אִיז נָאר נִיט צוּא בֶּע- שְׁרַייבִּין , רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּם בְּרוּדֶער דֶער אוּמְגְלִיק אִיז צוּ אוּנְז גֶעקוּמֶען וַוייל אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען ,

מִיט טְרוֹיעֶרִינֶע אוֹיגִין הָאבִּין זַייא גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם יַם אוּנ הָאבִּין גֶעזֶעהן עֶס אִיז קֵיין רֶעטוּנְג פַאר זֵיי אַרוֹיס צוּ קוּמֶען מִיט דִי שִׁיף פוּן דֶעם יַם , זֵיי הָאבִּין נָאר גִיזֶעהן אִיבֶּער זֵיי אִיז דָא אַפַארְוָואלְקֶענְדִיגֶער הִימֶעל , אוּנ דִי פַארְגְלִיוֶוערְטֶע וַואסֶער , זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהן דָארְטִין פִיל שִׁיפֶען וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעזֶעצְט גִיוָוארִין אִין דִיא יַיים , אוּנ מֶען זֶעהט נִיט אַלֶעבֶּעדִיגֶען מֶענְטְשׁ אִין דִי שִׁיפֶען , רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט שְׁטַארְק גֶעוַויינְט אוּנ גֶעבֶּעטִין צוּ הקב"ה עֶר זָאל אִים טָאהן אַנֶס עֶר זָאל קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען אַהֵיים , אוּנ הָאט גֶעטָאהן אַנֶדֶר עֶר זָאל אֵייבִּיג לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ זָאל דִינֶען צוּ הקב"ה מִיט אֱמֶת אוּנ מִיט זַיין גַאנְצִין הַארְצִין רֶבִּי חַיִים הָאט אוֹיךְ גֶעוַויינְט אוּנ גֶעבֶּעטִין צוּא הקב"ה עֶר זָאל אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם אָרְט אוּנ אִים בְּרֵיינְגֶען אַהֵיים , עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז מִיט דֶער נַאטוּר זֶענֶען זֵיי פַארלָארִין , נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז עֶר גִיוֶוען פַארזִיכֶערְט אַז הקב"ה וֶועט גֶעווִיס טָאהן אַנִס צוּ זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אוּנ אִין זַיין זְכוּת וֶועט עֶר אוֹיךְ גֶעהָאלְפִין וֶוערִין .

אַמָאהל הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעזָאגְט צוּא זַיין בְּרוּדֶער אִיךְ ווִיל גֵיין אִין דִי שִׁיפֶען זֶעהן וָואס דָארְטִין אִיז גֶעוָוארִין אִין זַייא , עֶר הָאט אָפּגֶערִיסֶען אַבְּרֶעט פוּן זַיין שִׁיף אוּנ הָאט גֶעלֵייגְט דִי בְּרֶעט אֵיין עֶק אוֹיף זַיין שִׁיף דֶעם אַנֶדערִין עֶק אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע שִׁיף אוּנ אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא אַנְדֶערֶע שִׁיף , עֶר הָאט

גִיזֶעהן דִיא מֶענְטְשִׁין אִין שִׁיף זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבִּין אוּנ אוֹיף דִיא וָוענְט אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אוּנ פוּן וֶועלְכֶע שְׁטֶעט זֵייא זֶענֶען אוּנ דִי נֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶענוּמֶען אַפַּאפִּיר מִיט אַבְּלַיי פֶּעדֶער אוּנ הָאט אַלְץ אוֹיפְגֶע-שְׁרִיבֶּען וָואס אוֹיף דִיא וַואנְט אִיז גִיוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען, אוּנ הָאט גֶעטָאהן אַנֶּדֶר אוֹיבּ הקב"ה וֶועט אִים בְּרֵיינְגֶען אַהֵיים וֶועט עֶר מַתִּיר זַיין זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זֵייא זָאלִין מֶעגִין נֶעמֶען מַאנֶען, רֶבִּי חַיִּים וָואס עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעגְלוּסְט רַייךְ צוּא וֶוערִין הָאט עֶר אַרוֹיסגֶענוּמֶען פוּן דִיא שִׁיף אַלֶע גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיבּ הקב"ה וֶועט מִיר הֶעלְפִין אִיךְ וֶועל אַהֵיים קוּמֶען, וֶועל אִיךְ זַיין רַייכֶער וִויא אִיךְ בִּין גִיוֶוען.

אַלַאנְגֶע צַייט זֶענֶען זֵייא גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין שִׁיף צוּא דִיא אַנְדֶערֶע בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דִי לֶעצְטֶע שִׁיף וָואס אִיז גֶע-שְׁטַאנֶען גֶעבִּין עֶנְדֶע יַם דָארְטִין הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהן אַגַאנְץ הוֹיכֶע וַואנְט זֵייא הָאבִּין נִיט גֶעקֶענְט דֶערְזֶעהן וִויא הוֹיךְ זִיא אִיז, דִיא וַואנְט אִיז גִיוֶוען גְלַאט עֶס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ גִיוֶוען אָנְהֵייבִּין קְרִיכֶען אוֹיף דִיא וַואנְט, הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעבֶּעטִין צוּ הקב"ה עֶר זָאל אִים הֶעלְפִין אַרוֹיף צוּא קוּמֶען אוֹיף דִיא וַואנְט טָאמֶער וֶועל אִיךְ דוּרְךְ דִי וַואנְט קֶענֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערִין, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פַּאפִּיר וָואס עֶר הָאט אוֹיף אִים גֶעשְׁרִיבֶּען דִי נֶעמֶען פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִיוֶוען גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִי שִׁיף, אוּנ עֶר הָאט אִים גוּט בֶּעהַאלְטִין בַּיי זִיךְ, אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַמֶעסֶער אוּנ הָאט מִיט אִים גֶעגְרָאבִּין אַלָאךְ אִין וַואנְט עֶר זָאל קֶענֶען אַרַיין שְׁטֶעקִין אַפוּס, אוּנ אַזוֹי הָאט עֶר גֶעגְרָאבִּין אִין דִי וַואנְט הֶעכֶער הֶעכֶער אוּנ הֶעכֶער בִּיז הקב"ה הָאט אִים גֶעהָאלְפִין אוּנ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִיא וַואנְט, מֶען הָאט גִיזֶעהן אַז פוּן הִימֶעל הָאט מֶען אִים אַרוֹיף גֶעטְרָאגִין אוֹיף דִיא וַואנְט. רֶבִּי

...יף זַיינֶע פְלֵייצֶעס דֶעם זַאק מִיט גָאלְד אוּנ ... בְּרִילְיאַנְטִין אוּנ הָאט אויךְ אָנְגֶעהויבִּין קְרִיכֶען אויף ... עֶר אִיז אָבֶּער בַּאלְד אַרָאפּגֶעפַאלִין, עֶרְשְׁטִינְס ווייל ... גֶעטְרָאגִין אויף זַיינֶע פְלֵייצֶעס אַשְׁוֶוערֶע מַשָׂא, צְוֵוייטִינְס ... הקב״ה הָאט נִיט גֶעוָואלְט עֶר זָאל קוּמֶען אויף דִי ווַאנְט ווייל אויף דִיא ווַאנְט אִיז גִיוֶועזֶען אַהֵיילִיגֶער אָרְט, רֶבִּי חַיִּים הָאט גִיזֶעהֶן אַז זַיין הָאפְֿענוּנְג אַרויף צוּ קוּמֶען אויף דִיא וַואנְט אִיז פַארלָארִין, אוּנ זַיין בְּרוּדֶער אִיז שׁוֹין אִין דֶערהֵייךְ אויף דִי וַואנְט, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט גֶעוֵויין מַיין בְּרוּדֶער, מַיין בְּרוּדֶער, אוּנ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט אויךְ גֶעוֵויינְט מִיט אַבִּיטֶער הַארְץ אוּנ מִיט רַחֲמָנוּת אויף זַיין בְּרוּדֶער וָואס עֶר בְּלַייבְּט אַלֵיין אוּנטֶען אוּנ עֶר קֶען אִים גָאר נִיט הֶעלְפִין, אוּנ וַוייל רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גִיוֶועזֶען אויף דִי וַואנְט אוּנ דִי וַואנְט אִיז גִיוֶועזֶען גַאנְץ הויךְ הָאבִּין דִי בְּרִידֶער נִיט גֶעקֶענְט זֶעהֶן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ הָאבִּין נִיט גֶעקֶענְט הֶערִין וָואס זֵיי רֵיידִין, רֶבִּי חַיִּים הָאט גִיזֶעהֶן אַז זַיין הָאפֶענוּנְג אַרויף צוּ קוּמֶען אויף דִיא וַואנְט אִיז פַארלָארִין עֶר וֶועט מוּזִין דָא שְׁטַארְבִּין הָאט עֶר גֶעזָאגְט וָואס זָאל אִיךְ שְׁטַארְבִּין אויף אַפְרֶעמְדֶע שִׁיף אִיךְ וֶועל גֵיין צוּרִיק צוּא מַיין שִׁיף, מִיט גְרויס גֶעוֵויין אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי וַואנְט אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק פוּן אֵיין שִׁיף צוּא דִיא אַנְדֶערֶע בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּא זַיין שִׁיף, עֶס אִיז קֵיין פֶעדֶער אִין שְׁטַאנְד צוּא בֶּעשְׁרַייבִּין דֶעם טְרויֶער פוּן רֶבִּי חַיִּים, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין אויף דִיא שִׁיף, אוּנ אִיז גִיוֶועזֶען יֶעדֶער מִינוּט גְרֵייט צוּם טויט, אָדֶער פוּן דִיא גְרויסֶע פִישׁ אָדֶער פוּן דִי חַיּוֹת אָדֶער צוּא שְׁטַארְבִּין פוּן הוּנְגֶער, דָאס עֶרְגְסְטֶע אִיז בַּייא אַמֶענְטְשִׁין אַז עֶר אִיז אַלֵיין שׁוּלְדִיג אִין זַיין אוּמְגְלִיק, עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ פַארלָארִין, זַיין ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, דָאס וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער פוּן זַיין בְּרוּדֶער רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט אוּנ פַארְלָארִין אַזוֹי אַטַייעֶרִין

בְּרוּדֶער אונ זיך אַלֵיין פארלָארִין, עֶר הָאט
זַיין קֶעשֶׁענֶע אַתְּהִלִּים אונ הָאט גֶעוָאנְט תְּהִלִּים
גֶעוַויין.

מִיר וֶועלִין לָאזִין רֶבִּי חַיִּים זָאגִין תְּהִלִּים אונ מִיר
צוּרִיק גֵיין צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, ווִי רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף
וַואנְט הָאט עֶר גִיזֶעהן אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זַייט וַואנְט אִיז
אַגְרוֹיסֶער וַואלְד מִיט הוֹיכֶע בּוֹימֶער, עֶר הָאט קֵיין מָאהל גִיזֶעהן
אַזֶעלְכֶע בּוֹימֶער הוֹיכֶע אונ גְרָאבֶּע, אוֹיף דִיא בּוֹימֶער הָאט גֶע-
וַואקְסִין שֵׁיינֶע פְּרוּכְטִין, עֶר הָאט קֵיין מָאהל אַזֶעלְכֶע פְּרוּכְטִין
גִיזֶעהן, אונ נֶעבִּין וַואנְט אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אַהוֹיכֶער בּוֹים אַזוֹי
הוֹיךְ וִויא דִיא וַואנְט מִיט גֶעדִיכְטֶע צְוַויינְגִין, עֶר אִיז אַרוֹיף פוּן
דִיא וַואנְט אוֹיף דֶעם בּוֹים אונ דוּרְךְ דִיא צְוַויינְגִין אִיז עֶר אַרָאפּ
גֶעקוּמֶען אוֹיף דִיא עֶרְד, אַגַאנְצִין טָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין
וַואלְד, וֶוען עֶר אִיז גִיוֶוען הוּנְגֶערִיג הָאט עֶר אָפְּגֶערִיסֶען אַפְּרִי
אונ הָאט גִיגֶעסִין, וֶוען דִיא זוּנְן אִיז אוּנְטֶער גֶעגַאנְגֶען אונ עֶס
הָאט אָנְגֶעהוֹיבִּין וֶוערִין פִינְסְטֶער, הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעדַאוִונְט
מִנְחָה אונ מַעֲרִיב אונ אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַהוֹיכֶען בּוֹים
עֶר זָאל דָארְט שְׁלָאפִין בַּיי נַאכְט, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּא
שְׁלָאפִין אוֹיף דִיא גְרָאז וָואס אוֹיף דִיא עֶרְד טָאמֶער זֶענֶען דָא
חַיּוֹת אִין דֶעם וַואלְד, אַגַאנְצִין חֹדֶשׁ אִיז רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען
אִין דֶעם וַואלְד, אַמָאהל הָאט עֶר פְּלוּצְלוּנְג דֶערְזֶעהן אַגְרוֹיסִין
לֵיידִיגֶען פְּלַאץ בֶּעוַואקְסִין מִיט זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרָאז, דִי שֵׁיינְקַייט
פוּן דִיא גְרָאז אונ זֵייעֶר גוּטֶער רֵיחַ הָאט אוֹפְּגֶעפְרִישְׁט דָאס
לֶעבִּין פוּן רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, ווִי עֶר אִיז אַזוֹי גֶעשְׁטַאנֶען אונ בֶּעוואוּנְדֶערְט
דִיא שֵׁיינֶע גְרָאז מִיט זֵייעֶר גוּטֶען רֵיחַ הָאט עֶר דֶערְזֶעהן פוּן
וַוייטִיי שְׁטֵייט אַגְרוֹיסֶער פַּאלַאץ זֵייעֶר שֵׁיין, עֶר הָאט נָאךְ נִיט
גִיזֶעהן אַזוֹי אַגְרוֹיסִין אונ אַשֵׁיינֶעם פַּאלַאץ, פוּן דִיא פְּלוּצְלוּנְגֶע
זֶעהוּנְג וָואס עֶר הָאט דָא גִיזֶעהן אִיז עֶר שְׁטַארְק דֶערשְׁרָאקִין
גִיווארִין

גִיוָוארִין, דָאס הַארְץ הָאט אִין אִים גֶעקְלַאפְּט פוּן שְׁרֶעק, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז בַּיי אִים גֶעבְּלִיבֶּען מֶען דַארְף גֵיין צוּם פַּאלַאץ זֶעהן וֶוער וואהְנְט דָארְטִין, ווִי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם פַּאלַאץ הָאט עֶר גִיזֶעהן עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן פַּאלַאץ אַיוּנְגֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעטָאהן וַוייסֶע קְלֵיידֶער אַזוֹי וִויא אַמֶת. אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּא רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אוּנ הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִיא הַאנְט פוּן רָבִּי שִׁמְשׁוֹן אוּנ זָאגְט צוּא אִים שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם רַבִּי וּמוֹרִי, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען מַאן וֶוער בִּיזְטוּ? הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיךְ בִּין דַיין תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גְרוֹיס פֶּערגֶענִיגֶען צוּ לֶערְנֶען פוּן דִיר תּוֹרָה אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּנ אַזוֹי אִיז מַיין נָאמֶען... הקב"ה הָאט גֶעהֵייסִין אִיךְ זָאל פַארְלָאזִין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּנ אִיךְ זָאל גֵיין רוּהֶען אִין גַן עֵדֶן, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען מַאן אַז דוּא בִּיזְט גִיוֶוען מַיין תַּלְמִיד בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּא זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין אַעֵצָה ווִיא אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסקוּמֶען פוּן דַאנֶען אוּנ אִיךְ זָאל קוּמֶען אַהֵיים, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גֶעזָאגְט צוּא רַבִּי שִׁמְשׁוֹן וַוארְט דָא אִיךְ וֶועל אַרַיין גֵיין אִין פַּאלַאץ אוּנ וֶועל פְרֶעגִין דִיא אֶלְטֶערֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען אִין פַּאלַאץ וֶועל אִיךְ דִיר בְּרֵיינְגֶען אַנְטְוָוארְט, דֶער יוּנְגֶער מַאן אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין פַּאלַאץ, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבִּין פַּאלַאץ, אוּנ הָאט פַאר־שְׁטַאנֶען אַז דָא מוּז זַיין דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער גַן עֵדֶן (דֶער גַן עֵדֶן וָואס אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט), זַיין הַארְץ הָאט אִין אִים גֶעצִיטֶערְט פַאר שְׁרֶעק אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וְוא עֶר אִיז אִיצְט, נָאר דֶער גוּטֶער לוּפְט אוּנ דִיא גוּטֶע רֵיחוֹת הָאבִּין אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּנ דֶערְפְרִישְׁט זַיין לֶעבִּין, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעזֶעסִין אוּנ גֶעטְרַאכְט הָאט עֶר גִיזֶעהן פוּן וַוייטִין אַקְלֵיינֶעם בַּארְג. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בַּארְג הָאט עֶר גִיזֶעהן דֶער בַּארְג אִיז מִיט עֶפֶּעס בַּדֶעקְט, עֶר הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי דֶעק אוּנ הָאט אַבִּיסוּל אוֹיפְגֶעהוֹיבִּין אִיז

אַרוּים אַגְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווינְט אוּנ דֶער ווינְט אִיז אַריין אִין דֶעם וַואלְד וְוא רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז דָארְט גִיוֶועזֶען אוּנ הָאט אויסְגֶערִיסֶען בֶּערְג אוּנ הויכֶע שְׁטֵיינֶער אוּנ בּוימֶער גְרוֹיסֶע אוּנ גְרָאבֶּע, דָאס גְלִיק אִיז גִיוֶועזֶען וָואס דֶער דֶעק הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רַבִּי שִׁמְשׁוֹן'ס הַאנְט אוּנ הָאט זִיךְ אַלִיין בַּאלְד צוּזֶעמֶענְגֶעלֶעגְט, ווען דֶער דֶעק וָואלְט גִיעֶפִינְט גִיוָוארִין אִין גַאנְצִין, וְואלְט דֶער ווינְט חָרֵב גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט. אוּנ דִיא וֶועלְט וָואלְט גֶעוָוארִין ווִיסְט, דֶער ווינְט הָאט אַוֶועק גֶעטְרָאגִין דֶעם רַבִּי שִׁמְשׁוֹן ווַייט פוּן דֶעם אָרְט וְוא עֶר אִיז גִיוֶועזֶען, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז דָארְטִין גֶעבְּלִיבֶּען לִיגֶען אוֹיף דִיא עֶרְד אָן קְרֶעפְטִין. קוּים וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט זִיךְ אִין אִים דֶערְהַאלְטִין, דֶער שְׁטוּרֶעם ווינְט אִיז גֶעקוּמֶען בִּיז צוּם פַארְגְלִי- וֶוערְטִין יַם, אוּנ הָאט אַרוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן דֶעם יַם פִיל שִׁיפֶען וָואס זֶענֶען גִיוֶועזֶען אִין דִיא לֵיים אַרַיין גִיזֶעצְט אוּנ דִיא שִׁיף פוּן רַבִּי חַיִים אִיז אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גִיוָוארִין פוּן דֶעם יַם אוּנ דֶער ווינְט הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגִין זַיין שִׁיף אוֹיף דֶעם רֵיינֶעם יַם, ווִיא דֶער ווינְט אִיז שְׁטִיל גִיוָוארִין הָאט רַבִּי חַיִים גֶעפִירְט דִיא שִׁיף נָאךְ זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוּנ נָאךְ דִיא יַם קַארְטֶע בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים, ווִי דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן זַיין שְׁטָאט הָאבִּין גִיהֶערְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים, זֶענֶען פִיל מֶענְטְשִׁין גֶעקוּמֶען צוּ אִים ווִיסֶען וְוא עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַזוֹי לַאנְג, אוּנ וְוא אִיז זַיין בְּרוּדֶער רַבִּי שִׁמְשׁוֹן, דָאס ווַייבּ אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן רַבִּי שִׁמְשׁוֹן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּא אִים פְרֶעגִין וְוא אִיז רַבִּי שִׁמְשׁוֹן, עֶס אִיז גִיוָוארִין אַרוֹיסְגֶעוַויין בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, דָאס ווַייבּ מִיט דִי קִינְדֶער פוּן רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאבִּין גֶעווֵיינְט דָאס ווַייבּ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען וְוא אִיז מַיין מַאן דִי קִינְדֶער הָאבִּין גֶעשְׁרִיגֶען וְוא אִיז אוּנְזֶער פָּאטֶער, ווִי דָאס עֶרְשְׁטֶע גֶעווַיין אִיז אַבִּיסְל שְׁטִיל גִיוָוארִין הָאט רַבִּי חַיִים זַייא דֶערְצֵיילְט אַלְץ וָואס מִיט זֵיי הָאט גֶעטְרָאפִין, אוּנ עֶר הָאט זֵיי גֶעטְרַייסְט אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִיט גֶערֶעכוּנְט אַהֵיים צוּ קוּמֶען אוּנ הקב"ה הָאט

הָאט מִיר גֶעהָאלְפִין אַזוי וֶועט גֶעווִים הקב"ה הֶעלְפִין מַיין טַייעֶרִין בְּרוּדֶער דֶעם צַדִיק אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ אַהֵיים קוּמֶען, זַייט רוּהִיג אוּנ אִיר זָאלְט הָאפִין צוּ הקב"ה עֶר וֶועט אִים גֶעווִים אַהֵיים בְּרֵיינְגֶען מִיט נִסִים אוּנ ווּאנְדֶער. דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ אֵייךְ שְׁפֵּייזִין אוּנ וָואס אִיר וֶועט בּאדַרְפִין וֶועל אִיךְ אֵייךְ גֶעבִּין, מִיר ווֶעלִין דָא לָאזִין רַבִּי חַיִים אִין דֶערְהֵיים אוּנ מִיר וֶועלִין צוּרִיק גֵיין צוּ רַבִּי שִׁמְשׁוֹן.

ווֶען דֶער ווִינְט הָאט אַוֶועקְגֶעטְרָאגִין דֶעם רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען לִיגֶען אוֹיף דִיא עֶרְד פַּארְחַלֶשְׁת, אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען זַיין תַּלְמִיד אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים דוּ זָאלְסְט ווִיסֶען אַלֶע זְקֵנִים הָאבִּין גֶעזָאגְט דוּ מוּזְט פְרִיעֶר גֵיין דוּרְךְ דֶעם גַאנְצִין גַן עֵדֶן צוּ ווַייזִין דִיר דָאס שֵׁיינְקַייט פוּן גַן עֵדֶן, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קוּמֶען אַהֵיים דָאס וָואלְט גִיוֶועזְען וֶוען דוּ וָואלְסְט נִיט אוֹיפְגֶעהוֹיבִּין דִי דֶעק פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם בַּארְג, נָאר ווַייל דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהוֹבִּין דֶעם דֶעק פוּן בַּארְג אוּנ עֶס אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶער ווִינְט אוּנ דֶער ווִינְט הָאט גֶעטָאהן פִיל שָׁאדִין אוּנ עֶר הָאט אוֹיסְגֶערִיסֶען פִיל שִׁיפֶען פוּן דֶעם פַארְגְלִיוֶוערְטִין יַם, וָואס דָאס אִיז קֵיין מָאהל גִיוֶועזְען, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט דָאס גֶעטָאהן אוּמְגֶערִין פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז דַיין זִינְד גְרוֹיס אוּנ דוּא וֶועסְט שׁוֹין נִיט זֶעהן דֶעם גַן עֵדֶן וֶוען דוּ לֶעבְּסְט, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג גִיוָוארִין וֶועגִין דִיא רֵייד פוּן זַיין תַּלְמִיד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּא זַיין תַּלְמִיד אַז הקב"ה הָאט מִיךְ אַהֶער גֶעבְּרֵיינְגְט אוּנ דֶעם גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ נִיט זֶעהן, אוּנ אַהֵיים קֶען אִיךְ נִיט קוּמֶען וֶועל אִיךְ דָאךְ מוּזִין גֵיין טְרוֹיעֶרִיג אִין גְרוּבּ, הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעזָאגְט צוּא רַבִּי שִׁמְשׁוֹן זָאל דֶער רַבִּי נִיט זָארְגִין וֶועגִין דִיא זַאכִין, אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִיט גֶעפְרֶעגְט דִיא זְקֵנִים וֶועגִין דִיר אוֹיבּ מֶען זָאל דִיר ווַייזִין דֶעם וֶועג אַהֵיים צוּא גֵיין, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ דִיא זְקֵנִים אוּנ וֶועל זֵיי פְרֶעגִין אוּנ אִיךְ וֶועל בַּאלְד קוּמֶען צוּא דִיר, דֶער תַּלְמִיד אִיז

גילאפין אין גן עדן צו די זקנים אונ האט בייא זיי גיפרעגט וואס ער האט געדארפט פרעגין אונ איז באלד צוריק געקומען צו זיין רבי, אונ האט געזאגט צוא אים רבי קום נאר מיט מיר, דער תלמיד מיט רבי שמשון זענען אוועקגעגאנגען פון דעם ארט אגרויסע שטיק וועג, פלוצלונג איז איינער געקומען צום תלמיד אונ האט געזאגט צו אים דיא זקנים האבין געהייסין דוא זאלסט צוריק גיין, דוא טארסט ניט גיין ווייטער, אונ צוא רבי שמשון האט דער מענטש געזאגט דו גיי ווייטער דו וועסט באלד קומען צו אשמאלע אונ אקורצע וועג, אונ דורך די וועג וועסטו קומען צו אשטאט, איידער דער מענטש איז פון אים אוועק געגאנגען האט ער אים גיגעבין אעפיל פון עץ החיים אונ האט געזאגט צו אים דער עפיל וועט דיך ברייגגען אהיים מיט גרויס שמחה, נאר זאלסט טאהן מיט דעם עפיל מיט חכמה, זייא האבין זיך געזעגונט: דער תלמיד מיט דעם מענטש זענען צוריק געגאנגען אונ רבי שמשון איז געגאנגען מיט די וועג וואס זיי האבין אים געהייסין גיין, גייענדיג האט רבי שמשון אשמעק געטאהן צום עפיל איז ער דערפרישט אונ לעבעדיג געווארין, ער האט פארשטאנען אז מיט דעם עפיל קען מען לעבעדיג מאכין מתים, אונ פון דעם עפיל וועט ער קענען האבין אגרויסע טובה, אונ ער וועט קענען קומען אהיים זעהן זיין ווייב מיט זיינע קינדער אונ וועט קענען גליקליך לעבין אין זיין שטאט.

אין דיא שמאלע וועג איז ער געגאנגען עטליכע טעג ביז ער איז געקומען צוא אגרויסע שטאט, אין דיא שטאט האבין געוואהנט פיל מענטשין, ווי רבי שמשון איז אריין געקומען אין שטאט האט ער גיזעהן עס איז אגרויסער טרויער ביי די יודין, מען פאסט אונ מען וויינט, ער האט געפרעגט עטליכע מענטשין וואס מען וויינט, עס האט אים אבער קיינער געוואלט זאגין. ווייל מען האט גיזעהן ער איז ארעם אונ גייט מיט צוריסענע

קליידער

וָואס מֶען

אִין אַנְגאַסְט הויז

עם בַּעַל הַבַּיִת עֶר

אַזוי שְׁטַארְק, הָאט דֶער

דָא אִין שְׁטָאט וואהְנְט דֶער מֶלֶךְ אוּנ

גַאנְץ אַלְט, זִיהן האט עֶר נִיט נָאר אֵיין טָאכְטֶער, זַיין גַאנְצֶער לֶעבִּין אִיז נָאר דִי טָאכְטֶער, אוּנ דִי טָאכְטֶער אִיז שְׁטַארְק קְרַאנְק דִיא דָאקְטוירִים הָאבִּין גֶעזָאגְט זַייא קֶענֶען נִיט הֶעלְפִין צוּ אִיר קְרַאנְקְקַייט, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט צוּ דִי יוּדִין זַיי זָאלִין בֶּעטִין פַאר אִיר, אויבּ זַייעֶר תְּפִלָּה וֶועט הֶעלְפִין אוּנ זַיין טָאכְטֶער וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערִין וֶועט עֶר טָאהן צוּ זַיי גְרוֹיסֶע טובות, אוּנ אויבּ זַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת וֶועלִין נִיט הֶעלְפִין אוּנ זַיין טָאכְטֶער וֶועט שְׁטַארְבִּין וֶועט עֶר אַלֶע יוּדִין אַרויסְטְרַייבִּין פוּן זַיין לַאנְד, אוּנ וֶועט בַּיי זַיי צַוֶועקְנֶעמֶען זַייעֶר פַארְמֶעגִין אוּנ וֶועט זַיי אַרויס-טְרַייבִּין נַאקֶעט אוּנ בָּארְוֶועס, דְרִיבֶּער וויינֶען מִיר אוּנ פַאסְטִין אוּנ מִיר בֶּעטִין בַּייא הקב"ה זִיא זָאל גֶעזוּנְד וֶוערִין, הָאט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעזָאגְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת גֵיי גֶעשְׁוִוינְט צוּא דִיא יוּדִין אוּנ זָאג זַיי מֶען דַארְף שׁוֹין נִיט וויינֶען, נָאר זַיי זָאלִין גֵיין צוּם מֶלֶךְ זָאגִין עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַאָרֶעמֶער יוּד, אוּנ עֶר וֶועט גֶעזוּנְד מַאכִין דַיין טָאכְטֶער, דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעלַאכְט פוּן רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים בַּיי דִי טָאכְטֶער פוּן מֶלֶךְ זֶענֶען גֶיוֶועזֶען דִיא גְרֶעסְטֶע דָאקְטוירִים פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ זַייא קֶענֶען נִיט הֶעלְפִין, וֶועסְטוּ קֶענֶען הֶעלְפִין, הָאט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעזָאגְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת דוּ זָאלְסְט נִיט קוּקֶען אויף מַיין אָרֶעמְקַייט נָאר טוּה וִוי אִיךְ זָאג דִיר, דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁמְשׁוֹן

זָאגְט ...
גֶעזָאגְט צום מֶלֶ...
קוּמֶען, עֶר אִיז אַרַי...
דֶער עֶרְד פַאר דֶעם מֶלֶ...
הָאט גֶעהֵייסִין עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין ...
דֶער גַאנְצֶע הַיִיזֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ ...
אֲדוֹנִי הַמֶלֶךְ, אַאָרֶעמֶער יוּד אִיז הַיינְט גֶעקוּמֶען אִין ...
עֶר הָאט גִיזֶעהן וְוִי מִיר פַאסְטִין אוּנ וַויינֶען עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט
פַאר וָואס מִיר וַויינֶען הָאבִּין מִיר אִים גֶעזָאגְט וַוייל דַיין אֵיינְצִיגֶע
טָאכְטֶער אִיז קְרַאנְק בֶּעטִין מִיר בַּייא הקב"ה עֶר זָאל זִיא הֵיילִין
פוּן אִיר קְרַאנְקַייט אוּנ זִיא זָאל גֶעזוּנְד וֶוערִין, הָאט דֶער אָרֶעם
מַאן גֶעזָאגְט צוּ מִיר אִיךְ זָאל זָאגִין דִיא יוּדִין זַייא זָאלִין נִיט
וַויינֶען, זַייא זָאלִין וֶוערִין פְרֵיילִיךְ וָוארוּם אִיךְ וֶועל אִיר גֶעזוּנְד
מַאכִין, אוּנ צוּ דִיר אֲדוֹנִי הַמֶלֶךְ זָאל אִיךְ זָאגִין דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה
אַז דֶער אָרֶעמֶער יוּד זָאגְט אַז עֶר וֶועט גַאנְץ גֶעוִויס גֶעזוּנְד
מַאכִין דַיין טָאכְטֶער אוּנ אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיא נִיט קֶענֶען גֶעזוּנְד
מַאכִין זָאל מֶען אִים דֶעם קָאפּ אַרָאפְּנֶעמֶען, דָאס בִּין אִיךְ גֶע–
קוּמֶען צוּא דִיר אֲדוֹנִי הַמֶלֶךְ זָאגִין, אוּנ טָאמֶער וֶועט עֶר נִיט
קֶענֶען גֶעזוּנְד מַאכִין דַיין טָאכְטֶער זָאלְסְטוּ מִיךְ נִיט בֶּעשׁוּלְדִיגֶען
אוּנ נִיט בֶּעשְׁטְרָאפִין, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעבָּאטִין זַיינֶע קְנֶעכְט מֶען
זָאל בַּאלְד בְּרֵיינְגֶען דֶעם אָרֶעם מַאן, וְוִי רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעקוּמֶען
פַאר דֶעם מֶלֶךְ הָט עֶר גֶעטְרָאפִין דֶער מֶלֶךְ זִיצְט אָנְגֶעלֶעהנְט אוֹיף
זַיין שְׁטוּהל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט [אַיינְגֶעבּוֹיגִין] פַאר דֶעם מֶלֶךְ
אוּנ הָאט אִים גֶעגְרִיסְט (גִיגֶעבִּין זַיין טִיטוּל, טְשֶׁעסְט), וְויא מֶען
דַארְף זָאגִין צוּא אַמֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז אֱמֶת
אַז דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט דוּ קֶענְסְט גֶעזוּנְד מַאכִין מַיין טָאכְטֶער.

אוּן אוֹיף דֶעם ווִילְסְטוּ גֶעבִּין אַמַשְׁכּוֹן דַיין קָאפּ, דַיין לֶעבִּין? הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גִיעֶנְפֶּערְט עֶס אִיז אֱמֶת אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעזָאגְט, ווַייל אִיךְ פַּארְזִיכֶער מִיךְ אוֹיף הקב"ה ווָאס עֶר קֶען הֵיילִין אַלֶע קְרַאנְקֶע אַז דוּרְךְ מִיר ווֶעט עֶר שִׁיקֶען דִיא הֵיילוּנְג צוּא דַיין טָאכְטֶער, דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים אַרַיין גֶעפִירְט אִין דֶעם צִימֶער וואוּ זַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעלֶעגִין, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גִיזֶעהן אִירֶע אָדֶערִין קְלַאפִּין נִיט, אִירֶע אוֹיגִין זֶעהן נִיט, דֶעם אָטֶעם צִיהֶען הֶערְט מֶען גַאנְץ שְׁוַואךְ, זִיא אִיז שׁוֹין בֶּענוֹי ווִי גֶעשְׁטָארְבִּין, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט ווָאס מֶען זָאל אִים גֶעשְׁווִינְט בְּרֵיינְגֶען פוּן אַפְּטֵייק, מֶען הָאט דִיא רֶגַע גֶעבְּרֵיינְגְט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעטִין דֶעם מֶלֶךְ אוּנ דִיא מַלְכָּה זַייא זָאלִין אַרוֹיסגֵיין פוּן דֶעם צִימְמֶער, אוּנ בִּיז צְווַייא שָׁעָה זָאל קֵיין מֶענְטְשׁ זַיין אִין דֶעם צִימְמֶער, דֶער מֶלֶךְ אוּנ דִיא מַלְכָּה זֶענֶען אַרוֹיסגֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּבּ אוּנ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט פַארְשְׁלָאסִין דִי טִיר עֶס זָאל קֵיינֶער אַרַיין קוּמֶען, אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם עֶפִּיל אוּנ הָאט אִים גֶעלֵייגְט נֶעבִּין אִיר נָאז, ווִי זִיא הָאט אַשְׁמֶעק גֶעטָאהן דֶעם רֵיחַ פוּן דֶעם עֶפִּיל, הָאבִּין אָנגֶעהוֹיבִּין אִירֶע אָדֶערִין קְלַאפִּין ווִי בַּיי אַגֶעזוּנְטִין מֶענְטְשׁ. אִיר אָטֶעם הָאט זִיא גוּט גֶעצוֹיגִין, דֶער מֶלֶךְ אוּנ דִיא מַלְכָּה הָאבִּין גֶעוַוארְט דִיא צְווַייא שָׁעָה מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע אוּנגֶעדוּלְדִיקֵייט, יֶעדֶער מִנוּט אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַיָאהר, בַּאלְד דִיא רֶגַע ווִיא דִי צְווַייא שָׁעָה הָאבִּין זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט הָאט דֶער מֶלֶךְ אַקְלַאפּ גֶעטָאהן אִין דִיא טִיר מֶען זָאל אִים עֶפֶענֶען זֶעהן ווָאס הָאט דֶער אָרֶעם מַאן גֶעטָאהן מִיט זַיין טָאכְטֶער, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גִיעֶפִינְט דִיא טִיר דֶער מֶלֶךְ אוּנ דִיא מַלְכָּה זֶענֶען גֶעשְׁווִינְט צוּגֶעלָאפִּין צוּ אִיר בֶּעט זַייא הָאבִּין גִיזֶעהן זִיא לִיגְט אִין בֶּעט ווִי אַגֶעזוּנְטֶע, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסֶען אַרַיין רוּפִין אַדָאקְטָאר, דֶער דָאקְטָאר הָאט בֶּעזֶעהן אִיר גַאנְצִין קֶערְפֶּער אוּנ הָאט גֶעזָאגְט זִיא אִיז גֶעזוּנְד ווִי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשִׁין נָאר

גיזעהן האט זיא נאך ניט אונ האט נאך ניט געריעט . רבי שמשון האט געזאגט איך גיי איצט . אין מיין גאסט הויז אונ אין צייט צוויא שעה וועל איך נאך אמאהל קומען , דער מלך האט אים ניט געלאזט גיין נאר מען האט געשפאנט אשיינעם פאוואז מיט צוויא שיינע פערד , רבי שמשון האט געמוזט אריין גיין אין פאוואז אונ מען האט אים געפירט צו זיין גאסט הויז , דער מלך האט באלד געשיקט צו אים אין גאסט הויז אפעלדשער מען זאל אים אפשערין דיא האר אונ ער זאל זיך ריין ארומוואשין אונ מען האט אים געשיקט נייע קליידער וויא אלע דאקטוירים זענען געקליידט, רבי שמשון האט אנגעטאהן אנדערע קליידער וועלכע ער האט דערוייל געבארגט פון זיין בעל הבית אונ די דאקטארשע קליידער האט ער ניט געוואלט אנטאהן , וויא עס זענען נאר אריבער דיא צוויא שעה האט דער מלך געשיקט צוא אים זיין פאוואז מען זאל אים ברייגגען צום מלך , וויא רבי שמשון איז געקומען נאך אמאהל צום מלך אונ איז געגאנגען דורך די שטוב וואס דארטין זענען גיזעסין דיא דאקטוירים האבין זייא געלאכט פון אים , דער יודישער בעטלער איז אויך אדאקטאר ? ער נעמט זיך אונטער צו היילין דיא טאכטער פון מלך ? ער האט זיך אבער געמאכט ווי ער הערט גאר ניט וואס זייא ריידין אונ איז גלייך אריין געגאנגען אין צימער צו דיא טאכטער פון מלך , אונ ער האט געזאגט צום מלך אונ צו דיא מלכה זייא זאלין ארויס גיין פון צימער אויף צוויי שעה , זייא זענען ארויסגעגאנגען פון צימער אונ ער האט פארשלאסין דעם צימער , אונ האט נאך אמאהל געלייגט דעם עפיל געבין איר נאז ווי זיא האט אשמעק געטאהן דעם ריח פון עפיל זענען ליכטיג גיווארין אירע אויגין , אונ האט אנגעהויבין זעהן , נאך די צוויי שעה האט רבי שמשון גיעפינט די טיר , דער מלך אונ דיא מלכה זענען אריין געקומען אונ האבין גיזעהן זייער טאכטער קען שוין זעהן , איז זייער פרייד

גיוועזן זייער גרויס, נאר ריידין האט זיא נאך ניט געקענט, רבי שמשון האט געזאגט צום מלך אונ די מלכה איך גיי אין מיין גאסט הויז אונ נאך צוויי שעה וועל איך קומען, ביי דעם מלך אונ דיא מלכה זענען גיוועזן די צוויי שעה וויא צוויי יאהרין, זיי האבין שוין געוואלט הערין זייער טאכטער ריידין, ענדע צוויי שעה האט דער מלך געשיקט זיין פאוואז צו רבי שמשון מען זאל אים ברייננגען צום מלך, רבי שמשון איז געקומען אונ האט געבעטין דעם מלך אונ דיא מלכה זייא זאלין ארויסגיין פון דעם צימער, אונ האט פארשלאסין דיא טיר אונ האט געלייגט דעם עפיל צוא איר נאז, וויא זיא האט דאס דריטע מאהל אשמעק געטאהן פון עפיל, האט זיא אנגעהויבין ריידין אונ האט גערופין מיט אהויכע שטימע „מיין פאטער אונ מיין מוטער„ דער מלך אונ דיא מלכה זענען אריין געקומען צוא איר אונ זיא האט גערעט מיט זייא וויא זיא האט גערעט פריער איידער זיא איז קראנק גיווארין, עס קען קיין פעדער בעשרייבין דיא שמחה פון דיא דרייא מענטשין, רבי שמשון האט געזאגט צום מלך מען זאל רופין א דאקטאר ער זאל זיצען געבין איר אונ זאל איר אלע פערטיל שעה עפעס געבין צוא שטארקין אירע קרעפטין, אונ איך גיי איצט אין מיין גאסט הויז אין ענדע צווייא שעה וועל איך צוריק קומען אהער, וויא עס איז גיווארין ענדע צוויי שעה האט מען געשיקט דעם פאוואז צוא ברייננגען רבי שמשון צום מלך רבי שמשון איז געקומען אין צימער צו דיא טאכטער פון מלך אונ האט געהייסען אלע מענטשין זאלין ארויס גיין פון צימער, אונ ווען עס איז קיינער גיוועזן אין צימער האט ער גיזאגט צו דיא פרינצעסין דוא זעהסט מיך, האט זיא געזאגט יא, וואס האלט איך אין האנט? האט זיא געזאגט, אעפיל. האט רבי שמשון געזאגט צוא איר דוא זאלסט וויסען דער עפיל האט דיך געהיילט אונ האט דיך לעבעדיג געמאכט, אונ דוא זאלסט פאר

קיינֶעם זָאגִין מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעהֵיילְט, אֲפִילוּ צוּ דַיין פָּאטֶער אוּנ מוּטֶער זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִיט זָאגִין, דוּא זָאלְסְט זָאגִין דוּא וַוייסְט נִיט מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעהֵיילְט, זָאלְסְט וִויסֶען אוֹיבּ דוּא וֶועסְט זָאגִין צוּא אַמֶענְטְשׁ אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעהֵיילְט מִיט אַעֶפִּיל וֶועסְטוּ בַּאלְד שְׁטַארְבִּין, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט אִיר גִינֶעבִּין דֶעם עֶפִּיל אִין הַאנְט אוּנ זִיא הָאט שְׁטַארְק גֶעשְׁמֶעקְט פוּן אִים אוּנ אִירֶע קְרֶעפְטִין זֶענֶען אַלֶע רֶגַע שְׁטַארְקֶער גִיוָוארִין, זִיא הָאט בַּייא זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט יוּנְגֶע קְרֶעפְטִין, זִיא הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶעם בֶּעט, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גִיעֶפִנְט דִיא טִיר דֶער מֶלֶךְ אוּנ דִי מַלְכָּה זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ זַייעֶר טָאכְטֶער, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּא זַייא אִיר מֶעגְט שׁוֹין אָפְּשַׁאפִין אַלֶע דָאקְטוֹרִים מֶען דַארְף זַייא נִיט מֶער, הקב"ה הָאט גֶעהָאלְפִין אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין גֶעזוּנְד. אִין פִיר טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז דִיא פְּרִינְצֶעסִין אַרוּים גֶעגַאנְגֶען פוּן בֶּעט אוּנ אִיז אַבִּיסוּל אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ, נָאךְ אִין פִיר טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז זִיא גִיוֶוען אִין גַאנְצִין גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק וויא זִיא אִיז גִיוֶוען פְרִיעֶר, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן נִיט אַוֶועק גֶעפָארִין פוּן דִיא שְׁטָאט אוּנ פְּלֶעגְט קוּמֶען צוּ דִיא פְּרִינְצֶעסִין פִינְף מָאהל אִין טָאג אוּנ צוּ יֶעדֶער מָאהל הָאט עֶר אִיר גִינֶעבִּין דֶעם עֶפִּיל זִיא זָאל שְׁמֶעקִין פוּן אִים, אוּנ זִיא אִיז אַלֶע מָאהל שְׁטַארְקֶער אוּנ גֶעזִינְטֶער גִיוָוארִין, פוּן דִי צַייט אוּנ וַוייטֶער הָאט מֶען גִינֶעבִּין גְרוֹיס כָּבוֹד צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, אַלֶע יוּדִין פוּן דִי שְׁטָאט אוּנ דֶער מֶלֶךְ אוּנ אַלֶע דָאקְטוֹירִים אוּנ אַלֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין פוּן מֶלֶךְ, הָאבִּין אִים גֶערוּפִין הֶערר דָאקְטָאר.

אַמָאהל הָאט גֶעטְרָאפִין דֶער מֶלֶךְ אוּנ דִיא מַלְכָּה אוּנ דִי פְּרִינְצֶעסִין אוּנ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּצִירֶען, אוּנ זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּא דֶעם זַאל וָואס דָארְטִין לִיגֶען דִיא אוֹצְרוֹת פוּן מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסֶען אֶפֶענֶען דֶעם זַאל מֶען זָאל נַוייזִין אַלֶע אוֹצְרוֹת צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט זִיךְ שְׁטַארְק

גֶעוואונְדֶערְט אויף דִי טַייֶערֶע בְּרִילַאנְטִין וָואס הָאבִּין בֶּעלויכְטִין
דֶעם זָאל ווי דִיא זוּנְן אִין תַּמוּז, אונ פון דִיא פִּיל גָאלְד אונ
זִילְבֶּער וָואס עֶר הָאט דָארְטִין גִיזֶעהן. דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט צוּ
רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן זָאג וָואס דוּ ווילְסְט נֶעמֶען, מֶעגְסְטוּ נֶעמֶען, רֶבִּי
שִׁמְשׁוֹן הָאט גִיזָאגְט צום מֶלֶךְ, הקב"ה וָואס עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ
אִיבֶּער אַלֶע מְלָכִים זָאל גְרויס מַאכִין דַיין מְלוּכָה, אונ וָואס דַיין
גוּט הָארְץ וֶועט מִיר וֶועלִין גֶעבִּין דָאס וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אונ
וֶועל זַיין צוּפְרִידֶען, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעפְּרֶעגְט זַיינֶע שָׂרִים וָואס
זָאגִין זֵיי, וָואס זָאל מֶען גֶעבִּין אַמַתָּנָה צוּא רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, אַטֵייל
שָׂרִים הָאבִּין גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכִין פַאר אַמֶלֶךְ אויף
עֶטְלִיכֶע לֶענְדֶער, אַטֵייל שָׂרִים הָאבִּין גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים
גֶעבִּין פִּיל גֶעלְט, דֶער מֶלֶךְ אִיז מִיט זַייעֶרֶע עֵצוֹת נִיט גִיוֶועזְן
צוּפְרִידֶען, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסֶען מַאכִין אַסְעוּדָה, פַאר זַיינֶע
אַלֶע שָׂרִים אונ קְנֶעכְט, בַּיי דִיא סְעוּדָה אִיז גִיזֶעסִין דֶער מֶלֶךְ
אונ דִיא מַלְכָּה אונ זַייעֶר טָאכְטֶער אונ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן, מֶען הָאט
גִיגֶעסִין גֶעטְרוּנְקֶען פִּיל וויין, וֶוען דֶער מֶלֶךְ אִיז שׁוין גִיוֶועזְן גַאנְץ
פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אֲדוֹנִי דָאקְטָאר זָאג
מִיר וָואס אִיךְ זָאל דִיר גֶעבִּין, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט וֶועלִין אַהַאלְבֶּע
מְלוּכָה וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט צום מֶלֶךְ
אויבּ דוּא וֶועסְט מִיר גֶעבִּין גָאלְד אונ זִילְבֶּער, וֶועל אִיךְ זֵייא
שְׁטֶענְדִיג דַארְפִין הִיטֶען מֶען זָאל זֵיי פון מִיר נִיט גַנְבֶענֶן, אָדֶער
גַזְלָנִים וֶועלִין מִיךְ הַרְגֶענֶן אונ וֶועלִין פון מִיר אַוֶועקְנֶעמֶען דָאס
גֶעלְט, אונ אויבּ דוּ וֶועסְט מִיךְ מַאכִין פַאר אַמֶלֶךְ אויף אַמְדִינָה
וֶועל אִיךְ קֵיין מָאהל נִיט הָאבִּין מַיין רוּהִיגְקַייט, פון דִיא פִּיל
אַכְטוּנְג גֶעבּוּנְג אויף אַלֶע שָׂרִים אונ אָרְדֶענוּנְגְס אִין לַאנְד, דְרִיבֶּער
פַארְלַאנְג אִיךְ נָאר דוּ זָאלְסְט מִיר שֵׁיינְקֶען דִיא שְׁטָאט קוּסִי (קוּצִי)
אויף אֵייבִּיג, אַלֶע שָׂרִים הָאבִּין פון אִים גֶעלַאכְט ווייל עֶר הָאט

אַזויא וֵויינִיג גֶעבֶּעטִין, אונ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט נָאךְ אַמָאהל גֶעזָאגְט אִיךְ וִויל נִיט מֶער נָאר מֶען זָאל מִיר שֵׁיינְקֶען דִיא שְׁטָאט קוּסִי, הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט דִיא שָׂרִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז וַוייל דִיא שְׁטָאט קוּסִי אִיז זַיין גֶעבּוּרְט שְׁטָאט דְרִיבֶּער וִויל עֶר דִיא שְׁטָאט, אונ וַוייל דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעוואוּסְט אַז דִיא שְׁטָאט קוּסִי אִיז אַאַלְטֶע אָרֶעמֶע שְׁטָאט, מִיט הִילְצֶערְנֶע אַלְטֶע הַייזֶער, דְרִיבֶּער הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט אַבְּרִיף צוּם שַׂר פון שְׁטָאט מֶען זָאל אַיין וַוארְפִין אַלֶע הַייזֶער אונ מָאהֶערִין נַייֶע הַייזֶער אונ שֵׁיינֶע פַּאלַאצִין, אונ אַיין פַּאלַאץ זָאל זַיין גֶעמַאכְט אַזוֹי שֵׁיין וִוי אַקֶענִיגְלִיכֶער פַּאלַאץ אונ בִּיז אַיָאהר זָאלִין דִיא אַלֶע הַייזֶער זַיין פַארְטִיג גֶעבָּאהט, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטִין בַּיי רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן עֶר זָאל זַיין בַּייא אִים אַיָאהר בִּיז דִי הַייזֶערוֹאִין שְׁטָאט קוּסִי וֶועלִין פַארְטִיג וֶוערִין, רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט אַזוֹי גֶעטָאהן אונ הָאט גֶעוַואַרְט בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אַגַאנְצִין יָאהר,

דְרַייא חֳדָשִׁים זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען ווִיא דֶער רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גִיוֶוען בַּיי דֶעם מֶלֶךְ, אַמָאהל הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוּ זַיין טָאכְטֶער זָאג מִיר מִיט וָואס הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן דִיךְ גֶעהַיילְט, הָאט דִיא טָאכְטֶער גֶעזָאגְט עֶר הָאט מִיךְ גֶעהַיילְט מִיט דִיא רֵייד פון זַיין גָאט. נָאר אַיין זַאךְ וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין מַיין לִיבֶּער פָאטֶער אויבּ דוּא וִוילְסְט אִיךְ זָאל לֶעבִּין זָאלְסְטוּ פוּן מִיר נִיט בֶּעטִין אִיךְ זָאל דִיר זָאגִין מִיט וָואס עֶר הָאט מִיךְ גֶע-הַיילְט, וָוארוּם אַז אִיךְ וֶועל זָאגִין וֶועל אִיךְ שְׁטַארְבִּין בַּאלְד דֶעם זֶעלְבִּין טָאג. דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעוויינְט אונ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִיר וָואס זָאגְסְטוּ מַיין טָאכְטֶער, אִיךְ וִויל בֶּעסֶער שְׁטַארְבִּין נָאר דוּא זָאלְסְט לֶעבִּין, עֶס אִיז גְלַייכֶער דוּא זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם זָאגִין נָאר דוּא זָאלְסְט לֶעבִּין.

עֶס זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דְרַיי חֳדָשִׁים, אַמָאהל הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזֶעהן רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז טְרוֹיֶערִיג, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶע-בֶּעטִין רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן עֶר זָאל אִים זָאגִין פַאר וָואס עֶר אִיז טְרוֹיֶערִיג,

הָאט רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ וָואלְט גֶערְין גֶעקוּמֶען אַהֵיים צוּא מַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן וַוארְט בִּיז דֶער יָאהר וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגֶען וֶועל אִיךְ דִיךְ אַוֶועק שִׁיקֶען אַהֵיים מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהָאטִין אַלֶע טָאג פְּרִיה אוּנ אָבֶענְד זָאלִין קוּמֶען אַמוּזִיק צוּא רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן מֶען זָאל פַאר אִים שְׁפִּילֶען אוּנ זִינְגֶען מֶען זָאל אִים פְרֵיילִיךְ מַאכִין, דָאס הָאט אָבֶּער גָאר נִיט גֶעהָאלְפִין רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גִיוֶוען וַוייטֶער טְרוֹיעֶרִיג אוּנ הָאט גֶעבֵּיינְקְט צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ חֲבֵרִים וָואס עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערוּנְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּנ וַוייל עֶר הָאט גֶעמוּזְט פָאלְגִין דֶעם מֶלֶךְ אוּנ וַוארְטִין בִּיז צוּם יָאהר דְרִיבֶּער אִיז עֶר גִיוֶוען טְרוֹיעֶרִינג.

אַמָאהל אִיז דֶער מֶלֶךְ גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן אִין זַיין צִימֶער אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּא אִים אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר צוּרֵיידִין אַ סוֹד (אַגֶעהֵיימֶע זַאךְ), בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּ זָאלְסְט מִיט מִיר פָארִין שְׁפַּאצִירֶען אוֹיף דָעם יַם אִין וֶועג וֶועלִין מִיר רֵיידִין פוּן דֶעם סוֹד, וִוי רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גִיהֶערְט דִי וֶוערְטֶער „פָארִין אוֹיף דֶעם יַם" אִיז עֶר שְׁטַארְק דֶערשְׁרָאקִין גִיוָוארִין, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט טָאמֶער וֶועט אִים נָאךְ אַמָאהל טְרֶעפִין וִוי עֶס הָאט אִים גֶעטְרָאפִין וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארִין אוֹיף דֶעם יַם מִיט זַיין בְּרוּדֶער, עֶר הָאט אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט עֶנְדֶערִין דֶעם וואוּנְשׁ פוּן מֶלֶךְ, עֶר מִיט דֶעם מֶלֶךְ זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי שִׁיף, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט צוּם שִׁיף-קַאפִּיטַאן עֶר זָאל מִיט דִיא מַאטְרָאזִין אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם דֶעק פוּן שִׁיף, אוּנ דֶער מֶלֶךְ מִיט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן זֶענֶען גִיוֶוען אוּנְטֶען אִין דִי שִׁיף, וִוי דִיא שִׁיף הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגִין פוּן בְּרֶעג אַפָּאר מַייל אוֹיף דֶעם יַם, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיצְט אִיז מִיט אוּנְז קֵיין מֶענְטְשׁ דָא, זָאג מִיר מִיט וָואס הָאסְטוּ גֶעהֵיילְט מַיין טָאכְטֶער, אִיךְ שְׁוֶוער בַּייא מַיין לֶעבִּין אוּנ בַּיי דֶעם נָאמֶען פוּן הקב"ה וָואס עֶר הֵיילְט אַלֶע קְרַאנְקֶע אַז אִיךְ וֶועל דָאס נִיט זָאגִין

אֶפִילוּ פָּאר אֵיין מֶענְטְשׁ אויך נִיט, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט נִיט גֶעקֶענְט בֶּעהַאלְטִין דִי זַאךְ פוּן מֶלֶךְ, אוּנ עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם מֶלֶךְ אַלְץ וָואס אִים הָאט גֶעטְרָאפִין אוּנ עֶר הָאט אִים גֶעוִויזֶען דֶעם עֶפִּיל, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעשְׁמֶעקְט פוּן עֶפִּיל, אוּנ עֶר הָאט בֶּע־מֶערְקְט אַז עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען נַייעֶ קְרֶעפְטִין אַזוֹי וִויא עֶר אִיז גִיוֶוען אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרִין, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ גִיב מִיר דֶעם עֶפִּיל אִיךְ וֶועל אויךְ שְׁמֶעקִין פוּן אִים, וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים צוּרִיק גִיגֶעבִּין דֶעם עֶפִּיל הָאט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן מִיט גֶעשְׁווִינְדִּקַייט עֶפֶּעס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן קֶעשֶׁענֶע אוּנ הָאט אַרַיין גִיוָוארְפִין אִין יַם אוּנ הָאט דֶעם עֶפִּיל בֶּעהַאלְטִין אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ נִיט וִוילֶענְדִיג אִיז דֶער עֶפִּיל אַרוֹיסְגֶעפַאלִין פוּן מַיין הַאנְט אִין יַם, אוּנ רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעוַויינְט אוּנ גֶערִיסֶען דִיא הָאר פוּן קָאפּ וָואס עֶר הָאט פַארְלָארִין אַזוֹי אַטַייעֶרֶע זַאךְ אִין יַם, אוּנ דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גֶעטְרֵייסְט, אוּנ אִין הַארְצִין אִיז עֶר גִיוֶוען פְרֵיילִיךְ, וָואס דֶער מֶלֶךְ גְלוֹיבְּט אַז דֶער עֶפִּיל אִיז טַאקִי אַרַיין גֶעפַאלִין אִין יַם, בַּאלְד אִיז דֶער מֶלֶךְ מִיט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעפָארִין מִיט דִיא שִׁיף צוּרִיק אַהֵיים אוּנ עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין טָאכְטֶער דֶעם שָׁאדִין וָואס רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעהַאט מִיט דֶעם עֶפִּיל וָואס עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלִין אִין יַם, זִיא הָאט אִים אויךְ גֶעטְרֵייסְט, אִין עֶנְדֶע יָאהר הָאט דֶער מֶלֶךְ בֶּעקוּמֶען אַבְּרִיף פוּן דֶעם שַׂר פוּן דִיא שְׁטָאט קוֹסִי אַז אַלֶע הַייזֶער אוּנ פַּאלַאצִין זֶענֶען שׁוֹין אוֹיפְגֶעבָּאהט גִיוָוארִין, הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעזָאגְט צוּא רַבִּי שִׁמְשׁוֹן דוּא זָאלְסְט וִויסֶען דִיא שְׁטָאט קוֹסִי אִיז דַיינְע דוּא הַייסְט שׁוֹין „דֶער שַׂר פוּן קוֹסִי" דִיא פָּאדַאטְקֶעס פוּן דִיא . ט גִיהֶער צוּא דִיר אויף אֵייבִּיג אוּנ דוּא קֶענְסְט שׁוֹין פָאהְרִין אַהֵיים, מִיר וֶועלִין נָאךְ לָאזִין אוּנזֶער רַבִּי שִׁמְשׁוֹן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ אוּנ מִיר וֶועלִין דֶערְצֵיילִין וָואס מִיט רַבִּי חַיִים אִיז גִיוֶוען אִין דִיא גַאנְצֶע צַייט.

רבי

רבּי חַיִים האט גֶעהַאלְטִין זַיין וָוארְט אוּנ עֶר הָאט גֶעשְׁפֵּייזְט זִס וַוייבּ מִיט דִיא קִינְדֶער פוּן זַיין בְּרוּדֶער רבּי שִׁמְשׁוֹן, זַייא הָאבִּין בִּיסְלַאכְוַוייז פַארְגֶעסִין זֵייעֶר פְּאטֶער, רבּי חַיִים הָאט אוֹיךְ בִּיסְלַאכְוַוייז פַארְגֶעסִין זַיין בְּרוּדֶער, אִין דִיא צַייט אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסִין אַטָאכְטֶער פוּן רַבִּי שִׁמְשׁוֹן וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט טְאהְן מִיט אִיר אַשִׁידוּךְ, רַבִּי חַיִים אִיז גֶעפָארִין אִין אַגְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה אוּנ הָאט גֶענוּמֶען אַבָּחוּר וָואס אִיז אַלַמְדָן עֶר זָאל זַיין אַחָתָן צוּא זַיין בְּרוּדֶערְס טָאכְטֶער, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען תְּנָאִים רַבִּי חַיִים הָאט גֶעמַאכְט אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה צוּ דִי תְּנָאִים, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט דֶער בָּחוּר נָאךְ נִיט גֶעפַּאסְט צוּ זַיין אַאֵיידִים בַּיי רבּי שִׁמְשׁוֹן, רַבִּי חַיִים הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִי תְּנָאִים אַטָאג וֶוען דִיא חֲתוּנָה זָאל זַיין, דַאמָאלְס אִין דִיא צַייט הָאבִּין דִיא מַיכְטֶערְס אַיינְגֶעוָוארְפִין דִיא אָרֶעמֶע קְלֵיינֶע שְׁטִיבּוּל וָואס רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט אִין אִיר גֶעוואהְנְט אוּנ מֶען הָאט אוֹיף דֶעם אָרְט גֶעשְׁטֶעלְט אַגְרוֹיסִין פַּאלַאץ.

אֵיידֶער רבּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גִיפָארִין אַהֵיים הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט בְּרִיף צוּ אַלֶע שָׂרִים וָואס וואהְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס רַבִּי שִׁמְשׁוֹן וֶועט דארְפִין פָארִין, מֶען זָאל זֶעהן דִיא וֶועג זָאל זַיין אִין אָרְדֶענוּנְג עֶס זָאל קַיין אוּמְגְלִיק קֶענֶען טְרֶעפִין אוֹיף דֶעם וֶועג.

אֲפִילוּ אַלְץ אִיז שׁוֹין גִוֶועִן גְרֵייט פַאר רַבִּי שִׁמְשׁוֹן צוּא פָארִין אַהֵיים פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט עֶר גֶעמוּזְט דָארְטִין זַיין נָאךְ אַחֹדֶשׁ, ווַייל אַלֶע שָׂרִים פוּן מֶלֶךְ הָאבִּין אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּנ הָאבִּין נִיט גֶעוָואלְט עֶר זָאל פוּן זֵיי אַוֶועקְפָארִין, זֵיי הָאבִּין אִים גֶעהַאלְטִין פַאר אַגֶאטְלִיכֶען מֶענְטְשׁ אוּנ הָאבִּין גֶעוְואסְט אַז עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער צַדִיק אוּנ אַגְרוֹיסֶער חָכָם, דְרִיבֶּער הָאבִּין דֶער מֶלֶךְ אוּנ דִי מַלְכָּה אוּנ זֵייעֶר טָאכְטֶער אוֹיפְגֶעהַאלְטִין דֶעם צַדִיק רַבִּי שִׁמְשׁוֹן נָאךְ אֵיין חֹדֶשׁ, וְויא דֶער חֹדֶשׁ הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִינְט

איז גֶעלָאפִּין פְּרִיעֶר אַרַייטֶער אָנְזָאגִין צוּ אַלֶע שָׂרִים וָואס זֶענֶען גִיוָועען אויף דֶעם וֶועג ײ זָאלִין גֶעבִּין גְרוֹים כָּבוֹד צוּ רַבִּי שִׁמְשׁוֹן, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהֵייסִין שְׁפַּאנֶען אַשֵׁיינֶעם פְּאָוָואז מִיט שֵׁיינֶע פֶערְד. אִין פְּאָוָואז הָאט דֶער מֶלֶךְ אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט אַקֶעסְטִיל מִיט גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער. דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע שָׂרִים הָאבִּין בֶּעלַייט דֶעם רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אַשְׁטִיק וֶועג בִּיז דְרַיי מַייל פוּן שְׁטָאט, אויף דֶעם אָרְט הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעהֵייסִין מֶען זָאל מַאכִין אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה, מֶען הָאט גֶעגֶעסִין גֶעטְרוּנְקֶען דְרַיי טֶעג, נָאכְדֶעם הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אַלֶע שָׂרִים גֶעזֶעגוּנְט מִיט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן, זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶע־פָאְרִין צוּרִיק אִין שְׁטָאט אוּנ רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעפָארִין צוּא זַיין שְׁטָאט קוּסִי, אִין יֶעדֶער שְׁטָאט וְוא רַבִּי שִׁמְשׁוֹן אִיז גֶעקוּמֶען הָאט מֶען אִים גִיגֶעבִּין גְרוֹים כָּבוֹד, אוּנ וַוייל זַיין שְׁטוּב אִיז נָאךְ נִיט גִיוֶוען פַארְטִיג, וָוארוּם מֶען הָאט גֶעוַוארְט אויף אִים עֶר זָאל זָאגִין וִויא זַיין שְׁטוּב זָאל גֶעמַאכְט וֶוערִין. הָאט מֶען דֶערְוַוייל גְרֵייט גֶעמַאכְט פַאר אִים אַוואהנוּנְג בַּיי רַבִּי חַיִים, וַוייל רַבִּי חַיִים אִיז גִיוֶוען אַנְגִיר אוּנ הָאט זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוואהְנְט.

אִין צְוַויי טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז רַבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אַלֶע מֶענְטְשִׁין פוּן שְׁטָאט זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גֶעגֶען אִים אוּנ הָאבִּין אִים אַרַיין גֶעפִירְט מִיט גְרוֹים כָּבוֹד צוּ רַבִּי חַיִים אִין שְׁטוּב, אִין אַבֶּעזוּנְדֶער וואהנוּנְג, פַארִין נַאכְט הָאט רַבִּי שִׁמְשׁוֹן גֶעשִׁיקְט רוּפִין צוּ זִיךְ זַיין בְּרוּדֶער רַבִּי חַיִים, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט דֶערְקֶענְט זַיין בְּרוּדֶער רַבִּי חַיִים, רַבִּי חַיִים הָאט אִים נִיט דֶערְקֶענְט, רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי חַיִים אויף דֶעם פִירוּנְג פוּן שְׁטָאט, אוּנ אויף זַיין פַאמִילְיֶע אוּנ אויף זַיינֶע קִינְדֶער, רַבִּי חַיִים הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַטַייעֶרִין בְּרוּדֶער עֶר אִיז גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן אֵיינֶער פוּן דִיא בַּעֲלֵי תּוֹסְפוֹת, אוּנ עֶר אִיז פוּן אִים פַארְלָארִין גִיוָוארִין אוּנ עֶר וַויים נִיט וְוא עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט, דֶער שַׂר (רַבִּי שִׁמְשׁוֹן) הָאט זִיךְ גֶעוְואנְדֶערְט אוּנ

הָאט

הָאט אִים נָאךְ אַמָאהל גֶעפְרֶעגְט וְוָא אִיז זַיין בְּרוּדֶער, הָאט רַבִּי חַיִים נָאךְ אַמָאהל גֶעזָאגְט אִיךְ וֵייס נִיט, ער הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם שַׂר אַלְץ וָואס אִים הָאט גֶעטְרָאפִין מִיט זַיין בְּרוּדֶער, נָאךְ דֶעם דֶערְצֵיילוּנְג אִיז רַבִּי חַיִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, זַיינֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט אַזוֹי לַאנְג גֶעטָאהן בַּייא דֶעם שַׂר, הָאט עֶר זֵייא דֶערְצֵיילְט מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן זַיין פַארְלָארֶעגֶעם בְּרוּדֶער.

מָארְגִין פַארִין נַאכְט הָאט דֶער שַׂר גִיזֶעהֶן דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער עֶס גֵייעֶן פִיל מוּזִיק (שְׁפִּילֶערְס) פוּן אֵיין שְׁטוּבּ אִין דִי אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט צוּם בַּעַל הַבַּיִת פְרֶעגִין צוּא וָואס זֵיי גֵייעֶן שְׁפִּילֶען, הָאט רַבִּי חַיִים גֶעזָאגְט וַוייל דִיא וָואךְ וֶועט זַיין דִיא חֲתוּנָה פוּן מַיין פַארְלָארֶעגֶעם בְּרוּדֶערְס טָאכְטֶער, הָאט דֶער שַׂר גֶעזָאגְט- צוּ רַבִּי חַיִים וֶוען דִיא חֲתוּנָה וֶועט זַיין זָאל מֶען מִיר זָאגִין: וַוייל אִיךְ וִויל זֶעהֶן דֶעם פִּירוּנְג פוּן אַייעֶרֶע אַחֲתוּנָה, רַבִּי חַיִים הָאט גֶעזָאגְט עֶר וֶועט אַזוֹי טָאהן, רַבִּי חַיִים הָאט דֶערְצֵיילְט זַיינֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין אַז דֶער שַׂר וִויל זַיין אוֹיף דִי חֲתוּנָה, הָאט עֶר גֶעהֵייסִין מֶען זָאל רֵיין מַאכִין אַלֶע שְׁטוּבִּין אוּנ בֶּעפּוּטְצֶען מִיט וָואס נָאר מֶעגְלִיךְ אִיז, דִי כַּלָּה זָאל אָנְטָאהן אִירֶע אַלֶע צִירוּנְג.

דִי נַאכְט פַאר דִי חֲתוּנָה הָאט רַבִּי חַיִים גֶעמַאכְט אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה (אַזוֹי אִיז גִיוֶועזֶען זֵייעֶר מִנְהָג) עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פִיל גֶעסְט, אוּנ דֶער שַׂר אִיז גֶעקוּמֶען אָנְגֶעטָאהן אִין זַיינֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גִיגֶעבִּין, דִיא מוּזִיקַאנְטִין הָאבִּין גֶעשְׁפִּילְט פוּן זַיינֶעטְוֶועגִין זֵייעֶר אַשֵׁיינֶעם נִיגוּן, צוּא דִיא סְעוּדָה זֶענֶען גִיוֶועזֶען גֶעבֶּעטִין אַלֶע בַּחוּרִים דִיא חֲבֵרִים פוּן דֶעם חָתָן, (אַזוֹי אִיז גִיוֶועזֶען זֵייעֶר מִנְהָג, דִיא נַאכְט פַאר דִיא חֲתוּנָה מַאכְט מֶען אַסְעוּדָה אוּנ דִיא בַּחוּרִים דִיא חֲבֵרִים פוּן חָתָן קוּמֶען צוּא דִיא סְעוּדָה, אוּנ צוּ וַוייזִין אַז דֶער חָתָן אִיז אַלַמְדָן פְרֶעגִין זֵיי

אִים ־קַשְׁיוֹת אוּנ עֶר הָאט גֶענְטפֶערְט תֵּירוּצִים אוֹיף זַייעֶרֶע־קַשְׁיוֹת,
אוּנ ווייל זַייא הָאבִּין זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פַאר דֶעם שַׂר אוּנ הָאבִּין
גֶעשְׁרָאקִין פַאר אִים זֶענֶען אַלֶע גִיוֶועזֶען שְׁטִיל עֶס הָאט ־קֵיינֶער
גֶערֶעט אַוָואָרְט, דֶער שַׂר הָאט גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי חַיִּים פַאר וָואס
אִיז אַזוֹי שְׁטִיל פַאר · וָואס רֶעט ־קֵיינֶער אַוָואָרְט, אוּנ דִיא יוּנְגֶע
מֶענְטְשִׁין וָואס זִיצֶען נֶעבִּין חָתָן פַאר וָואס רֵיידִין זַיי גָאר נִיט
מִיט דֶעם חָתָן, בַּאלְד הָאט דֶער שַׂר גֶעזָאגְט צוּא דִיא יוּנְגֶע
מֶענְטְשִׁין אִיר מֶעגְט רֵיידִין מִיט דֶעם חָתָן שֶׁעמְט אַייךְ נִיט אוּנ
שְׁרֶעקְט נִיט פַאר מִיר אִיךְ וֶועל אוֹיךְ הֶערִין וָואס אִיר וֶועט
רֵיידִין, דֶער בָּחוּר וָואס אִיז גִיזֶעסִין נֶעבִּין דִיא רֶעכְטֶע זַייט פוּן
חָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם חָתָן אַשְׁטַארְקֶע ־קַשְׁיָא. דֶער חָתָן הָאט
זִיךְ גֶעמַאטֶערְט צוּ עֶנְטְפֶערִין דִיא ־קַשְׁיָא אוּנ הָאט נִיט גֶעקֶענְט,
נָאר אֵיין בָּחוּר וָואס אִיז גִיזֶעסִין דֶער פֶערְטֶער פוּן חָתָן עֶר
הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אַלֶע ־קַשְׁיוֹת וָואס מֶען הָאט גִיפְרֶעגְט. אוּנ דִיא
־קַשְׁיוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט הָאט ־קֵיינֶער גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערִין,
רַבִּי שִׁמְשׁוֹן הָאט גִיזֶעהְן דֶער חָתָן אִיז אַקְלֵיינֶער לַמְדָן, נָאר דֶער
פֶערְטֶער בָּחוּר אִיז אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער אוּנ הָאט גֶעהַאלְטִין אַגָאלְדֶענֶע
שִׁיסֶעלֶע, בַּדֶעקְט מִיט אַשֵׁיינֶעם טִישְׁטִיכוּל, אַלֶע בַּחוּרִים הָאבִּין
אַרַיין גֶעוָוארְפִין גֶעלְד אִין דִיא שִׁיסֶעלֶע וִויא פִיל אֵיינֶער הָאט
גֶעוָואלְט גֶעבִּין, דֶער שַׂר הָאט אוֹיךְ אַרַיין גֶעוָוארְפִין אַנְדָבָה,
אוּנ דִיא בֶּעדִינֶער הָאבִּין גֶעבְּרֵיינְגְט וַויין מִיט טָארְט פַאר אַלֶע
גֶעסְט, אוּנ פַאר דֶעם שַׂר הָאט מֶען גֶעבְּרֵיינְגְט בַּזוּנְדֶער טֵייעֶרֶע
וַויין אִין אַגָאלְדֶענֶעם בֶּעכֶער מִיט בְּרִילַאנְטִין, אַלֶע גֶעסְט הָאבִּין
גֶעטְרוּנְקֶען לְחַיִּים אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין, דֶער שַׂר הָאט גֶעזָאגְט
צוּ רַבִּי חַיִּים מֶען זָאל רוּפִין דִיא כַּלָה מִיט אִיר מוּטֶער, דִי כַּלָה
אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט גֶעקְנִיהט פַאר דֶעם שַׂר אוּנ דֶער שַׂר
הָאט אִיר בַּאלְד דֶערְקֶענְט, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּא אִיר זִיא זָאל

חינא (קיטייא) ׃

דאס לאנד חינא איז א גאנץ אלטע לאנד, אונ זא איז גרויס וויא דיא גאנצע לייגג פון מזרח אזיא. אין חינא איז דא זייער פיל מענטשין מער וויא אין אלע אנדערע לענדער פון דער וועלט. אין איר צייט זענען פיל פעסטונגען וויסט געוואָרין, פיל פערגעניגענטמענע פאלאצין זענען איינגעווארפין געווארין, פיל לענדער זענען פארלענדעט געווארין, עס איז נאר געבליבען דער אנדענקונג פון זייערע נעמען, אבער חינא שטייט נאך פון אנהייב ביז היינט מיט אירע שטארקייט אונ ווערט פארשענערט יעדער יאהר, דיא חינעזער פלעגין מאכין טייערע אונ נוצליכע זאכין מיט פיל יאהרין פריהער פאר אייראפא, ווען די אייראפאישע מענטשין האבין גאר ניט געוואוסט וואס די זאכין נוצען, נישט ווענין זייער חכמה ווייל זיי זענען אזוי קלוג אונ פארשטענדיג, זיי זענען גאנץ ווייט פון דיא אייראפאישע חכמה, נאר ווייל זיי זענען פון אייביג רוהיגע מענטשין, ווילען ניט דאס אייראפאישע לוקסוס, דריבער האבין זיי צייט צו טראכטין אונ צוא ארבעטין ווענין נייע שיינע אינטערעסאנטע זאכין, פון וועלכען זיהן נהנה זיי זענען וויס מען ניט אויף ריכטיג' נאר ווען דער מלך אשור האט פארטריבען די צעהן שבטים פון ארץ ישראל אין לחלח,

אויפשטיין אונ רופין איר מוטער מיט אירע ברידער, ער האט זייא אויך דערקענט, דער שר האט אויף זייא גרויס רחמנות געהאט, אונ האט געזאגט צו זיי איר דערקענט מיך ניט? איך בין דאך אייער פאטער וואס מיך האט געטראפין דער אומגליק צוזאמען מיט מיין ברודער רבי חיים, אונ צו זיין בזודער האט ער געזאגט דוא דערקענסט מיך ניט איך בין דאך דיין ברודער שמשון וואס דער ווינט האט אונז פארטריבען אויף דעם פאר-גליווערטין ים אונ הקב"ה האט מיך גערעטעט מיט וואנדער ווי איך וועל אייך שפעטער דערציילין, דערווייל זאג איך אייך אז איך וויל ניט דעם חתן, ער האט דעם חתן גיגעבין פיל געלט ער זאל מוחל זיין דעם שדוך, אונ רבי שמשון האט געמאהן אשדוך מיט דעם פעטערין בחור, אונ מען האט געמאכט באלד חתונה, אונ אלע האבין זיך געפרייט זייער זאג אונ מען האט געדאנקט אונ געלויבט גאט אויף דיא אלע נסים אונ וואנדער וואס ער האט מיט זיי געטאהן ביז איצט.

באלד נאך די חתונה האט רבי שמשון אויסגעטאהן זיינע קעניגליכע קליידער אונ ער האט אנגעטאהן זיינע פראסטע קליידער אונ איז געגאנגען אין בית המדרש לערנען תורה מיט תלמידים טאג אונ נאכט, פיל תלמידי חכמים זענען געקומען אין קוסי לערנען תורה פון רבי שמשון, אונ רבי שמשון האט געשריבען צום מלך מען זאל אלע תלמידי חכמים פריי מאכין פון פאראמקעס, אונ דער מלך האט איינגעווילינט וואס רבי שמשון האט געבעטין, אונ דער נאמען פון רבי שמשון איז גיהערט גיווארין אין דיא גאנצע וועלט, מיט זיין פיל תורה לערנען אונ מיט זיינע פיל צדקות אונ טובות וואס ער האט געטאהן צוא יודין אין כלל אונ אין פרט אונ זיין נאמען איז גיווען רבינו שמשון ב"ר אברהם זצ"ל בעל התוספות השר מקוצי:

חָבור, אין דיא שְׁטֶעט פון מָדי, וָענֶען זַייא גֶעגַאנְגֶען פין דָארְטין אין הִינְדְיָא, אונ פון הִינְדְיָא וָענֶען זַייא גֶעגַאנְגֶען אין חִינָא, אונ דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה הָאט גֶעזָאגְט הקב"ה וֶועט צוּזַאמֶען בְּרֵיינְגֶען דיא יוּדִין פון צָפון אונ פון דָרום אונ פון דיא לַאנְד סִינִים, אונ דָאס איז חִינָא, וֶועהן מִיר אַז דיא לַאנְד חִינָא איז אַיין אַלְטֶע לַאנְד.

אין מִזְרָח זַייט חִינָא איז דֶער יַם אוקְיָאנוּס (מָארגֶענלֶענ-דישֶׁער אַצְיָאן), אין דָרום זַייט איז דֶער הִינְדְיַאנִישֶׁער מֶעער, אין מַעֲרָב זַייט איז דיא קְלֵיינֶע לַאנְד טִיבֶּעט, אין צָפון זַייט איז דָא אַגְרויסֶע מָאהֶער וָואס זיא שְׁטֵייט צְווִישֶׁען חִינָא אונ גְרוֹים טַארְטַארְיָא. דִינָא אַלֵיין פַארנֶעמְט 69000 מַייל קְוַואדְרַאטְנֶע, אונ מיט די קְלֵיינֶע לֶענְדֶער וָום גִיהֶערִין צו חִינָא איז צוּזַאמֶען 163000 קְוַואדְרַאטְנֶע מייל, איז חִינָא קְלֶענֶער פון גַאנְץ אֵייְרָאפַּא מיט צֶעהן טויזֶענְד קְוַואדְרַאטְנֶע מייל.

דיא מָאהֶער איז הויך פופְצֶעהן אֵיילִין, דֶער פוּדַאמֶענְט פון דיא מָאהֶער אויף די עֶרְד איז הויך אֵיין אֵייל גֶעמַאכְט פון פִיר-קַאנְטִיגֶע שְׁטֵיינֶער, אונ דיא גַאנְצֶע מָאהֶער איז פון צִיגוּל נִיט גֶעבְּרֶענְטֶע, דָאס איז אַטְאפֶּעלֶע מָאהֶער. אֵיין וַואנְט גֶע-מָאהֶערְט פִינְף פוּס דיא גְרֶעב. אונ וַוייט פון די וַואנְט איז עֶלְף פוּס איז דָא נָאךְ אַמָאהֶער אויף פִינְף פוּס די גְרֶעב, אונ צְווִישֶׁען בֵּיידֶע וֶוענְט איז אַרִיין גֶעשָׁאטִין זַאמְד אונ שְׁטֵיינֶער, צוּזַאמֶען איז דיא וַואנְט גְרָאב אֵיין אונ צְוַואנְצִיג פוּס, אין דיא מָאהֶער איז דָא פִיר גְרויסֶע טוּיעֶרִין, בַּיי יֶעדֶער פֶערְטִיל מַייל איז דָא אַטְאַרֶעם, אַבִּיסוּל טָארֶעמְס וָענֶען הויךְ זִיבֶּען אונ דְרֵייסִיג פוּס אונ אַבִּיסוּל וָענֶען הויךְ אַכְט אונ פֶערְצִיג פוּס, אויף די מָאהֶער שְׁטֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג הַארמַאטִין אונ מִילִיטֶער מיט בִּיקְסִין, אונ אין דיא טָארֶעמְס וָענֶען דָא לֶעבֶּער וָואס מֶען שִׁיסְט דורךְ זַייא וֶוען עֶס איז אַמִלְחָמָה, עֶס איז שוֹין מֶער וִוי צְוַויי טויזֶענְד יָאהר וִוי

די חינעזער האבין געמאהערט די וועגט זיי זאלין־זיין אבעשיצונג פאר די טארטארין וואס פלעגין קומען גאנץ עפטערס ראבעווען זייער פארמעגין, נאר עס איז שוין היינט מער ווי הונדערט יאהר אז די מאהער איז צובראכין אין פיל ערטער אונ מען פארריכט זיא ניט, ווייל דיא חינעזער זענען מיט זייער ג נאטור פוילע מענטשין ·

די גרויסע טייכין אין חינא זענען דיזע, דער טייך האאנג־הא (דער געלער טייך) דער טייך איז זייער שטרומיג אונ ווען עס איז אווינט איז ניט מעגליך אויף אים צוא פארין, נאר ווען עס איז קיין ווינט גייען אויף אים שיפען, אונ יעדער יאהר הייבט זיך אויף דאס וואסער זייער הויך אונ פארפלייצט דאס דרום זייט פון חינא (אזוי וויא דער נילוס אין מצרים) ביז פינף הונדערט דייטשישע מיילין אונ ער פאלט אריין אין חינעזישין ים · דער צווייטער טייך איז יאנטזע קיאון (דער בלאער טייך) דאס איז דער גרעסטער טייך פון חינא, דער טייך גייט אויך אריין אין חינעזישין ים, דער בלוטיגער טייך (ווייל דיא וואסער איז רויט ווי בלוט), דער בריליאנטין טייך וועגן די לבנה שיינט אויף דיא וואסער זעהט אויס ווי בריליאנטין שווימען אויף דעם וואסער, דער טייך טאנים אין סוף זומער זענען דיא וואסער בלאה אונ מען קען מיט זייא פארבין, נאך א טייך איז דא וואס די וואסער שמעקט זייער שיין, דער טייך קינקקא אין דיא וואסער איז אריין געמישט גאלד שטויב אז מען לאזט שטיין וואסער אין א כלי פאלט אראפ אונטען גאלד דינע ווי זאמד, דער טייך קסא, דיא וואסער היילין פיל קראנקייטין, נעבין די שטאט האנגטשען איז דא א טייך וואס אין יעדער יאהר איז דא א בעשטימטער טאג וואס אין דעם טאג הייבט זיך אויף די וואסער גאנץ הויך אונ פאר־פלייצין אין אלע זייטין זייער ווייט, אונ נאכדעם ווען די וואסער לויפט אפ צוריק אין טייך אונ דיא ערטער בלייבין טרוקין איז

דיא

די ערד בּדעקט מיט זאלץ, אונ טויזענדער מענטשין קומען געמען דיא זאלץ זייא זאלין האבּין אויף אגאנץ יאהר, אונ אויסער דיא פריערדיגע טייכין זענען דא נאך טייכין אונ ימים (מעערן) אונ אזערעס, צוזאמען בּיז פופצעהן הונדערט.

דער לופט איז גוט אין גאנץ חינא, נאר געבּין די טייכין וואס דיא וואסער שטייען אונ לויפין ניט, איז דער לופט זייער שלעכט. אין צפון זייט אונ אין מערב זייט פון חינא זענען דא גאנץ הויכע בערג וואס זענען אייביג בּדעקט מיט שניי, זומער איז דער לופט דארטין זייער גוט נאר ווינטער איז דארטין שטארקע פרעסט, אין דרום זייט פון חינא איז זומער דיא היץ זייער שטארק, אונ ווינטער איז פיל רעגין מיט גרויסע שטורעם ווינטין, וואס מאכין פיל שאדין, זייער אפטערס איז דארטין ערד ציטערניש, פיל הונדערטער שטעט זענען איינגעפאלין פון דיא ערד ציטערניש, אונ פיל טויזענדער מענטשין זענען לעבּעדיג בּעגראבּין גיווארין אין די ערד.

דיא פרוכטין וואס וואקסין אין איירא פּא וואקסין אין חינא אויך, נאר אין חינא זענען זייא ניט אזוי גוט וויא זייא זענען אין איירא פּא אונ זענען אויך ווייניגער וויא אין איירא פּא. דיא בעסטע פרוכטין פון חינא זענען דיא פּפירשען, אפריקאזען, פּאמעראנצען, מעלאנען, עפּעל-זינען, די בוימער וואס זענען נאר אין חינא זענען פיל מינים, עס איז דא אמין בוימער אז מען גיסט ארויף אבּוים הייסע וואסער מיט אש הייבּט אן צו רינען פון בוים געלע וואקס, אז די וואקס ווערט פארגליווערט מאכט מען פון זייא ליכט וואס בּרענען גאנץ ליכטיג, אונ דיא ליכט קאסטין זייער טייער, טהע וואקסט אין חינא זייער פיל, צוואנציג מיליאן פונט טהע פירט מען יעדער יאהר פון חינא אין איירא פּא, אין חינא וואקסט אזעלכע רעטיך וואס מען קוועטשט אויס פון א רעטיך מער ווי העלפט גוטען אייל, אז דער רעטיך

יעגט אַבּוּנט ...ועטשט מֶען אוים פוּן אִים מֶער ווי אַהַאלְבּ פוּנט
איל, דִי... אייל גִיסְט מֶען אַריין אִין לָאמְפֶּען אוּנ עֶס בְּרֶענְט
גאנְץ לִיכְטִיג*), פוּן דִי לָאמְפֶּען גֵייט אַרוּים אַשְׁוַוארְצֶער רויךְ,
אַז דֶער רויךְ פַארְזַאמֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַבֵּלִי נֶעמְט מֶען דִיא סַאזֶע
אוּנ מֶען מִישְׁט אוים מִיט גוּממֶע אִיז דָאס שְׁוַוארְצֶער טוּשׁ, דֶער
בּעסְטֶער, עֶס אִיז דָא אַמִין פֵּרִי וָואס זִיא וַואקְסְט נָאר אִין חִינָא.
זִיא הֵייסְט „לִיטְשִׁי”, דִיא פֵּרִי אִיז גְרוֹים ווִי אַנוּס, פִּיל זֶענֶען
רוֹיט ווִי פּוּרפּוּר, וִויא קַארמַאזִין, ווִיא פְלֵייש, פִּיל זֶענֶען גְרִין,
אִינְוֵוייְנִיג אִיז דִיא פֵּרִי וַייס, אוּנ שְׁמֶעקְט, אִין דִיא פֵּרִי אִיז דָא
אַשְׁוַוארְצֶער קֶערְן, עֶס זֶענֶען דָא רָאר—שְׁטֶעקִינְס הוֹיךְ ווִי בּוֹימֶער,
אוּנ הַארְט ווִי הָאלְץ, אוּנ גְרָאבּ, אוֹיף דֶעם רָארשְׁטֶעקִין וַואקְסְט
אַהוֹיט, פוּן דֶעם הוֹיט מַאכְט מֶען פַּאפִּיר, אוּנ פוּן דֶעם רָאר-
שְׁטֶעקִין אַלֵיין בָּאהט מֶען הַייזֶער, קְלֵיינֶע שִׁיפֶען, אוּנ פִּיל עֶרְלֵיי
שֵׁיינֶע כֵּלִים, עֶס זֶענֶען דָא פִּיל וֶועלְדֶער מִיט דִיא רָארשְׁטֶעקִינְס,
דָאס מֶערְסְטֶע פֶּעלְדֶער וֶוערְט פַארְזֵייעֶט מִיט רַייז, וַוייץ גַאנְץ
וֵוייְנִיג, דָארְט וַואקְסְט דִי וָוארְצֶלֶען רָאהַבַּארְבַּאר, חִינָא, בַּאנְווִיל,
וִויטְרִיָאל, צוּקֶער, אִינְגְוֶוער (אִינְגְבֶּער), אִינְדִיקָא (הִינְדִיךְ),
אִיגְזֶענְג, קַאמְפֶּער, אַרַאק, גוּמִילַאק, אַמְבְּרָא, גָאלְד, זִילְבֶּער,
קוּפֶּער, וַוייסֶע קוּפֶּער, קְוֶועקְזִילְבֶּער, צִינְק, אַייזִין, שְׁטָאהל,
בְּלַייא, אַלוֹין, בָּאַרַאקְס, בְּרִילַאנְטִין, פֶּערְצֶעלַאן, שְׁטֵיין קוֹילִין,
אִין צָפוֹן זַייט פוּן חִינָא אִיז דָא זֵייעֶר פִּיל שְׁטֵיין קוֹילִין, אוּנ
וַוייל פוּן דִי שְׁטֵיין קוֹילִין אִיז אַשְׁלֶעכְטֶער רֵיחַ, אוּנ וֶוען מֶענְטְשִׁין
שְׁלָאפִין צִיהֶען זֵיי אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם שְׁלֶעכְטִין רֵיחַ, דְרִיבֶּער
שְׁטֶעלִין זֵיי אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע שְׁלָאף שְׁטוּבִּין שִׁיסְלֶען מִיט קַאלְטֶע
וַואסֶער, דִיא וַואסֶער צִיהט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם רֵיחַ פוּן דִיא
קוֹילִין, עֶס זֶענֶען דָא קְלִינְגֶענְדִיגֶע שְׁטֵיינֶער, פוּן זֵיי מַאכְט מֶען
כלים

---

*) ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת שמן צנונות

בֵּלִים צום שְׁפִּילֶען, מֶען גֶעפִינְט דָארְטִין שְׁטִיקֶער עֶרְד-זַאלְץ, אַז מֶען טְרִיקוּנְט דִיא עֶרְד בִּיז עֶס וֶוערְט גוט טְרוּקִין אוּנ מֶען לֵייגְט דִי עֶרְד אִין אַאַייזֶערְנֶעם טָאפּ אוּנ מֶען גִיסְט אַרַיין וַואסֶער אִין טָאפּ, בְּלַייבְּט אוּנְטֶען זַאלְץ, נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען דִיא עֶרְד אוּנ מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט זֵיי צוּרִיק אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגֶען אָרְט וָואס מֶען הָאט זֵיי פוּן דָארְטִין גֶענוּמֶען, אוּנ אַז דִי עֶרְד לִיגְט דָארְטִין אַקוּרְצֶע צַייט קֶען מֶען נָאךְ אַמָאהל אַרוֹיסנֶעמֶען זַאלְץ פוּן דִיא עֶרְד, דִיא זַאלְץ אִיז שְׁוַוארְץ, אוּנ אַז מֶען שִׁיט אַרַיין דִי זַאלְץ אִין אַעֶסִין וֶוערְט דָאס עֶסִין שְׁוַוארְץ.

בְּהֵמוֹת זֶענֶען דָא, שֶׁעפְּסִין, רִינְדֶער (אָקְסִין קִיה), אֵייזֶעלֶען, פֶּערְד, קֶעמְלֶען, עֶלְפַאנְדִין זֶענֶען דָא זֵייעֶר פִּיל, מַאלְפֶּעס. טִיגְרֶעס, בֶּערִין, וֶועלְף, הֶערְשִׁין, קְלֵיינֶע הֶערְשִׁין וָואס זֶענֶען נָאר גְרוֹיס וִוי דִיא הִינְט, זֵיי אָדֶעוֶועֶן זִיךְ אִין דִי שְׁטוּבִּין, אוּנ אִין דִיא גֶערְטְנֶער, ווִילְדֶע חֲזֵירִים, הָאזֶען, פִּיקְס, בִּיזַאם-חַיוֹת, וֶוערִים וָואס מַאכִין זַייד, דִיא וֶוערִים זֶענֶען נָאר דָא אִין חִינָא אוּנ אִין אָסְט-הִינְדְיֶע, זַייא זֶענֶען זֵייעֶר פִּיל אוֹיף דִיא בּוֹימֶער אוּנ דָארְטִין וֶועבִּין זֵיי פַאר זִיךְ וואהנוּנְגֶען, זֵיי וֶועבִּין זֵייעֶר גֶעדִיכְט עֶס זָאל נִיט קֶענֶען קוּמֶען צוּא זֵיי דֶער רֶעגִין, אַטֵייל וֶוערִים וֶועבִּין נִיט וואהנוּנְגֶען נָאר זֵיי צִיהֶען דִיא פֶּעדִים פוּן אֵיין צְוַוייג בִּיז צוּם אַנְדֶערִין צְוַוייג, אוּנ מֶענְטְשִׁין קוּמֶען אוּנ נֶעמֶען אַרָאפּ דִיא זַייד זֵייעֶר גְרִינְג נָאר אָן אַרְבֶּעט, דִיא פֶּעדִים זַייד זֶענֶען בְּרוֹין, זֵיי הָאבִּין קֵיין גְלַאנְץ, נָאר זַייא זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק, דִי קְלֵיידֶער וָואס מֶען מַאכְט פוּן דִיא זַייד וֶוערִין נִיט גֶעשְׁווִינְט צוּ-רִיסֶען, אוּנ וֶוערִין נִיט גֶעפְלֶעקְט, אוּנ מֶען קֶען זֵיי וַואשִׁין ווִיא לַיינְוַואנְד, דִי זַייד וֶוערְט אִין חִינָא אוֹיךְ זֵייעֶר טַייעֶר פַארקוֹיפְט, פוּן דִיא וֶוערִים הָאט מֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט גֶעוואוּסְט נָאר אִין חִינָא אוּנ אִין הִינְדְיֶע, נָאר עֶס אִיז בֶּענוֹי טוֹיזֶענְד דְרַייא הוּנְדֶערְט יָאהר ווִיא צְוַוייא כּוֹמְרִים הָאבִּין בֶּעהַאלְטִין עֶטְלִיכֶע

אַייער פון דיא טַייערע װערים אונ האָבּין זייא געבּרײנגט אין קאָנסטאַנטינאָפּאל, איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאל אויך געװאָרין די זַייד צו פאַרקויפין, זעקס הונדערט יאָהר האָט מען אויף דער װעלט ניט געװואוסט פון װאַנען האָט קאָנסטאַנטינאָפּאל די זייד, ביז איטאליענער מענטשין האָבּין זיך דערװואוסט פון די װערים, נאָכדעם מיט דער צייט איז שוין בּעוואוסט געװאָרין פון דיא װערים נאָך אין לענדער פון אייראָפּאַ.

פֿייגיל זענען דאָ פיל מינים, שטוב פֿייגיל, וואַלד פֿייגיל, אָדלערס, קראָאפף גענז, פּעליקאַן, גאָלד פֿאַזאַנען, עס זענען דאָ פֿייגיל װאָס זענען גרויס װי קראָהען אונ זיי פֿאַנגען פיש פון ים, עס זענען דאָ מענטשין װאָס האָבּין פיל פֿייגיל אַזעלכע, אונ אַלע טאָג גאַנץ פריה װען נאָר דיא זונן הייבּט אָן אויפשיינען, בּריינגט דער מענטש זיינע פֿייגיל צום װאַסער, אונ זיי שטעלין זיך אין איין פראַנד װיא צוא אמלחמה, אונ דער מענטש האַלט אַשטעקין אין האַנט אונ גיט אַקלאַפּ מיט דעם שטעקין אויף די װאַסער דאָס איז אַצייכין פאַר דיא פֿייגיל זייא זאָלין אָנהייבען פאַנגען, פליהען אַלע מיט איין מאָהל אַריין אין װאַסער, יעדער פויגיל האָט אויף דעם האַלדז אַרינג ער זאָל ניט קענען אַראָפּשלינגען דעם פיש װאָס ער װעט פאַנגען, אונ װעלכין פיש זייא פאַנגען בּריינגען זייא אים צוא זייער בּעל הבּית, זייא פאַנגען דיא פיש מיט דעם מויל, אונ אויב דער פיש איז גרויס איין פויגיל קען אים ניט אַרויסשלעפּין פון װאַסער, העלפט אים דער אַנדערער פויגיל, איין פויגיל האַלט אים דעם קאָפּ אייגער דעם װיידיל אונ זייא שלעפין אים אַרויס פון טייך. אַז זייא האָבּין שוין גענוג גע-פאַנגען, נעמט דער בּעל הבּית אַראָפּ דיא רינגען פון זייערע האַלדזער, אונ ער גיט זייא פיל קליינע פיש צום עסין בּיז זייא עסין גאַנץ זאַט, אַלע מינים פיש װאָס זענען דאָ אין אייראָפּאַ זענען אין חינאַ: אויך דאָ, עס איז דאָ אַמין פיש װאָס הייסט גאָלד

פיש

פִּישׁ, וַוייל עֶר אִיז בֶּדֶעקְט מִיט שׁוּפֶּען וָואס זֶענֶען וִויא גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער, אוּנ מֶען רוּפְט אִים גָאלְדֶענֶע קַארְפֶּען, מֶען הַאלְט זַייא אִין גְלֶעזֶערְנֶע כֵּלִים מִיט וַואסֶער אוּנ זַייא שְׁווִימֶען אִין דֶעם וַואסֶער צוּם פַּארְגֶענִיגֶען, דִיא כֵּלִים שְׁטֵייֶען אִין גֶערְטְנֶער צוּם פֶּערְגֶענִיגֶען,

דֶער קֵיסָר פוּן הִינָא גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף זַיין לַאנְד וִויא זַיין ווילֶען אִיז, אוּנ עֶר זָאגְט עֶר הָאט רְשׁוּת עֶרלויבְּנִים צוּ מְשַׁפְּטִין אוֹיף דֶער וֶועלְט וִויא הקב״ה אַלֵיין, וֶועלְבֶער מֶענְטְשׁ עֶס זֶעהט דֶעם קֵיסָר מוּז עֶר קְנִיהֶען אוּנ פַאלִין דְרַייא מָאהל אוֹיף דִי עֶרְד בִּיז עֶר רִירְט אָן דֶעם שְׁטֶערִין צוּא דִיא עֶרְד, אוּנ נִיט נָאר אַז מֶען זֶעהט דֶעם קֵיסָר מוּז מֶען אַזוֹי טָאהן נָאר פַאר דִי שְׁטוּהל, פַּאר זַיין שִׁילְד, פַּאר זַיין פַּאלַאץ, פַּאר זַיינֶע קְלֵיידֶער, פַּאר זַיין גַארְטֶעל, אוּנ פַּאר אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכִין דֶעם קֵיסָרְס אַז מֶען זֶעהט זַיי מוּז מֶען קְנִיהֶען אוּנ פַּאלִין דְרַייא מָאהל אוֹיף דִיא עֶרְד, דֶער קֵיסָר זָאגְט עֶר גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע אוּנ אוֹיף דִיא טוֹיטֶע, דִיא טוֹיטֶע וֶועלִין אוֹיךְ מוּזִין שְׁטֵיין פַאר זַיין מִשְׁפָּט, דֶער קֵיסָר מֶעג אַרָאפּוַוארְפֶען אַלֶע שָׂרִים אוּנ מַאכִין פוּן זַיי וִויסְט, אוּנ נֶעמֶען אָרֶעמֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ זַייא מַאכִין פַאר דִיא גְרֶעסְטֶע שָׂרִים, אַז אֵיינֶער זִינְדִיגְט צוּם קֵיסָר מֶעג דֶער קֵיסָר בַּשְׁטְרָאפִין אִים אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ זַיינֶע אֵיינִיקְלִיךְ בִּיז צוּם נַיינְטִין דוֹר. אֵיידֶער עֶר שְׁטַארְבְּט מֶעג עֶר מַאכִין פַאר אַקֵיסָר אוֹיף זַיין אָרְט וֶועלְכִין קִינְד עֶר וִויל, אֲפִילוּ דֶעם יִינְגְסְטִין, עֶר מֶעג מַאכִין גְזֵירוֹת אוֹיף דֶעם לַאנְד וִוי עֶר וִויל, אוּנ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז הַאלְטֶען זַיינֶע גְזֵירוֹת, אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט נִיט דִי גְזֵירָה פוּן קֵיסָר הַרְגֶעט מֶען אִים מִיט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זֶענֶען דָא צְווייא גְרוֹיסֶע שָׂרִים וָואס זֶענֶען אָנְגֶעבְּרֵייט גִיוָוארִין פוּן לַאנְד זַייא זָאלִין אַכְטוּנְג גֶעבִּין אוֹיף דִיא גְזֵירוֹת פוּן קֵיסָר

ער זאל ניט מאכין גאנץ שווערע גזרות וואס דאס פאלק וועט זייא ניט קענען דערהאלטין אונ זייא זאלין ניט זיין דערגעגין דיא געזעצין פון לאנד, דיא צווייא שרים דארפין פארשרייבין אין אבוך אלע זאכין גוטע אונ שלעכטע וואס עס טרעפט אין דיא צייט פון קיסר, אונ זיי האבין אבעזונדער שטוב, זיי טארין ניט ארוים גיין אויף דיא גאס ביז דער קיסר שטארבט. אמאהל האט געטראפין אז דער קיסר האט זיך דערוואוסט אז ער האט ניט גוט געטאהן אזאך, האט ער געבעטין ביי דיא צווייא שרים זיי זאלין דאס ניט פארשרייבין, האבין זיי געענטפערט, וואס דער קיסר האט געטאהן מוזין מיר געוויס פארשרייבין, אונ מיר מוזין פארשרייבען אז דער קיסר האט אונז געבעטין מיר זאלין ניט פארשרייבין, ווארום מיר מוזין פארשרייבין יעדער ווארט וואס דער קיסר רעט.

די ווייבער פון קיסר זענען דריי ערליי, איינע איז אקיסרין, צווייי קעניגינס, זיי האבין פיל דינסטין, נאך זעקס קעניגינס מיט פיל דינסטין, אויסער די ניין ווייבער האט ער נאך ווייבער ביז הונדערט, אלע קינדער פון אלע ווייבער הייסין קעניגליכע קינדער, אונ דער קיסר מעג מאכין ירשנן די מלוכה צו וועלכין קינד ער וויל, נאר פון דעסטוועגין פלעגט דער קיסר אייביג געבין דיא מלוכה צוא דעם זוהן פון דיא קיסרין, די טעכטער פון קיסר דאס מערסטע פון זייא נעמען מאגען דיא פירשטען פון דיא טארטארין, ניט דא פירשטען פון חינא, אז דער קיסר שטארבט מוזין אלע ווייבער זיינע בלייבין אלמנות. זיי טארין ניט נעמען אנדערע מאנען, אונ עס ווערט פאר זיי גיגעבין בזונדערע שטובין אין קיסערליכען הויף אונ זייא זיצען דארטין ביז זייא שטארבין, אז עס טרעפט אשר האט געזינדיגט צום קיסר אונ ער איז געשטראפט גיווארין מיט יסורים, מוז ער קומען צום קיסר אונ קניהען פאר אים אונ דרייא מאהל אקוש טאהן דיא ערד וואס געבין דיא פים פון קיסר, אונ אים דאנקען פאר די

שטראף וואס ער האט אים געשטראפט, דער קיסר זיצט בעהאלטין אין זיין פאלאץ, אונ מען טאר אים ניט זעהן, אונ ווען דער קיסר וויל אמאהל ארויס גיין אין גאס גייען פאראויס צוויי טויזענד מענטשין מיט שווערדין אונ ביקסין אין דיא הענט, אונ אלע מענטשין אנטלויפין פון דיא גאסין, ווייל יעדער מענטש האט מורא טאמער וועט ער ניט טאהן דעם כבוד פאר דעם קיסר ווי מען דארף וועט מען אים באלד הרגנן, אלע קראמען אונ טויערין ווערין דאמאלס פארשלאסין, דיא חינעזער האבין קיין פענסטער פון זייערע הייזער אין די גאסין, ווארום אז די פענסטער וועלין זיין אין גאס האבין זיי מורא טאמער וועט איינער פון שטוב זעהן דורך דעם פענסטער ווען דער קיסר גייט אין גאס. וועט מען אים באלד הרגנן. אונ אויב ניט ווידעענדיג וועט איינער טרעפין דעם קיסר אין גאס, אויב דער מענטש פאלט באלד אויף דיא ערד אונ בלייבט ליגען וויא טויט ביז דער קיסר גייט אוועק פון אים אשטיק וועג, בלייבט ער לעבין, אונ דער מענטש וואס בלייבט שטיין, הרגת מען אים באלד. ווען דער קיסר גיט צוא איינעם אמעדאל אונ מען רופט אים מיט אהערן נאמען, איז דער כבוד נאר פאר דעם מענטש אליין אבער ניט פאר זיינע קינדער, זיינע קינדער ירשנן ניט דעם כבוד, די מענטשין וואס ווילען שטודירען אין אוניווערזיטעט מוזין שטודירען ניין קלאסין, אונ מיט גרויסע שוועריגקייט קומט זייא אן ביז זיי ווערין פערטיג דעם שטודיום אונ אז זיי האבין שוין פערטיג דעם שטודיום אונ זייא האבין שוין דעם נאמען חכם, קלויבט אויס דער קיסר די בעסטע פון זיי אונ ער געמט זיי פאר בעאמטע, שטאטסמיניס-טארין, פיצע קעניגע, סענדזייטס, גובערנאטארס, צו די בעאמטע טאר מען ניט צו גיין ביז מען מוז פאר זייא קניהען, אונ ווען זייא גייען אין גאס מוזין פיל מענטשין זייא בעלייטין.

דער קיסר פון חינא איז אפגעזונדערט פון אלע קיסרים

פון דֶער וֶועלְט עֶר מַאכְט נִיט אַפַארבִּינְדוּנְג מִיט אַנְדֶערֶע מְלָכִים אוּנ מַאכְט נִיט אַמִלְחָמָה מִיט זַיי. אַז אֵיינֶער גַנְבֶת, אוּנ מֶען הַאפְּט אִים, דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל אוּנ דָאס צְוֵוייטֶע מָאהל שְׁלָאגְט מֶען אִים, אוּנ מֶען רַייסְט אוּיס פוּן זַיין קָאפּ דִי גֶעפְלָאכְ-טֶענֶע הָאר, אוּנ אוֹיבּ עֶר הָאט דְרַיי מָאהל גֶעגַנְבֶת הַרְגֶת מֶען אִים, מִיט אַשְׁוֶוערְד, אָדֶער מֶען אֵיינְגְט אִים, אָדֶער מֶען צִיהט אַרָאפּ דִיא הוֹיט פוּן זַיין פָּנִים, אָדֶער מֶען צוּשְׁנֵיידְט אִים אוּיף שְׁטִיקֶער, אַז אֵיינֶער הַרְגֶת אַמֶענְטְשִׁין, דֶערְשְׁטִיקְט מֶען אִים, אַז אַאִשָׁה אִיז מְזַנֶה אוֹיבּ זִיא הָאט מִיט אִיר מַאן אָפּגֶערֶעדְט צוּ דֶער חֲתוּנָה זִיא זָאל מֶעגִין מְזַנֶה זַיין, מֶעג זִי מְזַנֶה זַיין, אוֹיבּ אַמֵיידִיל אִיז מְזַנֶה מֶעגִין אִירֶע אֶלְטֶערִין זִיא פַארקוֹיפִין אוּיף אֵייבִּיגֶע דִינְסְט, פִיל זִינְדִיגֶע וֶוערִין גֶעשְׁטְרָאפְט זַיי זָאלִין טְרָאגִין אוּיף זִיךְ שְׁוֶוערֶע מַשָׂאוֹת, אוּנ עֶס וֶוערְט אוּיסגֶעזֶעצְט וִויא פִיל חֳדָשִׁים זַיי זָאלִין דִיא מַשָׂאוֹת טְרָאגִין, אוּנ וִוי שְׁוֶוער דִי מַשָׂאוֹת זָאלִין זַיין, פִיל מֶענְטְשִׁין שְׁטַארְבִּין פוּן דִיא מַשָׂאוֹת, דֶער אַמְט פוּן אַשַׁארְפְרִיכְטֶער (דֶער וָואס הַרְגֶת מֶענְטְשִׁין) אִיז בַּיי זַיי אַגְרוֹיסֶער אַמְט. עֶר גֵייט אַרוּמְגֶעגַארְטִילְט מִיט אַגְרִינֶעם זַיידֶענֶעם גַארְטִיל, וִויא אַלֶע בֶּעאַמְטֶע פוּן קֵייזֶערְלִיכֶע פַאמִילְיֶע, עֶס זֶענֶען דָא פִיל שָׂרִים וָואס דִינֶען פוּן קֵיסָר עֶטְלִיכֶע שְׁטֶעט אָדֶער אַגַאנְצֶע גוּבֶּערְנְיֶע, אוּיף אַיָאהר אָדֶער אוּיף עֶטְלִיכֶע יָאהר, דֶער שַׂר זָאל גֶעוֶועלְטִיגֶען אוּיף דִי גֶעדוּנְגֶענֶע שְׁטֶעט וִוי עֶר וֶועט אַלֵיין וֶועלִין אוּנ דֶער שַׂר מַאכְט אוּמגְלִיקְלִיךְ דִי מֶענְטְשִׁין, עֶר נֶעמְט בַּיי זַיי אַוֶועק זֵייעֶר גֶעלְט, זֵייעֶר כָּבוֹד, זֵייעֶר לֶעבִּין, זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער אוּנ קִינְדֶער, אוּנ מֶען קֶען אִים נִיט שְׁמֶערִין, אַמָאהל הָאט מֶען אִין חִינָא נִיט גֶעקֶענְט מְשַׁפֵּט זַיין צוּם הַרְגֶען אַמֶענְטְשׁ אָן דֶעם פְרֶעגִין בַּיי דֶעם קֵיסָר. הַיינְט מַאכִין דִיא שָׂרִים אַשְׁווִינְדִיל זַייא זָאגִין מִיר הָאבִּין דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר גֶעמִשְׁפַּט צוּם שְׁלָאגִין מַלְקוּת, אוּנ מִיר הָאבִּין נִיט גֶעוואוּסְט אַז עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין פוּן דֶעם

שלאגין

שְׁלָאגִין, אונ אִין אֱמֶת שְׁלָאגִין זֵייא אִים בּאלְד עֶר זָאל שְׁטַארְבִּין, יֶעדֶער שֹׂר וֶוען עֶר גֵייט אִין גַאס לוּיפִין פַאר אִים פָאראוּיס הוּנְדֶערְט מֶענְטְשִׁין אוּנ וֶועמֶען זֵייא מְרֶעפִין אִין וֶועג שְׁלָאגִין זֵיי אִים מִיט שְׁטֶעקִינְס אוּנ מִיט אַייזֶערְנֶע קֵייטִין וָואס זֵיי הַאלְטִין אִין הַאנְט, אַלֶע שָׂרִים קוֹיפִין זֵייעֶרֶע אַמְטֶען פַאר גֶעלְט, עֶס זֶענֶען דָא אַמְטֶען וָואס מֶען בַּצָאהלְט פַאר זֵייא פוּן זֶעכְצִיג בִּיז זִיבֶּעצִיג טוֹיזֶענְד רוּבֶּל, אוּנ דִיא שָׂרִים פַּיינִיגֶען דָאס פָאלְק בִּיז זֵיי נֶעמֶען אָפּ פוּן זֵייא דָאס גֶעלְט וָואס זֵייא הָאבִּין גִיגֶעבִּין דֶעם קֵיסָר, יֶעדֶער קוֹיפְט זַיין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פַאר גֶעלְט, וֶוער עֶס גִיט מֶער גֶעלְט דֶער אִיז גֶערֶעכְט, אִין אַלֶע חִינֶעזֶעשֶׁע שְׁטֶעט אֲפִילוּ אִין דִיא רֶעזִידֶענְט שְׁטָאט פֶּעקִין גֶעוֶועלְטִינְט אוֹיךְ נָאר דָאס גֶעלְט, דִיא קְלֶענֶערֶע שָׂרִים גִיבֶּען אַהֵלְק פוּן זֵייעֶרֶע רוֹיב צוּ דִי הֶעכֶערֶע שָׂרִים. בִּיז צוּם קֵיסָר, דְרִיבֶּער אִיז נִיטָא צוּ וֶועמֶען צוּא שְׁרַייעֶן אוֹיף דִי אוּמְרֶעכְט וָואס דִי שָׂרִים טוּהֶען, יֶעדֶער מַאנְסְפֶּערְזָאהן וָואס אִיז אַלְט פוּן צְוַואנְצִיג בִּיז זֶעכְצִיג יָאהר מוּז גֶעבִּין יֶעדֶער יָאהר אַפָּאדַאטֶעק צוּם קֵיסָר, וִויא פִיל עֶס וֶוערְט יֶעדֶער יָאהר גֶעשַׁאצְט זַיין פֶארמֶעגִין אַזוֹי פִיל דַארְף עֶר גֶעבִּין, אַגֶעוִויסֶען פְּרָאצֶענְט. צוּזַאמֶען מְרָאגְט אַיָאהר דִיא פָאדַאטְקֶעס פוּן גַאנְץ חִינָא בִּיז זֶעקְס אוּנ זֶעכְצִיג מִילְיָאן פוּנְט שְׁטֶערְלִינְג. דֶער וָואס הָאט נִיט גִיגֶעבִּין דֶעם פָאדַאטֶעק צוּא דֶער צַייט הָאט מֶען צוּא אִים אַריין גֶעשִׁיקְט עֶטְלִיכֶע אָרֶעמֶע לַייט אוּנ עֶר הָאט זֵיי גֶעמוּזְט גֶעבִּין עֶסִין אַזוֹי לַאנְג בִּיז עֶר בַּצָאהְלְט דֶעם פָאדַאטֶעק, דֶעם פָאדַאטֶעק קֶען מֶען צָאהלִין מִיט תְּבוּאָה מִיט סְחוֹרָה, מִיט וָואס אֵיינֶער הַאנְדִילְט, אוּנ דָאס וֶוערְט אַריין גֶעלֵייגְט אִין שְׁפֵּייכְלֶערְס, אוּנ פוּן דֶעם וֶוערְט גֶעשְׁפֵּייזְט דִיא קֵייזֶערְלִיכֶע פַאמִילְיֶע מִיט דִיא קְנֶעכְט אוּנ דִיא זֶעלְנֶער אוּנ וָואס עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּערִיגֶע יֶעדֶער יָאהר צוּטֵיילְט מֶען דִי קְלֶענֶערֶע בֶּעאַמְטֶע, אוּנ אֲפִילוּ עֶס זֶענֶען דָא פִיל פָאלִיצֵייסְקִי בֶּעאַמְטֶע, אוֹיף יֶעדֶערֶע צֶעהן הַייזֶער אִיז

דָא אֵיינֶער פוּן פָּאלִיצְיֶע וָואס גִיט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אָרְדֶענוּנְג פוּן דִי שְׁטוּבִּין אוּנ גַנָבִים דַארְפִין שְׁטַארְק בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערִין (ווִיא פְרִיֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען), פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זֶענֶען דָא פִיל גַנָבִים, וַוייל דִיא פָּאלִיצְיֶע נֶעמֶען אַחֵלֶק פוּן דִיא גַנָבִים אוּנ בֶּעהִיטֶען זַייא פוּן אַלֶע בֶּעשְׁטְרָאפוּנְג, אוֹיסֶער דִיא גַנָבִים זֶענֶען דָא גַזְלָנִים זַייעֶר פִיל, דִיא גַזְלָנִים וואהֶנֶען דָאס מֶערְסְטֶע אִין דִיא וֶועלְדֶער, מֶען הַאפְּט פוּן זַיי זַייעֶר פִיל יֶעדֶער יָאהר, אוּנ מֶען הַרְגֶת זַייא, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זֶענֶען דָא זַייעֶר פִיל גַזְלָנִים.

זַייעֶרֶע מַטְבֵּעוֹת זֶענֶען נִיט זִילְבֶּערְנֶע אוּנ נִיט גָאלְדֶענֶע נָאר קוּפֶּערְנֶע, דִיא מַטְבֵּעוֹת הֵייסִין קָאפִּים (קָאס) זַייא זֶענֶען פִיר קַאנְטִיג אִין מִיטֶען גֶעלֶעכֶערְט, מֶען אַיינְגְט זַיי צוּ הוּנְדֶערְט אוֹיף אַשְׁנִירוּל, אַקַאנְדָארִין בַּטְרֶעפְט צֶעהן קָאס, אַמַצֶע בַּטְרֶעפְט צֶעהן קַאנְדָארִין, אַמַאלֶע בַּטְרֶעפְט צֶעהן מַאצְע, אַפוּנְט שְׁטֶערְלִינְג אִיז דְרַיי טַאלֶע, אוֹיף דִי צְוַויי זַייטִין פוּן דִיא מַטְבֵּעוֹת אִיז דֶער נָאמֶען פוּן דִיא קֵייזֶערְלִיכֶע פַאמִילְיֶע.

זַייעֶרֶע חָכְמוֹת זֶענֶען זַייעֶר וֵוויינִיג, דֶער הוֹיפְּט חָכְמָה אִיז בַּייא זַייא צוּ ווִיסֶען וֶוען עֶס וֶועט זַיין אַלְקוּי חַמָה אָדֶער אַלְקוּי לְבָנָה, אוּנ וֶוען עֶס אִיז דֶער לִקוּי חַמָה אָדֶער לִקוּי לְבָנָה, פַאלִין זַייא אַלֶע אוֹיף דֶער עֶרְד, רַייכֶע, אָרֶעמֶע, יוּנְגֶע, אַלְטֶע, מִיט גְרוֹיס צִיטֶערְנֶעשׁ, אוּנ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פוּן זַייא וָואס פַאלְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מוּז עֶר אָנְרִירֶען מִיט דֶעם שְׁטֶערִין דִי עֶרְד, אוּנ וֶוען דֶער לִקוּי חַמָה אָדֶער לִקוּי לְבָנָה גֵייט אַרִיבֶּער אוּנ זַיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף פוּן דִי עֶרְד זִינְגֶען זַיי מִיט הוֹיכֶע שְׁטִימֶען אוּנ טְרוּמֵייטֶערִין אוּנ פוֹיקִין, אוּנ קְלִינְגֶען מִיט גְלָאקִין, אוּנ פַּאטְשִׁין מִיט דִיא הֶענְט, אוּנ מִיט שְׁטִיקֶער הֶאלְצֶער, אוּנ פוּן דֶעם שְׁרַייֶען דֶערשְׁרֶעקִין זִיךְ דִי הִינְט אוּנ בִּילֶען, זַיי זָאגִין מִיט זַייעֶר שְׁרַייעֶן וֶועלִין זַייא דֶערשְׁרֶעקִין אוּנ וֶועלִין פַארְטְרַייבִּין דֶעם מַלְאָךְ אַרַאחוּלַא וָואס עֶר בְּרֵיינְגְט דִי ווִינְטֶען אוּנ עֶר בַּייסְט דִיא לְבָנָה, אוּנ זַייא ווִילֶען פַארְטְרַייבִּין

די גְרויסֶע קְרֶעטֶע וָואס גֵייט אויף דְרַיי פִים וָוס זִי וויל אַיינְשְׁלִינְגֶען די זוּנְן, נָאכְדֶעם עֶפֶענֶען זַייעֶרֶע אַסְטְרָאנָאמֶער דֶעם הֵיילִיגֶען בּוּךְ „שַׁאנְגְשׁוּ" זַייא זָאלִין זֶעהן וֶועגִין וֶועמֶעם זִינְד, אִיז דיא זוּנן אָדֶער די לְבָנָה פִינְסְטֶער גִיוָוארִין, וֶוענִין דיא זִינְד פוּן גאנְצִין פָאלְק אָדֶער נָאר אֲבִיסוּל מֶענְטְשִׁין פוּן דֶעם פָאלְק זֶענֶען זִינְדִיג, אָדֶער דֶער קֵיסַר אִיז זִינְדִיג.

דִיא חִינֶעזֶער גְלויבִּין אַז בַּיי נַאכְט בֶּעהַאלְט זִיךְ דִיא זוּנְן אוּנְטֶער דֶעם בַּארְג זוּמִי, וָואס עֶר אִיז גאנְץ טִיף אִין יַם, דָאס מֶערְסְטֶע וָוס זַיי לֶערְנֶען די קִינְדֶער אִיז, שְׁרַייבִּין, טְרָאגִין מַשָּׂאוֹת, טַאנְצִין אויף אַשְׁטְרִיק, צוּא מַאכִין פַארְבְּלֶענְדוּנְגֶען, דָאס הָאבִּין זַיי לִיבּ, זַייעֶרֶע גְלויבּוּנְגֶען אִין זַייעֶרֶע גֶאטֶער, זֶענֶען בִּיז דִיא צַייט פִיל גִיעֶנְדֶערְט גִיוָוארִין, אַמָאהל הָאבִּין זַייא גֶעגְלויבְּט אִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה „לַאאָקאם", זַייא הָאבִּין גֶעזָאגְט עֶר אִיז אַרָאפּ־גֶעקוּמֶען פוּן הִימֶעל אויף די עֶרְד מִיט גְרויס וְואנְדֶער, אוּנ עֶר הָאט זַייא גֶעלֶערוּנְט זַיי זָאלִין גְלויבִּין אַז דָאס גאנְצֶע גְלִיק פוּן מֶענְטְשִׁין אִיז נָאךְ זַיין שְׁטַארְבִּין, אוּנ בִּיז הַיינְט גְלויבִּין דָאס די חִינֶעזֶער, נָאכְדֶעם הָאבִּין דִיא חִינֶעזֶער גֶעבְּרַיינְגְט אַיין אַנְדֶער עֲבוֹדָה זָרָה, אִיר נָאמֶען אִיז גִיוֶוען פוּיא, דִיא כּוֹמְרִים פוּן דִיא עֲבוֹדָה זָרָה זָאגִין דֶער פָאטֶער פוּן דִיא עֲבוֹדָה זָרָה פוּיא אִיז גִיוֶוען אַמֶלֶךְ אִין הִינְדְיֶע, די מוּטֶער הָאט אִים גֶעבָּארִין פוּן אִיר לִינְקֶע זַייט אוּנ אִיז בַּאלְד גֶעשְׁטָארְבִּין. וֶוען זַיין מוּטֶער אִיז גִיוֶוען מִיט אִים מְעוּבֶּרֶת הָאט זִיא זִיךְ אַיינְגֶערֶעט אַז זִיא הָאט אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען אַלֶעבֶּעדִיגֶען עֶלְפַאנְד. אוּנ בַּאלְד וִויא דָאס קִינְד אִיז גֶעבָּארִין גִיוָוארִין הָאט עֶר שׁוין גֶעקֶענְט שְׁטֵיין אויף זַיינֶע פִים אַזוי וִויא אַלֶע מֶענְטְשִׁין אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיבֶּען טְרִיט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אויפְגֶעהויבִּין אֵיין הַאנְט אִין דֶערְהֵייךְ צוּם הִימֶעל אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הַאנְט צוּ דִיא עֶרְד. אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אויף דֶעם הִימֶעל אוּנ אויף די עֶרְד אִיז נִיטָא אַגָאט אויסֶער מִיךְ

ווען ער איז אַלְט גִיוָוארִין זִיבֶּעצִין יָאהר הָאט ער גֶענוּמֶען דְרַייא וַוייבֶּער, אֵיין וַוייב הָאט פוּן אִים גֶעבָּארִין אֵיין זוּהן, ווען ער אִיז אַלְט גִיוָוארִין נַיינְצֶעהן יָאהר הָאט ער פַארְלָאזִין זַיין שְׁטוּבּ אוּנ זַיינֶע וַוייבֶּער אוּנ זַיין זוּהן אוּנ אִיז אַוֶועק מִיט פִיר קְלוּגֶע מֶענְטְשִׁין צוּא וואהנֶען אַלֵיין אִין דִיא פֶעלְדֶער אוּנ וֶועלְדֶער אוּנ זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשִׁין, ווען ער אִיז אַלְט גִיוָוארִין דְרַייסִיג יָאהר הָאט ער זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַעֲבוֹדָה זָרָה [אַפּוּיא], דִיא הִינְדְיַאנֶער רוּפִין דָאס פָּאגָאדָא, דַאמָאלְס הָאט ער גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַז ער אִיז אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט גִיוָוארִין פוּן הִימֶעל אוֹיף דִיא עֶרד מִיט נִסִים אוּנ וְואנְדֶער, פוּן דִיא צַייט הָאבִּין גֶעצְווּיגִין צוּא אִים פִיל טוֹיזֶענְדֶער מֶענְטְשִׁין אוּנ גַאנְץ הִינְדְיֶען אוּנ אוֹיבֶּער אַזְיָא הָאבִּין גֶעגְלוֹיבְּט אִין אִים, אוּנ מֶען הָאט גֶעבָּאהט קִירְכֶען וְויא צוּ אַלֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, ווען ער אִיז אַלְט גֶעוָוארִין נַיין אוּנ זִיבֶּעצִיג יָאהר אוּנ ער הָאט גִיזֶעהן זַיינֶע כֹּחוֹת גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים ער אִיז נָאנְט צוּם שְׁטַארְבִּין הָאט ער גֶעזָאגְט צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים זַיי זָאלִין זַיין גֶעהִיט אִין פִינְף זַאכִין, זַיי זָאלִין נִיט הַרְגֶענֶען אַלֶעבֶּעדִיגֶע זַאךְ, זַייא זָאלִין נִיט נֶעמֶען פְרֶעמְדֶע גֶעלְט, זַייא זָאלִין זִיךְ נִיט מְטַמֵא זַיין, זַייא זָאלִין קַיין לִיגֶען זָאגִין, זַיי זָאלִין נִיט טְרִינְקֶען וַויין, אַז אֵיינֶער וֶועט בַּיי זַיי שְׁטַארְבִּין זָאל מֶען אוֹיף אִים פַאר־בְּרֶענֶען טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער זַיידֶענֶע. אוּנ פַּאפִּיר וָואס אִיז בַּשְׁמִירְט מִיט זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד, זַיי זָאגִין אַז דִיא נְשָׁמָה וֶוערְט בֶּעקְלֵיידְט מִיט טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּנ בֶּעצִירְט מִיט גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער, אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס טוּהט נִיט אַזוֹי פַּיינִיגְט מֶען אִים מִיט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים, אוּנ זַיי זָאגִין אִים אַז נָאךְ זַיין טוֹיט וֶועט ער מְגוּלְגָל וֶוערִין אִין אַהוּנְט אָדֶער אַפֶּערְד אָדֶער אַמוֹיז אָדֶער אַשְׁלַאנְג, עֶס זֶענֶען דָא קִירְכֶען וָואס דָארְטִין שְׁטֵייט זַיין בִּילְד, אַגְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ צְוַואנְצִיג פוּס דִיא הֵייךְ, אוּנ זַייעֶר גְרָאבּ, אוּנ זִיצְט נַאקֶעט, אוּנ עֶס זֶענֶען דָא קִירְכֶען וָואס ער שְׁטֵייט אִין זַיי אִין

דיא וועלכּינע הייך נאר אַנגעטאהן מיט שיינע קליידער, זיי רופּין אים דער אונשטערבליכער גאט, דיא כּומרים זיינע געמען ניט ווייבּער אונ עסין ניט פליישׁ אונ ניט אייער, אַלע פריה אונ אבענד קומען דיא כּומרים אין זייערע קירכען אונ זאגין דארטין זייערע תּפלות אונ רייכערין קטרת אונ זענען מקריב קרבּנות, אונ דאס גאנצע פאלק קומען ניט אין דיא קירכען, נאר ווען עס איז בּיי זיי איום טוב קומען זיי אין די קירכען אונ בּריינגען חלות געבּאקטע פון זייער פּיינע מאהל געקנעטין מיט צוקער, דיא כּומרים הייסין דעם פאלק זייא זאלין זיך פיינינען פאר זייערע זינד, זייא זאלין טראגין אויף זיך אייזערנע קייטין שווערע, דיא כּומרים טוהען אַלע מיאוסה זאכין פאר געלט, זיי נארען אַריין אין דיא קירכען דיא טעכטער פון פאלק, זייא זאגין דיא עבודה זרה פויא האט געהייסין זיי זאלין מזנה זיין מיט זיינע כּומרים.

עס איז גיוועזען אין חינא איינער קאנפוטזי ער איז גיוועזען בּאמת אַערליכער מאן. ער האט ניט געלערונט דאס פאלק נייע עבודה זרות צוא דינען, ער האט זייא געלערונט זייא זאלין ניט גנבענען ניט גזלנען, ניט זאגין ליגען, אונ נאך גוטע פרומע מדות, אַלע מענטשין האבּין אים ליב געהאט, ער האט געהאט דריי טויזענד תּלמידים וואס זענען געקומען צו אים הערין זיינע לערנונג, אונ דער פּיצע קיסר האט אים גענומען צוא זיך אונ האט אים געמאכט פאר אשר העכער פון אַלע שׂרים, אַלאנגע צייט האט קאנפוטזי געלעבּט רוהיג מיט פערגעניגען, אונ דאס גאנצע פאלק וואס ער האט אויף זיי געוועלטיגט זענען גיוועזען זייער צופרידען, נאר דיא כּומרים מיט פיל שׂרים האבּין אים מקנא גיוועזען, אונ זיי האבּין געבּריינגט אמתּנה צום וויצע־קיסר זייער שיינע נקבות, אונ דיא נקבות האבּין איבּערגערעט דעם וויצע־קיסר ער זאל ארויסטרייבּין פון זיך דעם קאנפוטזי, פון דיא צייט וואס דער וויצע־קיסר האט אים ארויסגעטריבּען איז ער אַלע טאג ארעמער

גְיוָוארִין בִּיז עֶר אִיז אַלְט גְיוָוארִין דְרַיי אוּנ זִיבְּעצִיג יָאהר אוּנ אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין, עֶס הָאט קֵיינֶער גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיף זַיין שְׁטַארְבִּין נָאר אַבִּיסוּל מֶענְטְשִׁין וֶועלְכֶע הָאבִּין אִים אֶמֶת לִיבּ גֶעהַאט, אִין פִינְף הוּנְדֶערְט יָאהר שְׁפֶּעטֶער נָאךְ זַיין שְׁטַארְבִּין הָאבִּין דִיא הִינֶעזֶער זִיךְ דֶערְמָאנְט אָן אִים אוּנ הָאבִּין אָנְגֶעהוֹיבִּין אִים צוּא הַאלְטִין פַאר הֵיילִיג, אוּנ הָאבִּין גֶעבָּאהט קִירְכֶען אוֹיף זַיין נָאמֶען, אוּנ הָאבִּין גֶעמַאכְט יָמִים טוֹבִים אוֹיף זַיין נָאמֶען, אוּנ דִיא פַאמִילְיֶע זַיינֶע זֶוענֶען גְיוָוארִין פְרַיי פוּן פָארַאמֶּקֶעס אוּנ זֵיי זֶוענֶען דֶער אֲדֶעל פוּן חִינָא בִּיז הַיינְט, דֶער קָאנְפוּטְזִי הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַנָאט וָואס הָאט בַּשַׁאפִין דִיא וֶועלְט, אוּנ עֶר הָאט גֶעלֶערוּנְט זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַוֶועלְט פַאר דִיא נְשָׁמוֹת, וָואס דָארְטִין וֶוערִין זֵייא גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר זַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוּנ נֶעמֶען שְׂכַר פַאר זַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס זֵיי הָאבִּין גֶעטָאהן אוֹיף דִיא וֶועלְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז נִיט שַׁיין הָאט בַּשַׁאפִין דִיא וֶועלְט, דִיא קָרְבָּנוֹת דַארְף נָאר מַקְרִיב זַיין דֶער קֵיסָר אַלֵיין, אוּנ אַז אַפְרֶעמְדֶער אוֹיסֶער דֶער קֵיסָר וֶועט אַפְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ דֶעם גָאט וָואס מַקְרִיב זַיין אַקָרְבָּן זָאל מֶען אִים הַרְגְנֶן, אִין פֶּעקִינְג אִיז דָא אַקִירְכֶע זִיא הֵייסְט טִיעֶנ-טָאן, זִיא שְׁטֵייט אוֹיף אַהוֹיכִין בַּארְג, אוּנ דִיא קָרְבָּנוֹת אִין דִיא קִירְכֶע אִיז מַקְרִיב נָאר דֶער קֵיסַר, עֶר אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, אוּנ עֶר פַאסְט פִיל טֶעג אֵיידֶער עֶר גֵייט מַקְרִיב זַיין דִיא קָרְבָּנוֹת, אִין דִיא קִירְכֶע פוּן קָאנְפוּטְזִי זֶוענֶען נִיטָא כּוֹמְרִים, נָאר דֶער קֵיסַר אַלֵיין אִיז דֶער כּוֹמֶר, עֶר אִיז מְכַפֵּר דִיא עֲבֵירוֹת פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין, אוֹיסֶער קָאנְפוּטְזִי זֶוענֶען דָא אִין חִינָא פִיל עֶרְלַיי עֲבוֹדָה זָרוֹת, אַז עֶס טְרֶעפְט בַּיי זֵייא וֶוייזְלְכֶער אוּמְגְלִיק בֶּעטִין זֵיי בַּיי זַייעֶרֶע גֶעטֶער אוּנ זָאגִין נְדָרִים אוּנ נְדָבוֹת צוּ דִיא גֶעטֶער, אוּנ אוֹיבּ דֶער אוּמְגְלִיק גֵייט נִיט אַוֶועק פוּן זֵיי וֶוערִין זֵיי בַּייז אוֹיף דִיא גֶעטֶער אוּנ פְלוּכִין זֵיי

מִיט

מִיט קְלָלוֹת, אונ צו־וַואַרְפִין דִיא קִירְכֶען אונ צִיהֶען אַרָאפּ דִיא קְלֵיידוּנְג פוּן דֶעם גָאט אוּנ לָאזִין אִים נַאקֶעט, בַּיי דִי חִינֶעזֶער אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ טָאהשִׁין אֵיין עֲבוֹדָה זָרָה אוּיף אַיין אַנֶדעֶרֶע, אַז אִים גִיפֶּעלְט נִיט דֶער גָאט גֵייט עֶר דִינֶען אַיין אַנֶדעֶר גָאט, דִיא חִינֶעזֶער גְלוֹיבִּין אַז אַלֶע אוּמְגְלִיקִין קוּמֶען נָאר פוּן שֵׁדִים, זֵיי הָאבִּין לִיבּ אוּיף יֶעדֶער זַאךְ אֵיידֶער זֵיי טוּהֶען, זֵייא זָאלִין פְרֶעגִין בַּיי אַגוֹרָל, וְויא עֶס פַּאלְט דֶער גוֹרָל אַזוֹי טוּהֶען זֵייא, מְכַשְּׁפִים זֶענֶען דָא זֵייעֶר פִּיל אִין חִינָא, אוּיף יֶעדֶערֶע זַאךְ וָואס זֵיי ווִילֶען טָאהן פְרֶעגִין זֵיי פְרִיעֶר בַּיי מְכַשְּׁפִים.

פִּיל יוּדִין זֶענֶען דָא אִין חִינָא, בַּאלְד נָאכְדֶעם וְויא דֶער אַנֶדעֶרֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ אִיז חָרֵב גִיוָוארִין זֶענֶען גֶעקוּמֶען פִּיל יוּדִין וואֹהנֶען אִין חִינָא, פִּיל יוּדִין וואֹהנֶען אִין פֶּעקִין, אוּנ אִין דִיא שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען נָאנְט צוּ פֶּעקִין, אִין דִי שְׁטָאט קַאנִיפָּא וָואס אִיז וַוייט פוּן פֶּעקִין הוּנֶדעֶרְט פוּפְצִיג מַייל וואֹהנֶען אוּיךְ יוּדִין, פִּיל פוּן דִיא יוּדִין טְרָאגִין אוּיף דִיא קֶעפּ בְּלָאהֶע הִיטְלֶען, זֵייא הָאבִּין אַגְרוֹיסֶע שׁוּהל, פִּיל פוּן זֵיי וֶוען זֵייא ווִילֶען עֶסִין פְלֵיישׁ צִיהֶען זֵייא אַרוֹים אַלֶע אָדֶערִין פוּן דֶעם פְלֵיישׁ, דָאס מֶערְסְטֶע יוּדִין וואֹהנֶען אִין חִינָא אוּיף דִיא אֶרְטֶער וָואס דָארְט וֶוערְט גֶעהַאנְדִילְט מִיט זַייד, זֵיי הָאבִּין תַּנַכִין אוּיף חִינֶעזֶעשֶׁע שְׁפְּרַאכֶע, וַוייל זֵייא קֶענֶען נִיט דִיא יוּדִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע, פִּיל טֶערֶקֶעשֶׁע מֶענְטְשִׁין וָואס וואֹהנֶען אִין חִינָא דִינֶען פְרַייא זֵייעֶר גְלוֹיבִּין אִין מַחְמֶד, עֶס אִיז שׁוֹין פִיר הוּנֶדעֶרְט יָאהר ווִיא דִי קְרִיסְטִין הָאבִּין אַרַיין גֶעצוֹיגִין וואֹהנֶען אִין חִינָא, זֵיי הָאבִּין צוּגֶעצוֹיגִין צוּ זֵייעֶר גְלוֹיבִּין פִּיל חִינֶעזֶער, אוּנ וֶוענִין דֶעם אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶע קְרִיג אִין חִינָא, אוּנ דִי חִינֶעזֶער הָאבִּין אַיינְגֶעוָוארְפִין מֶער ווִיא דְרַיי הוּנֶדעֶרְט קְרִיסְטְלִיכֶע קִירְכֶען, אוּנ זֵיי הָאבִּין אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן חִינָא אַלֶע יֶעזוּאִיטֶען אוּנ אַלֶע מִיסְיוֹנֶירֶען, נָאכְדֶעם הָאבִּין זֵייא אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען אַלֶע קְרִיסְטִין, נָאר אַבִּיסוּל פוּן דִיא קְרִיסְטִין

זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען אִין פֶּעקִין אוּנ אִין קַאנְטָאהן, אוּנ אִין יָאהר 1900 הָאבִּין נָאךְ אַמָאהל דיא חִינֶעזֶער גֶעהַרְגֶתְּ אַלֶע מִיסְיוֹנֶערִין אוּנ פִיל טוֹיזֶענְדֶער קְרִיסְטִין הָאבִּין זֵיי גֶעהַרְגֶתְּ אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע קְרִיסְטִין הָאבִּין זַייא אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פוּן לַאנְד, דיא חִינֶעזֶער הִיטֶען צוּא גֶעבִּין כָּבוֹד אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין.

דִיא חִינֶעזֶער מֶענְטְשִׁין אִיז זֵייעֶר הוֹיט גֶעלְבְּלִיךְ וִוי וַואקְס, זֵייעֶרֶע קֶעפּ זֶענֶען קֵיילֶעכְדִיג אוּנ לַאנְג. עֶס אִיז גֶעמַאכְט וִויא אַאֵיי, זֵייעֶר פָּנִים אִיז קֵיילֶעכְדִיג אוּנ בְּרֵייט, זֵייעֶר שְׁטֶערִין אִיז פְּלַאט בְּרֵייט, זֵייעֶרֶע אוֹיגִין זֶענֶען שְׁוַוארְץ לַאנְג אוּנ קְלֵיין אוּנ אַרֵיין טִיף אִין קָאפּ, זֵייעֶר נָאז אִיז קְלֵיין אוּנ נִידֶערִיג (אַיינְגֶעפַאלִין) גֶעבִּין דיא אוֹיגִין, דִיא נָאז לֶעכֶער זֶענֶען גְרוֹיס, דִיא בְּרֶעמֶען פוּן דִי אוֹיגִין זֶענֶען קוּרְצֶע אוּנ שְׁוַוארְצֶע, זֵייעֶר בָּארְד אִיז דִינֶן, גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרִין, דִיא הֶענְט אוּנ דִיא פִּיס זֶענֶען קְלֵיינֶע, זֵייעֶר בּוֹיךְ אִיז גְרוֹיס, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַגְרוֹיסִין בּוֹיךְ, דֶער הֵייסְט שֵׁיין, דִיא מֶענֶער רַייסִין אוֹיס דִיא הָאר פוּן זֵייעֶרֶע קֶעפּ נַאר אוֹיף דֶעם מִיטֶען קָאפּ לָאזִין זֵיי וַואקְסִין אַבִּיסֶעל הָאר זֵייא זָאלִין קֶענֶען פְלֶעכְטִין אַצָאפּ פוּן דִיא הָאר, אוֹיבּ דִיא הָאר פוּן מִיטֶען קָאפּ אִיז אוֹיךְ אַרוֹיס גֶעפַאלִין אוּנ זֵיי הָאבִּין קֵיין הָאר צוּ מַאכִין אַצָאפּ, מַאכִין זֵיי אַצָאפּ פוּן פְרֶעמְדֶע הָאר, וַוייל עֶס אִיז בַּייא זֵייא אַשַׁאנְדֶע צוּ גֵיין אָן אַצָאפּ, וָוארוּם אַלֶע גַנָבִים אוּנ פַאלְשֶׁע מֶענְטְשִׁין רַייסְט מֶען אוֹיס דִיא צֶעפּ. דִיא מֶענֶער זֶענֶען שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין צוּ אַרְבֶּעטִין, דִיא וַוייבֶּער פַארְבִּין זֵייעֶר פָּנִים זֵיי זָאלִין שֵׁיין אוֹיסְזֶעהְן, אַז עֶס וֶוערְט גֶעבָּארִין אַטָאכְטֶער בַּיי דִיא חִינֶעזֶער וֶוען זִיא אִיז נָאךְ גָאר יוּנְג אוּנ קְלֵיין פְּרֶעסִין זֵייא אַיין דִיא פִּיס אִירֶע אִין קוּפֶּערְנֶע שִׁיךְ זֵיי זָאלִין נִיט קֶענֶען גְרוֹיס וַואקְסִין, אַאִשָׁה מִיט קְלֵיינֶע פִּיס אִיז בַּייא זֵייא גֶערֶעכוּנְט פַאר אַשֵׁיינְקַייט, אוּנ אַזֵייכִין אַז זִיא אִיז פוּן רַייכֶע אֶלְטֶערִין, אַלֶע נְקֵבוֹת רֵייכֶערִין, אַז זִיא אִיז אַלְט אַכְט אָדֶער נַיין יָאהר טְרָאגְט

 זיא

זִיא מִיט זִיךְ אַזַיידֶענֶע בַּייטִיל אוּנ אִינְוֵויינִיג לִיגְט טַאבַּאק מִיט אַלוּלְקֶע צוּם רֵייכֶערְן, דִיא וַוייבֶּער זַייעֶרֶע זֶענֶען שֵׁיינֶע אוּנ פְּרוּמֶע, זֵיי קוּקֶען נִיט אוֹיף פְרֶעמְדֶע מֶאנֶער אוּנ גֵייעֶן נִיט מִיט נַאקֶעטֶע הֶענְט, זֵיי זֶענֶען וַוייסֶע אוּנ שֵׁיינֶע, דִיא אִשָּׁה וָואס הָאט אַמַאן אוֹיב זִיא שְׁמוּעֶסְט מִיט אַפְרֶעמְדִין מַאן הֵייסְט זִיא אַזוֹנָה אוּנ זִיא וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, אַטֵייל וַוייבֶּער וֶוען זֵייא הָאבִּין חַתוּנָה זָאגִין זֵיי בַּאלְד דִיא מַאנֶען זֵיי הָאבִּין חַתוּנָה מִיט דֶעם בֶּעדִינְגוּנְג עֶס זָאל זֵייא זַיין עֶרְלוֹיבְּט צוּא רֵיידִין מִיט יֶועלְכִין מַאנְסְפֶּערְזָאהן זֵייא וֶועלִין רֵיידִין, בַּיי דֶעם פְּרָאסְטִין אָרֶעמֶען פָאלְק אִיז זֵייעֶר לִיבּ דִיא פֶעלְד אַרְבֶּעט, אַלְטֶע אוּנ יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין גֵייעֶן אַרוּם אִין דִיא גַאסִין מִיט קֶערְבּ אוּנ נֶעמֶען צוּזַאמֶען אַלֶע מִיסְט אוּנ אַלֶע צוֹאָה פוּן מֶענְטְשִׁין אוּנ בְּהֵמוֹת, אוּנ זֵייא פַארְקוֹיפִין דָאס צוּ דִי מֶענְטְשִׁין וָואס קוּמֶען מִיט שִׁיפֶען אוּנ פִירֶען אַוֶועק דִיא מִיסְט אִין דִיא וַוייטֶע לֶענְדֶער אוֹיף דִיא פֶעלְדֶער וָואס זֶענֶען הַארְטֶע אוּנ שְׁלֶעכְטֶע עֶרְד, יֶעדֶער יָאהר וֶוען עֶס קוּמְט דִי פְרִילִינְג צַייט פְרֶעגְט דֶער קֵיסָר דִיא אַסְטְרָאנָאמֶער זֵייא זָאלִין זָאגִין וֶועלְכִין טָאג זָאל מֶען מַאכִין אַיוֹם טוֹב וֶועגִין דִי פֶּעלְד אַרְבֶּעט וָואס וֶועט זִיךְ בַּאלְד אָנְהֵייבִּין, דְרַיי טָאג פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פַאסְטִין דֶער קֵיסָר מִיט זַיינֶע שָׂרִים אוּנ זָאגִין פִיל תְּפִלּוֹת, דִיא נַאכְט וָואס פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שִׁיקְט דֶער קֵיסָר צְוֶועלְף אֶלְצְטֶע (וָואס עֶר הָאט זֵיי פַארְבֶּעטִין צוּא זִיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב) זֵייא זָאלִין גֵיין אוֹיף דִיא קְבָרִים פוּן זַיינֶע אֶלְטֶערִין אוּנ זָאלִין זֵיי בֶּעטִין זֵייא זָאלִין מוֹחֵל זַיין דֶעם קֵיסָר טָאמֶער הָאט עֶר גֶעגִין זֵיי גֶעזִינְדִיגְט, אוּנ מֶען זָאל זֵיי זָאגִין אַז מָארְגִין אִיז בַּיי דֶעם קֵיסָר יוֹם טוֹב, דֶעם טָאג יוֹם טוֹב גַאנְץ פְרִיה גֵייט דֶער קֵיסָר מִיט זַיינֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין אוּנ מִיט דִי צְוֶועלְף שָׂרִים אִין פֶעלְד, אוּנ זֵייא קְנִיהֶען אוּנ בּוּקִין זִיךְ אוּנ זָאגִין תְּפִלּוֹת, זֵייא בֶּעטִין דִי עֶרְד זָאל גֶעבִּין פִיל פְרוּכְטִין אוּנ עֶס זָאל קֵיין קְלָלָה זַיין אוֹיף דִי תְּבוּאוֹת, אוּנ עֶר בֶּעט פַאר זַיין פָאלְק זֵיי זָאלִין זוֹכֶה

זיין

זַיין צוּ עֶסִין דִי תְּבוּאוֹת אוּנ דִי פְרוּכְטִין מִיט פְרֵידֶען אוּנ פֶערְגֶע-
נִיגֶען, נָאכְדֶעם שְׁטֵייט עֶר אוֹיף פוּן דִיא עֶרְד, אוּנ אִיז מַקְרִיב
אַקָרְבָּן אֵיין קוּה וָואס מֶען פַארְבְּרֶענְט זִיא, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר
אַרָאפּ פוּן זִיךְ זַיינֶע צִירוּנְג אוּנ זַיין קְרוֹין אוּנ נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ
זַיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ טוּהט-אָן פָאעֶרְשֶׁע קְלֵיידֶער אוּנ עֶר הָאט גֶע-
נוּמֶען אֵיין אַקֶער וָואס אִיז גִיוֶוען רוֹיט גֶעפַארְבְּט, אוּנ בַּדֶעקְט מִיט
גָאלְד, אִין דֶעם אַקֶער זֶענֶען גִיוֶוען גֶעשְׁפַּאנְט צְוַויי אָקְסִין דִיא
הֶערְנֶער זֶענֶען גִיוֶוען בַּדֶעקְט מִיט גָאלְד, אוּנ עֶר הָאט גֶעאַקֶערְט
צְוַויי דְרַיי זַאנְגָאנֶעס, נָאכְדֶעם הָאט דֶער ווִיצֶע קֵיסֶר גֶעאַקֶערְט מִיט
דֶעם אַקֶער, אוּנ אַזוֹי הָאבִּין אַלֶע צְוֶועלְף שָׂרִים גֶעאַקֶערְט, יֶעדֶער
פוּן זֵיי הָאט גֶעאַקֶערְט אַבִּיסוּל, אוּנ אִין דִיא צַייט וָואס דִיא
שָׂרִים הָאבִּין גֶעאַקֶערְט זֶענֶען דָארְט גִיוֶוען פִיל מֶענְטְשִׁין אוּנ
הָאבִּין גֶעזוּנְגֶען דִיא לִידֶער וָואס דִי פֶעלְד אַרְבֶּעטֶער זִינְגֶען, דִי
קֵיסֶרִין מִיט אִירֶע דִינְסְטִין מַאכִין אִין דִי צַייט אַמִיטָאג, אוּנ וֶוען
עֶס קוּמְט מִיטָאג צַייט, טְרָאגִין דִיא דִינְסְטִין דֶעם מִיטָאג אִין
פֶעלְד צוּם קֵיסֶר, אוּנ דִיא קֵיסֶרִין קוּמְט אוֹיךְ אִין פֶעלְד אוּנ זִיא
עֶסְט דֶעם מִיטָאג צוּזַאמֶען מִיט דֶעם קֵיסֶר אִין פֶעלְד, אִין דֶעם
טָאג אִיז אַיוֹם טוֹב בַּיי דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק, אוּנ וֶוען מֶען דַארְף
זַייעֶן אִין פֶעלְד, קוּמְט אוֹיךְ דֶער קֵיסֶר מִיט זַיינֶע שָׂרִים דִיא
עֶרְשְׁטֶע אִין פֶעלְד, אוּנ דֶער קֵיסֶר פַארְזֵייט אַבִּיסוּל תְּבוּאָה, אוּנ דִי
תְּבוּאָה וָואס וַואקְסְט פוּן דֶעם פַארְזֵייהוּנְג אִיז הֵיילִיג, פוּן דִי תְּבוּאָה
עֶסְט נָאר דֶער קֵיסֶר אַלֵיין, אִין חֹדֶשׁ שְׁבַט אִיז אוֹיךְ אַיוֹם טוֹב
אִין דֶעם טָאג אַרְבֶּעט מֶען נִיט קֵיין אַרְבֶּעט, אֵיינֶער שִׁיקְט דֶעם
אַנְדֶערִין מַתָּנוֹת, מֶען עֶסְט אוּנ מֶען טְרִינְקְט אוּנ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ
דֶעם גַאנְצֶען חֹדֶשׁ, דֶער חֹדֶשׁ אִיז בַּיי זֵיי דֶער עֶרְשְׁטֶער חֹדֶשׁ אִין
יָאהר, דֶער גְרֶעסְטֶער יוֹם טוֹב אִיז בַּייא זֵייא דֶער לַאנְטֶערְנֶען יוֹם
טוֹב, דֶער יוֹם טוֹב וֶוערְט גֶעמַאכְט אִין גַאנְצִין לַאנְד, אִין שְׁטֶעט
אִין דֶערְפֶער אוּנ דִיא אִינְזֶעלֶען פוּן-יָם, אִין אֵיין בֶּעשְׁטִימְטֶען טָאג

אונ

אוּנ אִין אַבֶּעשְׁטִימְטֶע שָׁעָה וֶוערְט גֶעצוּנְדֶען לִיכְט אוּנ לָאמְפִּין אִין גַאנְץ חִינָא, עֶס וֶוערְט גֶעהָאנְגֶען לַאנְטֶערְנֶען מִיט לִיכְט אִין אַלֶע שְׁטוּבִּין אוּנ אִין אַלֶע גַאסִין, דִי שִׂמְחָה אִיז אִין דֶעם טָאג זַייעֶר גְרוֹיס, פִיל אָרֶעמֶע פַאמִילְיֶעס שְׁפָּארִין גֶעלְט אַגַאנְץ יָאהר זַייא זָאלִין הָאבִּין אוֹיס צוּ גֶעבִּין אוֹיף דֶעם בֶּעלַייכְטוּנְג פוּן דֶעם טָאג, דִי רַייכֶע מֶענְטְשִׁין צִינְדֶען אָן לִיכְט אִין טַייעֶרֶע לַאנְטֶערְנֶעס, אַנְדֶערֶע מַאכִין אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע לַאנְטֶערְנֶעס וְוִי אַשְׁטוּבּ אוּנ זַיי עֶסִין אִינְוֶוייִנִיג אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ שְׁלָאפִין, זַייא שְׁפִּילֶען מִיט פִיל עֶרְלֵיי שְׁפִּילוּנְגֶען, דָאס בֶּעסְטֶע שְׁפִּילוּנְג אִיז בַּיי זַיי דֶער שַׁאטֶענְ-שְׁפִּיל, אִין אֵיירָאפַּא וַייס מֶען אוֹיךְ פוּן דֶעם שַׁאטֶענְשְׁפִּיל.

זַייעֶרֶע קְלֵיידוּנְג אִיז בַּיי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וְוִי עֶר וִויל, אַמָאהל טְרֶעפְט מֶען אַאָרֶעם מַאן אִיז גֶעקְלֵיידֶעט מִיט רַייכֶע קְלֵיידֶער אוּנ אַרַייכֶער אִיז גֶעקְלֵיידֶעט מִיט אָרֶעמֶע קְלֵיידֶער, דִיא כּוֹמְרִים גָאלִין אָפּ דִיא הָאר פוּן זַייעֶרֶע קָאפּ אוּנ פוּן זַייעֶרֶע בֶּערְד, אוּנ גֵייעֶן מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער בְּרוֹינֶע, דִי קֵיזֶערְלִיכֶע פַאמִילְיֶע גֵייעֶן אִין גֶעלֶע קְלֵיידֶער, דִיא שָׂרִים מַאנְדַארִינֶען גֵייעֶן אִין רוֹיטֶע קְלֵיידֶער, אַטֵייל מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אוֹיף זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער צְוֵוייא פִיר קַאנְטִיגֶע לַאטֶעס אֵיינֶע אוֹיף דִיא בְּרוּסְט אוּנ אֵיינֶע אִינְטֶען אוֹיף דֶעם נַאקִין, וֶוען עֶס אִיז אַפְרֵיילִיכֶער טָאג אִין לַאנְד גֵייט דֶער קֵיסָר אִין אַגֶעלֶע סַאמֶעטֶענֶע קְלֵייד אַלַאנְגֶע, אוֹיף דָאס קְלֵייד אִיז דָא גֶעהָאפְטֶענֶע גָאלְדֶענֶע שְׁלַאנְגֶען (וַוייל דֶער הֶערְבּ פוּן חִינָא אִיז אַשְׁלַאנְג), אַמָאהל טְרָאגְט דֶער קֵיסָר אוֹיף זַיין קָאפּ אַקְרוֹין וָואס אִיז הוֹיךְ (לַאנְג) אוּנ קַיילֶעכְדִיג, זַייעֶר אַשֵׁיינֶע, אוֹיף דִיא קְרוֹין אֵיינְגְט צְוֶועלְף שְׁנִירְלַאךְ פֶּערִיל, דִיא קֵיסָרְלִיכֶע פַאמִילְיֶע גֵייעֶן גֶעגַרְטִילְט מִיט אַגְרִינֶעם גַארְטִיל, וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשִׁין גוּטֶע פְרַיינְד טְרֶעפִין זִיךְ אִין גַאס, דֶעקִין זַיי אוֹיף זַייעֶרֶע לִינְקֶע הֶענְט, אוּנ לֵייגִין זַייעֶרֶע רֶעכְטֶע הֶענְט אוֹיף דִיא לִינְקֶע, אוּנ בֵּייגִין אַבִּיסוּל אַרָאפּ דִיא הֶענְט אוּנ קְנִיהֶען אַבִּיסוּל אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין, נָאכְדֶעם הֵייבִּין

זייא צוריק אויף דיא הענט אונ זאגין קין! קין, אדער זיי זאגין האא, האא, (דאס מיינט מען גוט גוט), אזוי זאגט איינער צום אנדערין אויב זייא זענען גלייכע מענטשין, אונ אויב איינער טרעפט אמענטשין וואס ער איז גרעסער פון אים, פארבייגט ער זיך מער פאר אים, אונ אויב מען טרעפט אשר פאלט מען פאר אים אויף דער ערד אונ מען רירט אן דעם שטערין אויף די ערד, אונ אויב איינער קומט צו זיין חבר ווען ער עסט אדער ער טרינקט אדער ער רייכערט אדער ער טרינקט טהעע, דאמאלס דארף ער זיך פארבייגין פאר אים פיל מאהל. מענער מיט ווייבער עסין ניט צוזאמען אין איין שטוב, ווען עס ווערט גיבארין בייא זייא אבן זכר, מאכין זייא גרויסע סעודות אונ פרייליכקייט, די אלטערין טוהען שדוכים מיט זייערע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, אונ זיי פרעגין ניט בייא די קינדער אויב זיי ווילען דעם שדוך, אמאהל טוהען זיי שדוכים מיט די קינדער איידער זיי ווערין געבארין, פיל מאהל טרעפט ווען דיא ווייבער זענען מעוברת זאגט איינע צוא דיא אנדערע אויב איך וועל האבין אזכר אונ דוא וועסט האבין אנקבה, זאלין דיא קינדער חתונה האבין צוזאמען, אונ זייא זאגין באלד וועלכין יאהר אונ וועלכע צייט זאל זיין די חתונה, בייא זייא איז דער מנהג דער חתן זעהט ניט דיא כלה ביז דעם טאג פון דיא חתונה, אין דער גובערנע שאנטאנג מאכט מען חתונה מתים, אויב דער חתן אונ דיא כלה זענען געשטארבין, לייגט מען אריין דעם חתן אין אטרומנע אונ די כלה אין אטרומנע אונ דיא ביידע טרומנעס שטעלט מען אריין אין איין שטוב, אונ זייא שטייען אין דיא שטוב ביז צו דיא צייט וואס האט געדארפט זיין זייער חתונה, אונ אין דעם טאג פון זייער חתונה בגראבט מען זייא ביידע אין איין קבר, אונ מען מאכט אסעודה וויא אויף אחתונה אונ זייערע עלטערין בלייבין מחותנים גלייך וויא זייערע קינדער וואלטין לעבעדיג חתונה געהאט, יעדער חינעזער

מֶעג גֶעמֶען וַוייבֶּער וִוי פִיל עֶר וִויל, נָאר עֶר זָאל זַייא קֶענֶען גֶעבִּין עֶסִין. יֶעדֶער מַאן גֶעוֶועלְטִיגְט אויף זַיין וַוייבּ וִוי עֶר וִויל אֲפִילוּ עֶר הָאט אִיר גֶעשְׁלָאגִין בִּיז זִיא אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין, אִיז אויף אִים קֵיין מִשְׁפָּט, זַייא זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג חוֹשֵׁד דִיא וַוייבֶּער אוּנ הִיטֶען דִי וַוייבֶּער זַייא זָאלִין נִיט מְזַנֶה זַיין, אֲפִילוּ אַזוּהן הִיט זַיין וַוייבּ פוּן זַיין פָּאטֶער. אוּנ דֶער פָּאטֶער זֶעהט זִיא קֵיין מָאהל, דָאס וַוייבּ וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן מַאנְס שְׁטוּבּ אָן זַיין וִויסֶען, וֶוערְט זִיא בֶּעשְׁטְרָאפְט אוּנ זִיא אִיז נִיט מֶער זַיין וַוייבּ נָאר אַדִינְסְט, אוּנ עֶר מֶעג זִיא פַארקוֹיפִין פַאר אַדִינְסְט צוּ וֶועמֶען עֶר וִויל, אוּנ אַז אַמַאן פַארלָאזְט זַיין וַוייבּ דְרַייא יָאהר זָאל זִיא בֶּעטִין בַּיי דִי גַייסטְלִיכֶע. ווֶעלִין זֵיי אִיר עֶרלוֹיבִּין חֲתוּנָה הָאבִּין מִיט אֵיין אַנְדֶער מַאן.

דִיא חִינֶעזֶער הָאבִּין שְׁטַארְק מוֹרָא פַאר דָאס שְׁטַארְבִּין, אוּנ זֶענֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג וֶועגִין דֶעם שְׁטַארְבִּין, אויף דִי קְבָרִים בָּאהֶעון זַייא קְלֵיינֶע שְׁטוּבִּין הַאלְבּ קַיילֶעכְדִיג, אוּנ אִין אֵיין וַואנְט אִיז דָא אַפֶענְסְטֶער מֶען זָאל אַרַיין שְׁטֶעלִין דוּרְךְ דִי פֶענְסְטֶער אַכֵּלִי מִיט בְּשָׂמִים צוּם רֵייכֶערִין אִינְוֵויינִיג, בַּייא דִי טִיר פוּן דִי שְׁטוּבּ שְׁטֵייט אַמַצֵבָה אויף אִיר אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם מֶת אוּנ זַיינֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטָאהן אויף דֶער וֶועלְט, דֶעם מֶת טוּהט מֶען אָן זַיינֶע קְלֵיידֶער אָדֶער בַּאוֶועלְנֶע אוּנ מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַטְרוּמְנֶע. אוּנ עֶר לִיגְט אִין דִיא טְרוּמְנֶע עֶטְלִיכֶע טֶעג, נֶעבִּין דִי טְרוּמְנֶע שְׁטֶעלְט מֶען אַטִישׁ אוּנ אויף דֶעם טִישׁ אִיז אוֹיסגֶעמָאהלְט דֶער מֵת אוּנ אַרוּם דֶעם בִּילְד בְּרֶענֶען לִיכְט, אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען דַארְף אִים בַּגְרָאבִּין קוּמֶען צוּזַאמֶען זַיינֶע אַלֶע פְרַיינְד אוּנ גוּטֶע פְרַיינְד אוּנ גֵייעֶן צוּא דִיא לְוָיָה, פַאר דִי טְרוּמְנֶע גֵייט מֶען מִיט פָאנֶען, אויף דִיא פָאנֶען אִיז גֶעמָאהלְט בִּילְדֶער, קְנֶעכְט, פֶערְד, קֶעמְלֶען, אוּנ כֵּלִים וָואס פוּן זֵיי גֵייט

אזוי ווי אַרויךְ , נאָךְ דיא פֶענֶער גֵייעֶן זִינְגֶער אונ טֶענְצֶער וואָס טאַנְצִין , נאָכְדֶעם טְרָאגְט מֶען אַמֶענְטֶשׁ גֶעשְׁנִיצְט פוּן הָאלְץ אונ דֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אויף אַשְׁטוּהל , נאָכְדֶעם טְרָאגְט מֶען דִי טְרוּמְנֶע מִיט דֶעם מֵת אוּנְטֶער אַחוּפָּה , אִינְטֶער דִיא טְרוּמְנֶע גֵייעֶן דִיא קְרוֹבִים אונ גוּטֶע פְרַיינְד אונ גֶעדוּנְגֶענֶע מֶענְטְשִׁין וואָס זָאלִין זִינְגֶען קְלָאג לִידֶער, אַלֶע גֵייעֶן מִיט ווַייסֶע קְלַיידֶער אונ מִיט ווַייסֶע פּאטשֵׁיילֶעם אויף דִיא קֶעפּ , מֶען בַּגְרָאבְּט נִיט מֶענֶער נֶעבִּין פְרוֹיֶען , נֶעבִּין אָבֵל גֵייעֶן פִיל מֶענְטְשִׁין אונ גִיבֶּען אַכְטוּנְג עֶר זָאל זִיךְ קַיין שְׁלֶעכְטְס טָאהן , עֶר זָאל נִיט רַייסִין פוּן זִיךְ דָאס לַייב אונ נִיט דִי הָאר פוּן קָאפּ , נָאכְדֶעם ווִיא מֶען הָאט דֶעם מֵת אַרַיין גֶעלַייגְט אִין קֶבֶר, לַייגְט מֶען אַבַּארְג עֶרְד אויף דֶעם קֶבֶר , אונ מֶען שְׁטֶעלְט אַמַצֵבָה אויפְגֶעשְׁרִיבֶּען דֶעם נָאמֶען פוּן מֵת , אָדֶער מֶען אִיז מַקְרִיב אַקָרְבָּן צוּא דִיא גָאטֶער זֵייעֶרֶע , אויף זֵייעֶרֶע אֶלְטֶערִין וָואס שְׁטַארְבִּין טְרוּיֶערִין זֵייא דְרַיי יָאהר , אונ אויף זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער ווָאס שְׁטַארְבִּין טְרוּיֶערִין זֵייא זִיבֶּען ווָאכִין .

וֶוען עֶס קוּמְט דֶער חֹדֶשׁ נִיסָן גֵייעֶן זֵייא אויף דִיא קְבָרִים פוּן זֵייעֶרֶע אֶלְטֶערִין אונ פוּן זֵייעֶרֶע גוּטֶע פְרַיינְד , אונ זֵיי רַייסִין אוֹיס דִיא שְׁלֶעכְטֶע גְרָאזִין אונ ווַארְפִין זֵיי אַוֶועק. אונ זֵיי זִיצֶען אויף דִיא עֶרְד נֶעבִּין דִיא קְבָרִים אונ זֵיי עֶסִין אַסְעוּדָה אויף דִי קְבָרִים, דִיא בִּילְדֶער פוּן זֵייעֶרֶע גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע אֶלְטֶערִין שְׁטֶעלִין זֵיי אִין אַבֶּעזוּנְדֶער שְׁטוּב , זֵיי גִיבֶּען כָּבוֹד צוּ דִי בִּילְדֶער אונ זֶענֶען מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת (זֵייא בֶּעטִין פַאר זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת) , אִין דֶעם טָאג פוּן יָאהר צַייט מַאכִין זֵיי אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה, דָאס ווַייסֶע קָאלֶער אִיז בַּיי זֵייא אַטְרוֹיעֶרִיגֶע קָאלֶער , אונ דִיא שְׁוַוארְצֶע קָאלֶער אִיז בַּיי זֵיי אַפְּרֵיילִיכֶע קָאלֶער , דִי חִינֶעזֶער עֶסִין דְרַיי אָדֶער פִיר מָאהל אִין טָאג , נָאר פְרָאסְטֶע עֶסִין נִיט טַייעֶרֶע , דָאס בְּרוֹיט זֵייעֶרֶע אִיז נִיט אַזוֹי גוּט גֶעבַּאקְט ווִיא אוּנְזֶערֶע , דָאס מֶערְסְטֶע עֶסִין זֵייא

רייז, ניט גוט געקאכט, נאר אביסול רויא, אלץ וואס זיי טרינקען איז נאר וואַרעמע, אקסין פלייש עסין זיי ווייניג, דאס מערסטע עסין זיי חזיר, שעפסין, גרויסע ציגען, גענז, זייא אדעוועון פיל גענז קאטשקעס, דיא ענדלערס קויפין תיל אייער אונ אדעוועון פון זיי קליינע גענזליך קאטשקעליך, זיי מאכין גרויסע הויבינס, אויף דעם דעק פון הויבין לייגין זייא אייזערנע פלאטין, אויף דיא פלאטע שטעלין זייא קאסטונס הויך אפערטיל אייל. אין די קאסטונס איז אריין געשאטין זאמד, אויף דיא זאמד ליגט אויס־געלייגט די אייער אויף די אייער ווערט בדעקט אזיפ, אונ אויף דיא זיפ איז בדעקט מיט אגראבין מאנטיל, נאכדעם הייבט מען אן הייצין דעם הויבין אונ מען דערוואַרעמט אים ביקלאכוויז ביז דיא פלאטע אונ די זאמד אונ די אייער ווערין הייס אונ זיי ווערין צושפאלטין אונ עס גייען ארוים יונגע גענזליך אונ קאטשקעליך פון דיא אייער, נאר דאס קען ניט יעדער מאכין ווייל מען מוז וויסען דיא מאס פון דיא היץ, ניט צוווייניג אונ ניט צופיל, אונ אויב דיא היץ איז געוועזן צופיל וועלין די יונגע גענזליך אונ קאטשקעליך ניט לאנג לעבין, נאר עטליכע טעג, אונ די מענטשין וואס קויפין דיא יונגע גענזליך אונ קאטשקעליך פרובין זייא איינגען אויף אשנירול דיא יונגע עופות מיט דיא מיילכליך אויף דעם שנירול, אויב דיא יונגע עופות וואַרפין זיך שטארק מיט דיא פליגול אונ מיט דיא פיס, זעגען זייא געזונטע אונ וועלין לעבין וויא אלע עופות, אונ אויב זיי וואַרפין זיך ניט שטארק נאר אביסול איז אסימן אז זיי וועלין ניט לאנג לעבין, די חינעזער האבין ניט קיין מעסערס קיין גאפלען קיין לעפלען, ווייל זיי עסין ניט שיטערע עסין, זיי בדעקין ניט דעם טיש מיט אטישטוך ווען זיי עסין, דיא רייכע מענטשין זיצען אויף שטולען נעבין טיש ווען זיי עסין, די ארעמע שטעלין דעם הייסין טאפ רייז אויף דער ערד אונ זייא זיצען אויך אויף דיא ערד ארום

דעם

דעם טאפ אונ עסין, ארעמע אונ רייכע עסין אין גלעזערנע שיסלען, יעדער שעפט פון טאפ מיט אקאך לעפיל: אונ גיסט אריין אין שיסול, אונ יעדער האלט אין האנט אברעטיל פון עבען האלץ אדער פון עלפאנד ביין, אונ מיט דעם ברעטיל נעמט ער ארוים דאס עסין פון שיסול אונ לייגט אין מויל, אונ ווייל דאס מערסטע עסין זייערע איז רייז, דריבער ווערט ביי זיי גערופין אלע עסינס רייז=עסין, רייז רופין זיי פאן, ווערט יעדער סעודה גערופין שטעפאן, דיא סעודה פון דער פריה רופין זייא טזאאפאן, דיא סעודה פון ביא נאכט רופין זיי אנפאן, יעדער חינעזער מעג פאנגען פיש פון וועלכין ים אונ פון וועלכין טייך ער וויל, פלייש פון פערד אונ פון קעמלען אונ פון הינט אונ פון קעץ אונ פון מייז ווערט פארקויפט אין אלע גאסין, ווייל זיי האבין דיא פלייש זייער ליב, טויזענדער חינעזער וואהנען אין שיפען אויף דעם ים, אונ עסין דיא טויטע בהמות אונ חיות אונ חזירים וואס פייגערין אין דיא שיפען וואס דיא סוחרים ווארפין ארוים פון זייערע שיפען אין ים, אונ ניט נאר דאס ארעמע פאלק עסין דאס, נאר אפילו דאס מיטעלע פאלק עסין אויך אזעלכע פלייש, זייא טרינקען טהעע אן צוקער, זייא האבין בראנפין וואס ווערט געמאכט פון רייז, דער בראנפין איז ניט גוט, דיא רייכע טרינקען אפיום, וויין מאכין זייא פון די פירות וואס הייסין „פאנזיא", דאס רופט מען מאנדארינען וויין, מענער אונ ווייבער יונגע אונ אלטע רייכערין טאבאק, ארעמע לייט זענען דא אין חינא זייער פיל, זייא פארקויפין זיך צוא דיא שווערסטע ארבעט פאר דעם עסין, די מוטערס מאכין בלינד זייערע קליינע טעכטער זיי זאלין זיצען אין דיא גאסין בעטין נדבות, זיי שעמען זיך ניט צוא טאהן דיא גרעסטע אומרעכט, אויב איינער ווערט בייז אויף אמענטש, וועט ער אוועק געבין זיין לעבין נאר צוא נעמען אנקמה פון דעם מענטש, ער קען

גַיין צוּא דִיא שְׁטוּבּ פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אָדֶער צוּא אִים אִין שְׁטוּבּ אוּנ נֶעמְט אַוֶועק זַיין לֶעבְּין מִיט סַם אָדֶער שֶׁעכְט זִיךְ נָאר וֶועגִין מֶען זָאל מַאכִין אַבִּלְבּוּל אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט אִים גֶעהַרְגֶעט וֶועט מֶען אִים אוֹיךְ הַרְגֶנֶן, דִיא מֶענֶער פַארְקוֹיפִין זַייעֶרֶע ווייבֶּער פַאר דִינְסְטִין, פָאטֶערְס פַארְקוֹיפִין זַייעֶרֶע קִינְדֶער פַאר דִינְסְטִין פַאר קְנֶעכְט, דֶער קֵיסָר אוּנ דִי שָׂרִים וָואס הָאבִּין פִּיל ווייבֶּער קוֹיפִין קְנֶעכְט צוּא בֶּעדִינֶען דִיא ווייבֶּער אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וָואס קֶענֶען זִיךְ נִיט בַּהֶעפְטִין מִיט ווייבֶּער, דְרִיבֶּער זֶענֶען דָא פִּיל פָאטֶער אוּנ מוּטֶער וָואס מַאכִין זַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלִין זִיךְ נִיט קֶענֶען בַּהֶעפְטִין מִיט ווייבֶּער, אוּנ וֶוען זַיי וֶוערִין גְרוֹיס פַארְקוֹיפִין זַיי דִיא קִינְדֶער צוּם קֵיסָר אָדֶער צוּ דִי שָׂרִים זַייא זָאלִין בֶּעדִינֶען זַייעֶרֶע ווייבֶּער. נָאךְ אַשְׁרֶעקְלִיכֶער פִּירוּנְג אִיז דָא אִין חִינָא, עֶס אִיז עֶרְלוֹיבְּט צוּא אֶלְטֶערִין זַייא זָאלִין הַרְגֶנֶן זַייעֶרֶע קְלֵיינֶע טֶעכְטֶער אוֹיבּ זַיי זֶענֶען אָרֶעם אוּנ קֶענֶען נִיט זַיי גֶעבִּין עֶסִין, אוּנ דֶעם דְרִיטֶען גֶעבָּארֶענֶעם זוּהן מֶעגִין זַיי אוֹיךְ הַרְגֶנֶן, אוּנ זַייא טוּהֶען אַזוֹי, זַייא בֶּעטִין דִיא הַייבְּאַמְס (אַקוּשֶׁערְקֶעס) בַּאלְד וִויא דָאס קִינְד וֶועט גֶעבָּארִין וֶוערִין זָאלִין זַיי אִים אַרַיין וַוארְפִין אִין אַקֶעסִיל הַייסֶע וַואסֶער עֶר זָאל בַּאלְד טוֹיט וֶוערִין, אָדֶער זַייא בִּינְדִין צוּם קִינְד אַשְׁטֵיין אוּנ וַוארְפִין אִים אַרַיין אִין טַייךְ, אָדֶער זַיי וַוארְפִין דָאס קִינְד לֶעבֶּעדִיג אִין גַאס, אַלֶע פְרִיה גֶעפִינְט מֶען פִּיל קִינְדֶער אִין גַאס, אוּנ עֶס פָארִין וֶועגֶעלִיךְ אִין דִיא גַאסִין אוּנ נֶעמֶען צוּזַאמֶען דִיא קִינְדֶער אוּנ פִירֶען זַייא אַוֶועק אוֹיסֶער דִיא שְׁטָאט אוּנ וַוארְפִין זַיי אַרַיין אִין אַגְרוּבּ, אוּנ בַּדֶעקִין נִיט דִיא גְרוּבּ, אוּנ דִיא טִירְקִישֶׁע אוּנ קְרִיסְטְלִיכֶע ווייבֶּער קוּמֶען צוּא דִיא גְרוּבּ אוּנ וֶועלְכֶע קִינְדֶער זַיי גֶעפִינֶען לֶעבֶּעדִיג גֶעמֶען זַייא דִיא קִינְדֶער צוּא זִיךְ אַהֵיים אוּנ אָדֶעווֶען זַיי בִּיז זַיי וֶוערִין גְרוֹיס, עֶס זֶענֶען אָבֶּער דָא ווייניג קִינְדֶער וָואס בְּלַייבִּין גֶלֶעבִּין, ווייל אֵיידֶער דִיא וֶועגֶעלִיךְ קוּמֶען אִין דִיא

גאסין צוזאַמֶען גֶעמֶען דיא קִינְדֶער הָאבִּין שׁוֹין דיא הִינְט אונ די חַזִירים פִּיל קִינְדֶער אויפְגִיגֶעסִין, דיא קְרִיסְטִין הָאבִּין אַמָאהל גֶעצֵיילְט זֶענֶען גִיוֶוען מוּיטֶע קִינְדֶער אִין די גַאסִין פוּן די שְׁטָאט פֶּעקִין אִין דְרַיי יָאהר 9702. אויסֶער דיא קִינְדֶער וָואס וֶוערִין צוּטְרֶעטִין אִין דיא גַאסִין פוּן דיא פֶערְד אוּנ וֶועגִין, אוּנ אויסֶער דיא קִינְדֶער וָואס דיא אַקוּשֶׁערְקֶעס וַוארְפִין זֵיי אִין דיא קֶעסְלֶען הֵייסֶע וַואסֶער, אוּנ אויסֶער דיא קִינְדֶער וָואס מֶען וַוארְפְט זֵייא אִין וַואסֶער, אוּנ אויסֶער דיא קִינְדֶער וָואס דיא הִינְט אוּנ דיא חֲזֵירִים עֶסִין, זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשִׁין אָן רַחֲמָנוּת, אוּנ אַז זֵיי הָאבִּין קֵיין רַחֲמָנוּת אויף זֵייעֶרע קִינְדֶער, הָאבִּין פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשִׁין גֶעווִים נִיט צוּא הָאפִּין אויף זֵייעֶר רַחֲמָנוּת.

פִּיל מָאהל בֶּשֶׁעפְּטִיגֶען זֵייא זִיךְ צוּ הַאקִין אִין דיא גְרוֹיסֶע אוּנ הוֹיכֶע בֶּערְג, שֵׁיינֶע בִּילְדֶער, לֵייבִּין, טִיגְרֶעס, דֶער הֶערְר מַארְגִיטִי דֶערְצֵיילְט עֶר הָאט אַלֵיין גִיזֶעהן אַהוֹיכִין בַּארְג אוֹיס־גֶעהַאקְט אַבִּילְד פוּן אַמֶענְטְשׁ, דְרַיי מַייל וַוייט הָאט עֶר גִיזֶעהן דֶעם נָאז אוּנ דיא אוֹיעֶרִין פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, זֵייעֶרֶע הַייזֶער וָואס זֵייא בָּאהֶען זֶענֶען נִיט שְׁטַארְק אוּנ נִיט שֵׁיין, לֵיינְגֶער ווִיא בִּיז הוּנְדֶערְט יָאהר קֶענֶען נִיט שְׁטֵיין זֵייעֶרֶע הַייזֶער. אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אִין חִינָא זֵייעֶר פִּיל מַארְמָאר שְׁטֵיינֶער פוּן דֶעסְטְוֶועגִין בָּאהֶען זֵיי נִיט זֵייעֶרֶע הַייזֶער פוּן מַארְמָאר שְׁטֵיינֶער, נָאר פוּן פְּרָאסְטֶע שְׁטֵיינֶער אוּנ צִיגוּל, אֲפִילוּ דֶער פַּאלַאץ פוּן קִיסַר אִין פֶּעקִין אִיז אוֹיךְ נִיט גֶעבָּאהט אַזוֹי שֵׁיין ווִיא דיא אֵיירָאפֶּעאִישֶׁע פַּאלַאצִין, עֶר אִיז נָאר זֵייעֶר גְרוֹיס, פִּיל הוֹיפִין, פִּיל זַיילִין, פִּיל גֶערְטְנֶער, אַרוּם פַּאלַאץ אִיז דָא אַגְרוֹיסֶער וַואלְד, דָאס מֶערְסְטֶע הַייזֶער זֵייעֶרֶע וֶוערִין גֶעבָּאהט ווִיא דיא גֶעצֶעלְטִין פוּן דיא פַּאסְטוּכֶער, דיא גְרֶעסְטֶע אוּנ שֶׁענְסְטֶע שְׁטָאט אִיז פֶּעקִין, אִין פֶּעקִין זֶענֶען דָא גַאסִין וָואס זֶענֶען בְּרֵייטֶער פוּן זֶעכְצִיג אֵיילִין, נָאר נִיט גֶעבְּרוּקִירְטֶע, אַבִּיסוּל גַאסִין זֶענֶען דָא וָואס אִין מִיטֶען גַאס אִיז גֶעבְּרוּקִירְט

מִיט אַפְּרָאנְד שְׁטֵיינֶער אויף אַאֵייל דִי בְּרֵייט, אונ נִיט רֵיין, בַּיי זֵייעֶרֶע שְׁטוּבִּין שְׁטֵייעֶן לֵייטֶערְס אַרויף צוא גֵיין אוֹיף דֶעם דַאךְ, דִיא סוֹחֲרִים שְׁרַייבִּין אויף דִיא לֵייטֶערְס מִיט גָאלְדֶענֶע אוֹתִיוֹת זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אונ וָואס זֵייעֶר הַאנְדִיל אִיז, דִיא מָאהֶערִין וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיא שְׁטֶעט זֶענֶען בְּרֵייטֶע אונ גְרוֹיסֶע, אונ פוּן אויסְוֵוייגִיג קֶען מֶען נִיט זֶעהן דִיא שְׁטָאט, בִּיז מֶען קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטָאט דוּרְךְ דִיא טוֹיעֶרִין.

דִי חִינֶאזֶער זֶענֶען גוּט גֶעלֶערוּנְט צוּ מָאהלִין שֵׁיינֶע פִיגוּרֶען, פֵייגוּל, חַיוֹת, עֶס זָאלִין אויסְזֶעהן וִוי לֶעבֶּעדִיגֶע, זֵיי הָאבִּין פִּיל פַאבְּרִיקִין פוּן זֵיידֶענֶע אונ בַּאוְוילְנֶע קְלֵיידֶער, דִיא אַרְבֶּעט אונ דִיא קָאלֶערִין זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין שֶׁענֶער וִויא דִיא אֵייְרָאפֶּעאִישֶׁע, נָאר נִיט אַזוֹי גוּט אִין גַאטוּנְג וִויא דִיא אֵייְרָאפֶּעאִישֶׁע, פַּאפִּיר מַאכִין זֵיי פוּן אַלְטֶע קְלֵיידֶער פוּן אַלְטֶע זֵיידֶענֶע אונ בַּאוְוילְנֶע אונ פָאדֶעמְנֶע קְלֵיידֶער, דִיא פַּאפִּירֶען זֶענֶען גְרוֹיס בִּיז דְרַייסִיג אֵיילִין, דִינֶע אונ זֵייעֶר גְלַאטֶע, אִין פִּיל שְׁטֶעט הָאבִּין זֵיי קֵיין מִינְט נָאר טוּשׁ (אַזוֹי אַשְׁוַוארְצֶע פַארְבּ) אונ זֵייא שְׁרַייבִּין מִיט אַפֶּענְזִילֶעק, אונ זֵייא מַאכִין פַּאפִּיר פוּן שְׁטְרוֹי אונ פוּן רֵייז שְׁטְרוֹי, אונ פוּן שָׁאלַאכְץ פוּן מָאהלְבֶּעעֶר בְּלֶעטֶער, פַאבְּרִיקִין פוּן גְלָאז הָאבִּין זֵייא נִיט גֶעהַאט, נָאר דִיא יֶעזוּאִיטֶען הָאבִּין גֶעבְּרֵיינְגְט אַמֵייסְטֶער פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ אִין פֶּעקִין אונ עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַפַּאבְּרִיק פוּן גְלָאז, אָבֶּער וִויא דֶער מֵייסְטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט דִיא פַּאבְּרִיק צוּ אַרְבֶּעטִין, אונ בִּיז הַיינְט אִיז קֵיין פַּאבְּרִיק פוּן גְלָאז אִין חִינָא, זֵייעֶרֶע שְׁפִּיגְלֶען זֶענֶען פוּן גֶעגְלַאנְצְטֶע קוּפֶּער, זֵייא מַאכִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע כֵּלִים פוּן עֶלְפֶענְבֵּיין, אֲפִילוּ זֵייא הָאבִּין עֶרְקְלֶערְט דִיא חָכְמָה פוּן דְרוּק פוּן בִּיקְסִין מַאכִין אונ וִוי צוּ מַאכִין פּוּלְוֶוער מִיט דְרַייצֶעהן הוּנְדֶערְט יָאהר פְרִיעֶר וִוי אֵייְרָאפַּא, כִּין דֶעסְטְוֶועגִין מַאכִין זֵייא דָאס נִיט אַזוֹי גוּט וִויא עֶס וֶוערְט גֶעמַאכְט אִין אֵייְרָאפַּא, זֵייא זֶעצִין נִיט

מִיט בֶּעזוּנְדֶערֶע אוֹתִיוֹת, נָאר זֵיי נֶעמֶען אַבְּרֶעטִיל אוּנ גְּרַאוִּירֶען אוֹיף אִים אוֹתִיוֹת וָואס זֵיי ווִילֶען, אוּנ בֶּעשְׁמִירֶען דָאס בְּרֶעטִיל מִיט טוּשׁ (פַּארְבּ) אוּנ לֵייגִין דָאס בְּרֶעטִיל אוֹיף אַפַּאפִּיר בְּלַייבִּין דִי אוֹתִיוֹת אוֹיף דֶעם פַּאפִּיר, אוּנ זֵיי בַּארְפִין מִילְיָאנֶען בְּרֶעטְלִיךְ, דִיא חָכְמָה צוּא מַאכִין אַבְּרִיק אִיבֶּער אַטַייךְ הָאבִּין זֵייא אוֹיפְּגֶעקְלֶערְט, פוּן דֶעסְטְווֶעגִין קֶענֶען זֵיי נִיט מַאכִין אַזֶעלְכֶע בְּרִיקִין וויא מֶען מַאכְט אִין אֵייְרָאפֶּא, נָאר שְׁווִינְדְלֶען, נַארִין, מַאכִין פַאלְשְׁקַייט, דָאס קֶענֶען זֵייא בֶּעסֶער פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין, ווַייטֶער מַאכִין זֵיי אַלֶע כֵּלִים וִוי מֶען מַאכְט אִין אֵייְרָאפַּא נָאר זֵיי זֶענֶען נִיט גֶעמַאכְט אַזוֹי גוּט אוּנ אַזוֹי שֵׁיין ווִיא מֶען מַאכְט זֵייא אִין אֵייְרָאפַּא, שׁוּלְדִ'ג אִין דֶער זַאךְ אִיז זֵייעֶר נַארֶעשֶׁע רֶעלִיגְיָאן, וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק בַּהֶעפְט צוּ אִיר, אוּנ ווִילֶען נִיט עֶנְדֶערִין זֵייעֶרֶע נַארֶעשֶׁע פִירוּנְגֶען, אוּנ ווִילֶען נִיט ווִיסֶען פוּן חָכְמָה, אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע קְלֵיידוּנְג ווִילֶען זֵייא נִיט עֶנְדֶערִין, אוּנ ווִילֶען זַיין בֶּפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, דְרִיבֶּער אִיז גָאר נִיט צוּ הָאפִין אַז זֵיי זָאלִין אַמָאהל זַיין גְרֶעסֶערֶע חֲכָמִים וִוי זֵיי זֶענֶען הַיינְט.

דִי בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דִי לַאנְד.

אִין חִינָא אִיז דָא טוֹיזֶענְד זֶעקְס הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט, אוּנ מֶער וִוי דְרַיי הוּנְדֶערְט קְלֵיינֶע שְׁטֶעט, עֶלְף הוּנְדֶערְט דְרַייא אוּנ נַיינְצִיג קְלֵיינֶע פֶעסְטוּנְגֶען, 2796 פַּאלַאצִין וָואס זֶענֶען גֶעבָּאהט אִין דִיא דֶערְפֶער, 2338 שׁוּהלֶען צוּם לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער שְׁרַייבִּין, מֶער ווִי צְווֵיי טוֹיזֶענְד זֶעקְס הוּנְדֶערְט קְלוֹיסְטֶערְס, צְווֵיי אוּנ דְרַייסִיג קֵיסָרְלִיכֶע פַּאלַאצִין, 331 שֵׁיינֶע בְּרִיקִין, חִינָא אִיז גֶעטֵיילְט אוֹיף פוּפְצֶעהן פְּרָאווִינְצִין, אִין צָפוֹן זַייט פוּן חִינָא אִיז דִי

פְּרָאוִוינְץ „פֶּעטְשֶׁעלִי”, אִין צָפוֹן אונ מַעֲרָב פון דיא פְּרָאוִוינְץ זֶענֶען דָא הויכֶע בֶּערְג, אונ דָאס אִיבֶּעריגֶע עֶרְד פון די פְּרָאוִוינְץ איז גְלַייכֶע עֶרְד נָאר גֶעבִּין יַם, בייז וַואקְסְט ניט דָארְטִין, דְרִיבֶּער מוּזִין זַייא בְּרֵיינְגֶען זֵייעֶרֶע לֶעבִּינְס מִיטֶעל פון די פְּרָאוִוינְצִין וָואס זֶענֶען אִין דָרום זַייט, דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס וואהְנֶען אויף די בֶּערְג זֶענֶען שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין אונ זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צוּ מִלְחָמָה, אונ זֶענֶען רויבֶּער (גַזְלָנִים), אִין די פְּרָאוִוינְץ אִיז דָא 140 שְׁטֶעט, דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁטָאט אִיז פֶּעקִינְג, זִיא אִיז די גְרֶעסְטֶע שְׁטָאט פון גַאנְץ חִינָא, אִין פֶּעקִינְג אִיז דָא מֶענְטְשִׁין מֶער ווִיא אִין אַלֶע קֶענִיגְלִיכֶע שְׁטֶעט פון דֶער וֶועלְט, נֶעבִּין פֶּעקִינְג זֶענֶען דָא פוּפְצֶעהן פָארשְׁטֶעט, דִיא שְׁטָאט פֶּעקִינְג אַלֵיין אויסֶער די פָאר-שְׁטֶעט פַארְנֶעמְט אַרום פִינְף מַייל, דִיא לֵיינְג פון פֶּעקִינְג אונ די בְּרֵייט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אַרום פֶּעקִינְג אִיז דָא אַהוֹיכֶער מָאהֶער, הוּנְדֶערְט פוּס דִיא הֵייךְ, אַרוּם דִיא מָאהֶער אִיז דָא אַקָאנַאל, אִין שְׁטָאט זֶענֶען דָא דְרַיי טַייכִין, וָואס זֵייעֶרֶע וַואסֶער פַאלִין אַרַיין אִין טַייךְ בַּייכָא, אִין שְׁטָאט זֶענֶען דָא אַכְט מִזְבְּחוֹת וָואס מֶען שֶׁעכְט אויף זֵיי קָרְבָּנוֹת, צוּם הִימֶעל, צוּא דִיא עֶרְד, צוּ דִיא זוּנְן, צוּא דִיא לְבָנָה, צוּ דָאס אֵייבִּיגֶע לֶעבִּיז, צוּ די תְּבוּאָה זָאל גוּט וַואקְסִין, דִיא בּוֹימֶער פְּרוּכְטִין זָאלִין גוּט וַואקְסִין, אוּנ צוּא דֶעם הֶערר וָואס הָאט דָאס אַלְץ בַּשַׁאפִין, נַיין קְלוֹיסְטֶערְס אִיז דָא אִין פֶּעקִינְג, דְרַיי קְלוֹיסְטֶערְס פַאר דֶעם קֵיסָר מִיט די שָׂרִים, דְרַייא קְלוֹיסְטֶערְס צוּא בֶּעטִין בַּייא דִיא אֶלְטֶערִין פון זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע, דְרַייא קְלוֹיסְטֶערְס צוּא בֶּעטִין בַּייא זֵייעֶר גֶעזֶעץ-גֶעבֶּער קָאנְפוּטְזִי, זֶעקְס אונ צְוַואנְצִיג הַייזֶער זֶענֶען דָא וָואס אִין זַייא וֶוערְט גֶעמִשְׁפָּט דָאס פָאלְק, זֶעכְצֶעהן קְלוֹיסְטֶערְס זֶענֶען דָא וָואס אִין זַייא וואהְנֶען דִיא כּוֹמְרִים אונ דִיא הֵיילִיגֶע וַוייבֶּער, צְוַוייא קְלוֹיסְטֶערְס זֶענֶען דָא פַאר דִיא פְּרָאוָואסְלַאוְונָא קְרִיסְטִין, פִיר קְלוֹיכְטֶערְס פַאר דִיא קַאטוֹילִישֶׁע קְרִיסְטִין, פִיר קְלוֹיסְטֶערְס פַאר

דיא

די טִירְקִין, צוזַאמֶען וואהנֶען אִין פֶּעקִינְג דְרַיי מִילְיָאן מֶענְטְשִׁין. צֶעהן טויזֶענְד פַּאלַאסְטֶען זֶענֶען דָא אִין פֶּעקִינְג, אַבִּיבְּלָאטֶעקֶע פַאר אַסְטְרָאנָאמֶער אוּנ דָאקְטוירִים, אוּנ אַאוּנִיוֶוערזִיטֶעט, אַפַּאלַאץ פַאר דִיא שְׁטֶערְנזֶעהר. דִיא שְׁטָאט אִיז גֶעטֵיילְט אִין צְוַויי טֵייל, אִין צָפוֹן זַייט וואהנֶען דִי טַארְטַארִין אוּנ דָארְט אִיז דֶער פַּאלַאץ פוּן קֵיסָר, אִין דָרוֹם זַייט וואהנֶען דִי חִינֶעזֶער אוּנ דִי מַאנְגַאלֶען אוּנ נָאךְ פֶעלְקֶער, דָאס צְוַוייטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „שַׁאנְטַאנְג" אִין דִיא פְּרָאוִוינְץ אִיז נִיטָא אַזוֹי פִיל מֶענְטְשִׁין וִויא אִין „פֶּעטְשֶׁעלִי", פוּן דֶעסטְוֶועגִין זֶענֶען דִיא פֶּעלְדֶער פַּארְזֵייעֶט אוּנ עֶס שְׁמֶעקְט שֵׁיין פוּן דֶעם רֵיחַ רָאסמַארִין אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵיחוֹת, אִין דֶעם פְּרָאוִוינְץ „שַׁאנְטַאנְג" זֶענֶען דָא 140 שְׁטֶעט דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁטָאט אִיז דִיא שְׁטָאט „טֶעטַאעאו", אִין דֶעם פְּרָאוִוינְץ קוּמֶען פִיל מָאהל זֵייעֶר פִיל אַיישֶׁערֶקֶען אוּנ מַאכִין קַאלְיֶע דִיא תְּבוּאָה וָואס אִין דִיא פֶּעלְדֶער, דִיא דְרִיטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „שַׁאנְזִי" אִין דִי פְּרָאוִוינְץ אִיז דָא פִיל בֶּערְג, דָאס מֶערְסְטֶע בֶּערְג זֶענֶען פַּארְזֵייעֶט מִיט תְּבוּאָה אוּנ בֶּעפְלַאנְצְט מִיט בּוֹימֶער, הוּנְדֶערְט שְׁטֶעט אִיז דָא אִין דֶעם פְּרָאוִוינְץ, דִיא פֶערְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „שֶׁענְזִי", דֶער פְּרָאוִוינְץ אִיז פוּל מִיט בֶּערְג וָואס אִין זֵיי אִיז דָא גָאלְד, אִין דִי גֶאגֶענְד וָואס אַרוּם דִיא טֵייכִין גֶעפִינְט מֶען אוֹיךְ שְׁטִיקֶער גָאלְד, 140 שְׁטֶעט אִיז אִין דִי פְּרָאוִוינְץ, דִי פִינְפְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „הַאנַאן" דִיא פְּרָאוִוינְץ אִיז דִיא שֶׁענְסְטֶע אוּנ דִיא גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִיט דִיא זִיסֶע פְרוּכְטִין וָואס וֶוערִין זִיס פוּן דִיא שֵׁיינֶע זוּנְן וָואס שֵׁיינְט אוֹיף זֵייא אוּנ פוּן דִיא פֶּעטֶע עֶרְד. דֶעם פְּרָאוִוינְץ רוּפְט מֶען דֶער חִינֶעזֶער גָארְטִין, 110 שְׁטֶעט אִיז דָא אִין דֶעם פְּרָאוִוינְץ, דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁטָאט אִיז חָאוּפַאנְג, דִיא זֶעקְסְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „קִיאַנְגַאם", נֶעבִּין יַם אוֹקְיָאנוֹס, דִיא פְּרָאוִוינְץ אִיז דִי פֶּעטֶעסְטֶע אוּנ דִיא רֵייכְסְטֶע פוּן אַלֶע פְּרָאוִוינְצִין, פִיל טֵייכִין אִיז דָא אִין דִיא פְּרָאוִוינְץ, אִין צָפוֹן זַייט אִיז דֶער טֵייךְ „הַאאנְגְהַא", אִין דָרוֹם

זייט איז דער טייך יאנטזעקין ער גייט ארום די גאנצע פּראָווינץ דער טייך „יאנטזעקין" אונ דער טייך „האאנגהא" זענען דיא גרעסטע טייכין פון חינא, הונדערט אונ זיבען שטעט איז דא אין דיא פּראָווינץ, דיא גרעסטע שטאט איז נאנקיאן, נעבין טייך יאנטזעקין, אמאהל איז נאנקין גיוועזן אוואהנונג פאר דעם קיסר, היינט וואהנט אין נאנקין דער גרעסטער קאטוילישער כומר, אין נאנקין זענען דא פיל ביבליאטיקען, אונ דארטין וואהנען פיל חכמים, דארטין איז דא אשיינער טארעם אאכט-קאנטיגער, דער טארעם איז הויך צוויא הונדערט פוס, ניין ערליי טרעפ זענעי דא אין דעם טארעם ארויף צו גיין אויף אים, אונ ער איז אין גאנצין בדעקט מיט פארצעלאנע טאוולען וואס זענען שיין געמאלט אונ ער איז איינער פון דיא שענסטע טארעמס אין דער וועלט דיא זיבעטע פּראָווינץ איז „הוקוואנג" פול בערג, מיט 129 שטעט, אונ אין צפון מזרח זענען דיא ימים אונ טייכין, דיא פּראָווינץ רופט מען דער אוצר פון חינא, דיא אכטע פּראָווינץ איז „זעטשיען" אין דיא פּראָווינץ איז דא 98 שטעט, פיל בערג גרויסע, צווישען דיא בערג וואהנען פיל גזלנים, אין די פּראָווינץ וואקסט פיל האלץ צום באהעןן: וואס מען פארקויפט אין אנדערע פּראָווינצען, דארטין איז דא גוטע זייד, אונ דיא וואַרצלען ראהבארבאר זייער גוטע, אין דיא בערג געפינט מען פיל אייזין, דיא ניינטע פּראָווינץ איז „טשעקיאנג" אין דיא פּראָווינץ איז דא 88 שטעט, נעבין פארט פון ים, אין דיא פּראָווינץ איז דא דיא בעסטע זייד, אונ אגרויסער האנדיל, דיא צעהנטע פּראָווינץ איז „קיאנגזי", פול בערג. אפילו דיא ערד גיט פיל פרוכטין אונ דארטין מאכט מען ווייסע גלאז זייער פיל פון דעסטוועגין זענען די מענטשין ארעם. ווייל עס וואהנען דארטין זייער פיל מענטשין, 84 שטעט זענען אין דיא פּראָווינץ, איין שטאט איז דא אין דיא פּראָווינץ „פעאלעאנג" זיא איז אקליינע שטאט נאר אבעוואוסטע

בייא סוֹחֲרים נוייל דָארְט וֶוערְט גֶעמַאכְט דִיא בֶּעסְטֶע אונ דִיא שֶׁענְסְטֶע נַוייסֶע גְלָאז, דִיא עֶלְפְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „פַּאקֶיען", זִיא אִיז אַקְלַיינֶע פְּרָאוִוינְץ נֶעבִּין יַם פּוּל בֶּערְג נָאר זַייעֶר פֶּעטֶע עֶרְד אונ עֶס וַואקְסְט דָארְטִין פִיל תְּבוּאָה, אונ דָארְטִין וַואקְסְט פִיל הָאלְץ צוּם בָּאהֶען. אונ פוּן דִיא בֶּערְג הַאקְט מֶען פִיל מַאטֶרְע-יַאלִין. דֶער שֹר פוּן דִיא פְּרָאוִוינְץ הָאט צוּא גֶעוֶועלְטִיגֶען אוֹיף צָפוֹן אונ מַעֲרָב פוּן דִיא אִינְזוּל פָארְמָאזָא, דִיא צְוֶועלְפְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „קְוַואנְטַאנְג", זִיא אִיז גֶעבִּין פִיל טַייכִין. פוּהל מִיט בֶּערְג, דִי רַייכְקַייט פוּן אִינְזוּל אִיז מִיט זַייד אונ פֶּערִיל, גָאלְד, בְּלַייא, קוּפְּפֶּער, אַייזִין, אִין דִיא פְּרָאוִוינְץ אִיז דָא 94 שְׁטֶעט. דִי גְרֶעסְטֶע שְׁטָאט פוּן זַייא אִיז קַאנְטָאן, דִיא מָאס אַרוּם שְׁטָאט אִיז צֶעהְן עֶנְגְלִישֶׁע מַיילִין, אִין דִיא שְׁטָאט וואהְנֶען אַיין מִילְיָאן מֶענְטְשִׁין, דִיא הֶעלְפְט מֶענְטְשִׁין פוּן זַייא וואהְנֶען אִין שִׁיפֶען אוֹיף דִיא טַייכִין, זִיא אִיז אַגְרוֹיסֶע הַאנְדִיל שְׁטָאט אַזוֹי וִויא דִיא אַזִיאַטִישֶׁע שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען גֶעבִּין יַם, דֶער הַאנְדִיל פוּן דִיא שְׁטָאט אִיז זַייעֶר פִיל מִיט דִיא אֵייְרָאפֶּעאִישֶׁע מֶענְטְשִׁין וָואס קוּמֶען מִיט שִׁיפֶען צוּא דִיא שְׁטָאט, זִיא אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַאנְדִיל שְׁטָאט פוּן גַאנְץ חִינָא. אַרוּם דִי שְׁטָאט זֶענֶען דָא פִיל שְׁפַּייכְלֶער מִיט סְחוֹרָה, אונ אִין יָאהר 1760 אִיז פָארְבָּאטִין גִיוָוארִין דִיא אֵייְרָאפֶּעאִישֶׁע סוֹחֲרִים זַיי זָאלִין נִיט צוּ פָארִין מִיט זַייעֶרֶע שִׁיפֶען צוּא דִיא שְׁטָאט וַוייל זַייא הָאבִּין גֶעהַאנְדִילְט נִיט וִויא דִי גֶעזֶעץ פוּן לַאנְד. נָאר זַייא קוּמֶען מִיט זַייעֶרֶע שִׁיפֶען צוּא דִיא אִינְזֶעל „וַואמְפַּן" אונ דָארְטִין נֶעמֶען זַייא אַרוֹים דִיא סְחוֹרָה פוּן זַייעֶרֶע שִׁיפֶען אונ פַארקוֹיפִין צוּ דִי חִינֶעזֶער אונ קוֹיפִין פוּן זַיי אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה אונ פִירֶען נָאךְ אֵייְרָאפָּא, דִיא דְרַייצֶעהְנְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „קְוַואנְזִי", אוֹיף אַשְׁטִיק פְּרָאוִוינְץ וָואס אִיז אִין צָפוֹן-מַיירָב וואהְנֶען גַזְלָנִים, 94 שְׁטֶעט זֶענֶען אִין דִיא פְּרָאוִוינְץ, דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁטָאט פוּן זַייא אִיז דִיא שְׁטָאט „קְווילִינְגְפָאוו" צוּא דִי פְּרָאוִוינְץ גִיהֶער

דֶער אִינְזֶעל „הַאִינַאן" וָואס אִיז אויף דֶעם אִינְדְיַאנִישֶׁען מֶעער, דֶער אִינְזֶעל אִיז רַייך מִיט צוּקֶער, טַאבַּאק, בַּאוִויל, אִינְדִיגָא, קָאקוֹס נִים, אויף דִיא גְרוֹיסֶע בֶּערְג וָואס זֶענֶען אִין דִי פְּרָאוִוינְץ וואהנֶען אַשְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע פָאלְק, אוּנ זֶענֶען זֵייעֶר הֶעסְלִיךְ (מִיאוּס) זֵייעֶר הוֹיט אִיז רוֹיט וִוי קוּפֶּער, זֵייעֶר פָּנִים אִיז קְלֵיין, אוּנ מִיאוּס, זֵייעֶר שְׁפְּרַאכֶע, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, אַלְץ מִיאוּס, דִיא פֶערצֶעהנְטֶע פְּרָאוִוינְץ „קִיינְטְשַׁייפִּי" אָדֶער „קִינטְשַׁייא", אִין דָרוּם זַייט אִיז פוּל בֶּערְג, אויף דִיא בֶּערְג וואהנֶען דִיא פָאלְק „מִיאאַזֶע" זֵיי זֶענֶען אַשְׁרֶעקְלִיכֶע פָאלְק אַ שְׁטַארְקֶע. אויף זֵייא הָאט נָאךְ קֵיינֶער גֶע-וֶועלְטִיגְט, זֵייא גֶעוֶועלְטִיגֶען אויף אַנְדֶערֶע פְּרָאוִוינְצֶען וֶוען זֵייא ווילֶען וֶועמֶען שְׁלֶעכְטְס טָאהן. דִיא פוּפְצֶעהנְטֶע פְּרָאוִוינְץ אִיז „אִינַאן" אֲפִילוּ אויף דִי פְּרָאוִוינְץ אִיז דָא פִיל בֶּערְג, פוּן דֶעסְט-וֶועגִין אִיז זִיא אַגוּטֶע פְּרָאוִוינְץ, וַוייל אויף אִיר וַואקְסְט פִיל תְּבוּאָה, אוּנ גָאלְד אוּנ בְּרִילַאנְטִין. 106 שְׁטֶעט זֶענֶען דָא אויף דִי פְּרָאוִוינְץ, אוּנ דִיא מֶענְטְשִׁין אַרְבֶּעטִין שְׁטַארְק אויף זֵייעֶר פַּרְנָסָה, אַמָאהל פְלֶעגִין דִי פָּארְטוּגִיזִים הַאנְדְלֶען אִין חִינָא אִין פִיל אֶרְטֶער אוּנ הַיינְט הַאנְדְלֶען זֵייא נָאר אִין אֵיין שְׁטָאט „מַאקָאוִי", אִין דִי שְׁטָאט וואהנְט דֶער אֶלְצְטֶער פוּן דִי פָּארְטוּגִיזִים אוּנ דֶער אֶלְצְטֶער כּוֹמֶר פוּן דִי קַאטוֹילִין, אִין דִי שְׁטָאט וואהנֶען צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד מֶענְטְשִׁין, אַמָאהל אִיז זִיא גִיוֶוען אַגְרוֹיסֶע הַאנְדִיל שְׁטָאט אוּנ הַיינְט אִיז דֶער הַאנְדִיל קְלֶענֶער.

דִי בֶּעסְטֶע אִינְזְלֶען פוּן חִינָא, אִיז דֶער אִינְזֶעל „טְזַאנְמִינְג", עֶר אִיז לַאנְג אַכְט דַייטְשִׁישֶׁע מַייל אוּנ בְּרֵייט דְרַיי מַייל, אִין דָרוּם זַייט אִיז דֶער אִינְזֶעל זֵייעֶר פְרוּכְטְבַּאר, צְווייא מָאהל אִין יָאהר וַואקְסְט תְּבוּאָה, אִין צָפוֹן זַייט וַואקְסִין אַזֶעלְכֶע שְׁטֶעקְלִיךְ וָואס מֶען בָּאהט פוּן זֵיי שְׁטוּבִּין אוּנ מֶען בְּרֶענְט זֵיי אויף דֶעם פַייעֶר צוּם קָאכִין, דָארְטִין אִיז דָא אַזֶעלְכֶע עֶרְד וָואס מֶען גֶעמְט אַרוֹיס

פון זיי פיל זאלץ אונ מען פירט דיא זאלץ אין אנדערע שטעט צום פארקויפין.

דיא אינזעל „הייניאן" דער אינזעל איז לאנג אונ ברייט, אויף דעם אינזעל זענען דא הויכע בערג אונ הויכע שטיינער דארטין וואהנען אפרייע פאלק וואס האבין ניט אויף זיך דיא מלוכה פון חינא, זיי זענען נידעריגע מענטשין, רויטע, מענער אונ נקבות האבין אויף זיך נאר דיא העמד, אונ זייא שמירען זייער פנים מיט אבלאע פארב, אין דיא אויערין האבין זייא אויער רינגלאך פון גאלד אדער פון זילבער, זייער געווער זענען נאר פיילינבויגנס אונ פיילין, אין דיא נארטען האבין זיי שטעקין מעסערס. אין דרום זייט אינזעל איז דער לופט זייער שלעכט אונ דיא וואסער זענען זייער שלעכטע מען קען זיי ניט טרינקען רויע נאר מען מוז זייא קאכין, פערצעהן שטעט זענען אויף דעם אינזיל, דאס מערסטע שטעט זענען ביי דעם ברעג ים, די גרעסטע שטאט איז „קיאונטשייע", זיי האנדלען מיט צוקער, מיט טאבאק, מיט באוויל, מיט אינדיגא, מיט ארעקא ניס, אונ נאך אזעלכע זאכין.

דער אינזעל „פערמאזא" אפראנד בערג צו טיילין דעם אינזעל אויף צוויי טייל. אויף דעם אינזעל זענען דא פיל בערג וואס שפריצט פון זייא פייער. אין דיא בערג זענען דא גאלד, זילבער, קופער, דער לופט אויף דעם אינזעל איז גאנץ ריין, דיא ערד פון די האלבע אינזעל וואס צו חינא איז זייער פרוכטבאר, עס וואקסט אויף איר פיל מינים תבואה אונ פרוכטין, רייז, צוקער, טאבאק, באוויל, ליען, אנאנאסין, צווישען דיא חיות וואס זענען דארטין איז דא אמין חיה וואס זיא איז ניטא אויף דער גאנצער וועלט נאר אויף די אינזעל, זיא הייסט „פארמיזאנישע טייפלכען" זיא איז אזוי ווי אעגדים, דער קערפער זיין בעדעקט מיט שופען וויא א פיש, דיא מענטשין פון דיא אינזעל עסין דיא פלייש פון

דיא

דיא חַיָה מִיט גרויס אַפֶּעטִיט, דיא אַנדֶערֶע הֶעלפֿט אִינזֶעל אִיז נִיט פּרוכטבַּאר אונ נִיט בֶּעוואהנט וויא דיא עֶרשְׁטֶע הֶעלפֿט, זַייא זֶענֶען נָאך ווילדֶע מֶענטשין, נָאר גוטֶע, זַייא וואהנֶען אִין גֶעצֶעלטין, זַייא הָאבִּין נִיט קַיין בֶּעט קַיין שְׁטוהל קַיין טִ״שׁ, זַיי פַארשְׁפְּרֵייטֶען אַפְּלַאכְטֶע אויף דיא עֶרד אונ אויף דיא פְּלַאכְטֶע שְׁטֶעלִין זַיי דָאס עֶסִין אונ זיצֶען אויף די עֶרד אַרום די פְּלַאכְטֶע אונ עֶסִין, זַיי שְׁלָאפִין אויף בְּלֶעטֶער, זַייעֶר עֶסִינוואַרג זֶענֶען נָאר האלב גֶעקָאכְט, זַייא הָאבִּין לִיב צוא פַאנגֶען אִין דיא וועלדֶער פֵייגיל אונ חַיות, זַייא לויפִין גֶעשְׁווִינט וויא דיא בֶּעסְטֶע פֶערְד גֶעווֶער הָאבִּין זַיי נִיט, נָאר פֵיילִין אונ שְׁפִּיזֶען.

טַארטַארַייא פוּן חִינָא.

דָאס זֶענֶען דיא לֶענדֶער וָואס גִיבֶּען פָּאדַאטְקֶעס צוּם קֵיסֶר פוּן חִינָא, דָאס קְלֵיינֶע פְּרָאווִינְץ „בוּכַארְיָא״, „מַאנְגַאלְיָא״, „טוּנ־גוּזֶען, „קַארֶעא״, די פִיר פְּרָאווִינְצֶען ווערִין גֶערוּפִין מַארטַארְיָא פוּן חִינָא, דיא לַאנְד „זִיפַאנֶען״, „טִיבֶּעט, „נֶעפָּאל״, „זַאקוּס, אונ דיא אִינזְלֶען לִיקְווֶעאַם.

א) דיא קְלֵיינֶע „בוּכַארְיַא״ אָדֶער „דְשַׁאנְגָאטַייא״ וָואס אִין מִזְרַח זַייט, אָדֶער „קָאדָא״, „קִיטַייא״, דיא קְלֵיינֶע לַאנְד פַאר־נֶעמְט מֶער ווי צֶעהן טויזֶענְד קְוַואדְרַאטְנֶע מַייל, אִין צָפוֹן מַעֲרָב דָרום זֶענֶען די בֶּערְג וָואס הֵייסִין „אִימַאהם״, די בֶּעסְטֶע טַייכִין פוּן דֶעם לַאנְד זֶענֶען דֶער טַייךְ „יֶערְקִין״ אונ דֶער טַייךְ „הַאטָאהנִי״, „זָאלִין״ אִין דָרום זַייט אִיז דֶער מִדְבָּר „קָאבִּי״ אָדֶער „שַׁאמָא״, דֶער מִדְבָּר אִיז לַאנְג פִיר הוּנְדֶערְט מַייל, אונ בְּרֵייט הוּנְדֶערְט מַייל, אַרוּם דֶעם מִדְבָּר זֶענֶען בֶּערְג, אונ דֶער מִדְבָּר זֶעהט־אוֹיס

צְווִישֶׁען דִיא בֶּערְג אַזוֹי וִויא אַאִינְזֶעל בַּדֶעקְט מִיט זַאמְד, דִיא קֶעלְט אִיז דָארְט זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּנ אַז מֶען גְרָאבְּט דִי עֶרְד גֶעפִינְט מֶען אַייז אִין דִיא עֶרְד אַגַאנְץ יָאהר, אֲפִילוּ זוּמֶער אוֹיךְ, דִיא טַייכִין גֵייעֶן צְווִישֶׁען דֶעם זַאמְד, אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע שְׁטִיק לַאנְד וָואס אִיז נִיט מִדְבָּר, אִין דִיא אֶרְטֶער וָואס דִי עֶרְד אִיז פֵּייכְטֶע בְּלָאטֶע וַואקְסְט דָארְטִין פִיל פְּרוּכְטִין, אִין דֶעם לַאנְד אִיז דָא פִיל מַאטְרֶעיַאלִין, אַייזִין, קוּפֶּער, בְּלַייא, עֶס זֶענֶען דָא אַבִּיסוּל טַייכִין וָואס דִיא וַואסֶער שְׁטוֹיסִין אַרוֹיס פוּן דִיא עֶרְד גָאלְד שְׁטוֹיבּ, בְּרִילַאנְטִין, דִיאַמַאנְ׳ן, דִי אַיינְוואהנֶער פוּן דֶעם לַאנְד זֶענֶען צְוַויי מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד, זֵייעֶר רֶעלִיגְיָאן אִיז דֶער מַהְמֶד, פִיל מֶענְטְשִׁין פוּן זֵיי פָארִין הַאנְדְלֶען אִין פֶּרְסְיֶע, אִינְדְיֶע, חִינָא, זִיבִּירְיֶען [סִיבִּיר], זֵייעֶר שְׁפְּרַאכֶע אִיז אַגֶעמִישְׁטֶע טִירְקִישׁ אוּנ פֶּרְסְיֶעשׁ, דִיא הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּן דֶעם לַאנְד אִיז דִיא שְׁטָאט יַערְקֶען, אִין דִיא שְׁטָאט אִיז דָא פִיל מֶענְטְשִׁין אוּנ אַגְרוֹיסֶער הַאנְדִיל.

ב) „מַאנְגַאלְיָא״, אַקְלֵיינֶע טֵייל פוּן מַאנְגַאלְיָא גִיהֶער צוּא רוּסְלַאנְד, אִירֶע גְרֶענֶעצִין אִין מִזְרַח זַייט אִיז טוּנְגִיזְיֶען, אִין דָרוֹם זַייט אִיז „חִינָא״, אִין מַעֲרָב זַייט אִיז דִיא קְלֵיינֶע „בּוּכַארְיָא״, אִין צָפוֹן זַייט אִיז „זִיבִּירְיֶען״ (סִיבִּיר), מַאנְגַאלְיָא פַארְנֶעמְט זֶעקְס אוּנ זֶעכְצִיג טוֹיזֶענְד מַייל קְוַואדְרַאטְנֶע, אִין מַאנְגַאלְיָא זֶענֶען דָא דִיא הֶעכְסְטֶע בֶּערְג וָואס זֶענֶען אֵייבִּיג בַּדֶעקְט מִיט שְׁנֵייא. דָארְט זֶענֶען דִיא „אַלְטַייא״ בֶּערְג, דִיא גָאלְד בֶּערְג, דָארְט אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דִי טַייכִין וָואס גֵייעֶן אַרַיין אִין זִיבִּירְיֶען (סִיבִּיר), דֶער טַייךְ „אִירְטִישׁ״, פוּן דֶעם טַייךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער יַם זַייזַאן וָואס עֶר אִיז לַאנְג פֶערְצִיג מַייל אוּנ בְּרֵייט צְוַואנְצִיג מַייל, דֶער טַייךְ „אוֹיבּ״, „יֶענִיזַייא״, „זֶעלַאנְגָא״, „טוּלַא״, דֶער טַייךְ „אַמוּר״ וָואס גֵייט אַרַיין אִין טוּנְגוּזְיֶען, אוּנ דֶער טַייךְ „הַאאַנְגָא״ וָואס גֵייט אַרַיין אִין חִינָא, אִין מַאנְגַאלְיָא אִיז דֶער יַם קַאקַאנָאר,

גיהאט זייא זאלין נאך דעם אָפּיציער גיט טרעפין זיי האבין זיך מיאַש גיוועזען פון חבר אונ געוואָלט פּאהרין ווייטער נאר דערווייל האבין זייא פּלוצלים דערהערט אַשאָס אין גראז פון אַפּיסטאָלעט איין מאהל אונ נאך אַמאל זיי זעגען באלד צוגעלאָפין אוג האבין גיטראָפין דעם טיגער גישאָסין אונ אויף איהם דעם אָפּיציער אין חלשות זייא האבין איהם דערמונטערט אונ ער האט זיי דערציילט וויא אזוי ער האט דערשאָסין דעם טיגער ער האט ארוים גע-שלעפּט פון הינטערין גארטעל דעם פּיסטאָלעט אין דער צייט וועז דער טיגער האט אים געשלעפּט איבערין גראז אונ האט צווייא מאל אוים גישאָסין צום ערשטין מאל האט ער נישט גיטראָפין נאר דיא צווייטע קויל איז גלייך אַריין דעם טיגער אין הארצין אונ האט איהם גיטויט, דיא געיאג אויף טיגרין איז גיפעהרליכער וויא אויף לייבין, דיא אינדישע ראדזיש (פירשטין) האבין זייער ליב זיך צוא פארנעמען דערמיט זייא טרייבין צונויף טויזינדער מענטשען ארוים צוא טרייבין דעם טיגער פון דיא שטרייכין וואו ער בעהאלט זיך מען יאגט איהם פון אלע זייטען צום ארט וואו דיא ראדזיש ווארטין גרייט צוא שיססען מאנכע ראדזיש האבין אזוי ליעב דיא געיאג אויף טיגערין אז זיי פארוועהרען דאס אנדערע צוא טאהן.

אין מאנכע פּראָווינצין טארין דיא איינוואהנער קיין טיגער ניט בעפאללען כדי דיא ראדזיש זאלין האבין מיט וואס זיך צוא בעשעפטיגען דער וויל מעג דער טיגער אנמאכען דיא גרעסטע שאדין, דיא טיגערין בעווייזין זיך אויך אין רוסלאנד אויף אמור אונ אין מיטין אזיען ביי דעם סטאן קאזלאָווסק למשל עס האט זיך אין 1886 בעוויזין אשרעקליכער טיגער אין צייט פון עטליכע טעג האט ער ארוים געהאפּט 25 הינט אונ דריי שטיק פיה פאר מענטשין האט ער זיך ווייניג וואס גישראָקין ער פּלעגט קומען ביי

טָאג און פַאר אַלֶעמֶען אִין דִי אויגִין צוא רַייסִין הִינְט דָאס הָאט גִיוָוארְפִין אַזַא שְׁרֶעק אויף דִיא אַיינוואוהְנֶער אַז בַּייא נַאכְט הָאט קַיינֶער נִיט גִיוַואגְט צוא גֵיין אַטרִיט פון שְׁטוּבּ עֶנְדְלִיךְ הָאבִּין זֶעכְּצֶעהְן קָאזַאקִין אִיהם בּאַרוּם גֶערִינְגְלְט און גֶעטֵייטְט, אַאַנְדֶער טִיגֶער אִיז אַמָאהל דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען בַּייא אַהוּיז און דֶערְזֶעהֶען אַמֶענְטְשִׁין שְׁלָאפִין בַּיי אַאָפֶענֶעם פֶענְסְטֶער עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען נָאר דֶער פֶענְסְטֶער אִיז גֶעוֶועזֶען צוּ שְׁמָאהל און דֶער וָואס אִיז בַּייא דֶעם פֶענְסְטֶער גִישְׁלָאפִין הָאט זִיךְ דֶערוַוייל אויפְגֶעכַאפְּט און אָנְגֶעהויבִּין שְׁרַייֶען און אויף זַיין גֶעשְׁרַיי זֶענֶען מֶענְטְשִׁין צוּנויפְגִילָאפִין און קוים אַוֶועק גֶעטְרִיבֶּען דֶעם רוֹצֵחַ.

וֶועגִין דֶעם אָדְלֶער.

דֶער אָדְלֶער אִיז זֶעהֶער אַ גֶעזוּנְטֶער פויגִיל, עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק פְלִינְק און דְרַייסְטִיג נִיט אוּמְזִיסְט הָאט מֶען אִיהם פַאר-שְׁרִיבֶּען פַאר אַמֶלֶךְ אוּנְטֶערִין הִימֶעל.

עֶר אִיז גֶעשִׁיקְט אִין פְלִיהֶען זֶעהט און הֶערְט זֶעהר גוּט פון וַוייטִין שְׁטוּנְדִין ווַייס פְלִיהט עֶר אַרוּם גַאנְץ הוֹיךְ פון דֶער עֶרְד און קוּקְט אוֹיס זַיין בִּיסִין דְרֶעהֶענְדִיג זִיךְ און כִּמְעַט נִיט בֶּעוֶועגֶענְד מִיט דִיא פְלִיגֶעל נָאר קוים דֶערְזֶעהט עֶר זַיין רוֹיבּ לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גַאנְץ שְׁטִיל און פַאמֶעלַאךְ נֶעהֶנְטֶער צוא דֶער עֶרְד און פְלוּצְלוּנְג וַוארְפְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ אויף זַיין רוֹיבּ וִויא אַפַייל פון בויגִין פון זַיינֶע נֶעגֶעל קָאן זִיךְ קֵיין קְלֵיינֶע חַיָה נִיט רֶעטְטִין עֶר הָאט לִיעבּ יוּנְגֶע צִיגֶען, הָאזִין, יוּנְגֶע גֶענְדְז, שֶׁעפֶעלִיךְ פִיקְסִין, קֶעטְץ, מוֹילְווירְפֶע, מַייז, אַלֶערלַייא פֵייגְלֶען גְרוֹיסֶע און קְלֵיינֶע, הֵיימִישֶׁע און ווִילְדֶע, קֵיין אֵיינְצִיגֶע פון זֵייא פְלִיהט נִיט

אָדֶער לויפְט נִיט אַזוֹי גֶעשְׁווִינְד זִיא זָאל קָאנֶען עֶנְטְרִינֶען וָוערִין
פון אָדְלֶערְס אַפֶּעטִיט.

דָער אָדְלֶער פִיהרְט זַיין גֶעיֶאג מִיט גְרויס עַקְשָׁנוּת אונ
לִיסְטִיגְקַייט גַאנְץ אָפְט רַייסְט עֶר אַרוֹיס בַּיי דֶעם פָאלֶקֶע (סַאקָאל)
אונ בַּיים הַאבִּיכְט (יאסטְרָאב) דֶעם רוֹיב פון מויל , וַוייטֶער עֶסְט
עֶר גֶעפֶּגֶרְטֶע אויך עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אונ גֶעזוּנְט אַז עֶר קָאן
אויפְהֵייבִּין אַקִינְד אִין דֶער לוּפְטִין אונ אַוֶעק פְלִיהֶען מִיט אִיהם,
אָט אַזוֹי אַמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אויף דִיא אַלְפֶּען אִין אַדָארְף
וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אויף יֶענֶע בֶּערְג אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיהֶען אַאָדְלֶער,
הָאט אַכַאפּ גִיטָאהן אַקִינְד פון אַפָּאר יָאהר אונ אִיז מִיט אִיהם
אַוֶועק גֶעפְלוֹיגִין , דָאס קִינְד הָאט זֶעהר גֶעשְׁרִיעֶן אונ דֶער פָאטֶער
הָאט דֶערהֶערְט פון וַוייטֶען דָאס גֶעשְׁרֵיי עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט
אונ דֶערזֶעהֶען וִויא דֶער אָדְלֶער פְלִיהֶעט אִין דֶער לוּפְטִין מִיט זַיין
קִינְד דֶער אָדְלֶער אִיז גֶעפְלוֹיגִין לַאנְגְזַאם וִויא עֶס הָאט אויסְגֶע־
וִויזֶען אִיז דָאס קִינְד דָאךְ גֶעוֶועזֶען פַאר אִים אַצוּא שְׁוֶוערֶע מַשָּׂא
דֶער פָאטֶער הָאט גֶעחַאפְּט אַשְׁטֶעקִין אונ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען יָאגִין
נָאךְ דֶעם אָדְלֶער עֶר אִיז גֶעלָאפִין וִויא אַמשוּגֶעְנֶער גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען
אִיבֶּער שְׁטֵיינֶער אונ הָאט גֶעוָואלְט דֶעם מֶערְדֶער דֶערְיָאגִין עֶנְדְלִיךְ
הָאט עֶר דֶערזֶעהֶען וִויא דֶער אָדְלֶער הָאט זִיךְ אָפּ גִישְׁטֶעלְט
אונ גֶענוּמֶען פִּיקֶען זַיין קִינְד מִיט דִיא לֶעצְטֶע כּחוֹת אִיז דֶער
אוּנגְלִיקְלִיכֶער פָאטֶער צוּגֶעלָאפִין צוּם שְׁטֵיין וִויא דֶער אָדְלֶער
הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אונ הָאט אִיהם גֶענוּמֶען טְרַייבִּין מִיט דֶעם
שְׁטֶעקִין אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּג אָנְגִימוּטְשֶׁעט, גֶענוּג קְרֶעפְּטִין
אַוֶעק גֶעלֵייגְט אֵייְדֶער עֶס אִיז אִיהם גֶעלוּנְגֶען דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען
פוֹיגִיל אַוֶועק צוּ טְרַייבִּין , דֶער פָאטֶער אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלֶען אויף
זַיין קִינְד אונ אִיז פון שְׁרֶעק שִׁיעֶר נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען וַוייל עֶר הָאט
בָּאמֶערְקְט דָאס דֶער אָדְלֶער הָאט שׁוֹין בַּיי דֶעם קִינְד דִי אויגִין

 אויסְגֶעפִּיקְט

אויסגעפּיקט, דָס קינד איז אין קארצין געשטארבען אונ דער אומגליק־ליכער פאטער האט אלאנגע צייט נאך דעם געלויערט דעם אָדלער צוא שיסען. ענדליך האט ער אים געפּאקט אלעבעדיגען מען האט איהם גיטוידט אונ געמאכט פון איהם אטשוטשעלא (איין אָנגע־שטאפּטעס טהיר) וואס געפינט זיך ביז היינט אין דער שווייץ אין דער שטאט ווינטער טהיר.

ווענען דעם לעממער־פּרעסער.

אויף די אַלפּען בערג לעבט נאך אַגרויסער רויב פויגיל דער לעמער־פרעסער ער איז הויך כמעט אהאלב ארשין אונ איז נאך שטארקער פון אָדלער, דיא לעמער פרעסער געפינען זיך אין אנדערע לענדער אויך, נאר אין ערגעץ זענען זיי נישט אזוי שעדליך ווי אויף די אלפּען בערג, דער לאממער־פרעססער איז אשרעקליכער פרעסער, זיין האלז איז אזוי ברייט אז ער קאן שלינגען גאנצער־הייט די גרעסטע ביינער, ביי איין לאמער־פרעסער צום ביישפּיל האט מען געפונען אין מאגען פינף אָקסין ריפּען וואס זענען געוועזען צוויי צאל גראב אונ פון זעקס ביז ניין צאל לאנג דערצו נאך אבונד האר אונ אגאנצע פוס פון איונגען באק.

ביי איין אנדערין לעממער־פרעסער האט מען געפונען אין מאגין אגאנצין ווידיל פון אפוקס דער לאממער־פרעסער איז גלייך ווי דער אָדלער, ער הייבט זיך פריהער אויף גאנץ הויך אין די לופט אונ פון דארטין קוקט ער אויס פאר זיך איין רויב ער עסט סיי גרויסע סיי קליינע חיה׳לעך אום צו חאפּין גרויסע חיות ברויכט דער לעממער־פרעסער אבעזונדערען מיטטעל.

ווי ער בעמערקט ערגעץ אויף אהויכען בארג אציעג אָדער

אשעפס הייבט ער זייא אן צוא שרעקין ער פליהט זייא ארום אונ ארום פאטשט מיט דיא פליגעל אונ טרייבט זייא אזוי ביסלאכווייז צוא צום ברעג פון בארג קוים קומט דער ציעג צום בארג ווארפט ער זיך אויף איהר ארויף מיט אשרעקליכע געפילדער, דיא ציעג פאלט אראפ אונ ווערט ניהרגט דאן לאזט זיך צו איר אראפ דער לאממער—פרעסער אונ פרעסט איהר אויף.

איין לאממער—פרעסער האט געוואלט מאכין דעם זעלבין קונץ מיט איין ווילדען אקס ער איז עטליכע מאל ארויפגעפלויגען אויפ'ן אקס אבער דער אקס איז נישט געוועזען פון די שרעקעדיקע ער האט אראפגעלאזין דעם קאפ זיך איינגעשפארט מיט די פיס אונ איז זיך אזוי לאנג רוהיג געשטאנען אויף איין ארט ביז דער לעממער פרעסער האט געזעהען אז ער וועט דא גאר נישט מאכין אונ איז אוועק גיפלויגין.

איין מאהל האט אלעמער פרעסער געוואלט חאפין אפוקס ער האט איהם אנגענומען אונ זיך אויפגיהויבין מיט איהם אין דער לופט אבער דער פוקס האט איהם איינגעביסען דעם האלדז אונ דער לעמער פרעסער איז אראפ געפאלען אויף דער ערד אטויטער.

דיא לאממער—פרעסער פאללען אמאל אן אויף איין מענטשין עס מאכט זיך גאנץ אפט אז דיא לאממער פרעסער בעפאלט אויף יעגער אונ שטעלט זיך אינטער זייא אראפ צו ווארפין פון בארג אויף די אלפען האבין זיך אזעלכע זאכין גיטראפין וויפיל מאל.

אאינגעל אפאסטוך איז געזעסין אויפ'ן ברעג בארג אונ אכטונג געגעבען אויף די ציגען וואס האבין זיך דערביי געפיטערט פלוצלונג האט זיך בעוויזען אלאממער—פרעסער וואס האט אנ־געהויבין צוא מאכין זיינע קונצין פליהען ארום דעם פאסטוך אונ פאטשין מיט דיא פליגעל דיא איבעריגע פאסטוכער האבין עס פון ווייטין באמערקט אונ זענען צוגעלאפין רעטטען זייער חבר

זייא זענען אָבער צו שְׁפֶּעט געקומען דער לאממער פרעסער האט איהם שוין אוֹסְפֵּייעט אַרָאב צושטויסען אים פון הויכען בארג אונ דער יונגער פּאסטוך איז שוין אונטען געלעגען טויט.

אין אַדָארְף אין דער שְׁווייטץ האט זיך פּאסירט אַזַא מין געשיכטע אַ פויער מיט זיין ווייב זענען געגאנגען שניידין זייערע היא וואס האט גיוואקסין אויפ'ן בארג אונ האבין מיט גענומען מיט זיך אַקליין קינד פון אַיאהר דריי דאס קינד האבין זייא איבערגילעזט אן אַזייט אויפ'ן גראז אונ ער איז באלד אַנטשלאָפין געוואָרין זייא האבין איהם צוגעדעקט דעם פנים מיט אַשטרויענע הוט אונ אַוועקגעגאנגען אַרבעטין אין אַקורצע צייט אַרום האט זיך דער פאטער אומגיקערט צוא זעהען וואס דאס קינד טהוט ער זעהט אָבער דאס קינד איז ניטא ער האט אָנגיהויבין זוכיז אין אַלע זייטין נאר אומזיסט זיין קינד איז ניט דא ער איז געלאפין צוא זיין ווייב דערצאהלט איר דיא מעשה אונ האבין ביידע אָנ-גיהויבין זוכין דאס קינד אָבער זיי ביידע האבין אויך ניט געפונען דיא אומגליקליכע עלטערין האבין זיך שוין גאר מיאש געווען פון קינד זיי האבין זיך געזעצט אויף דער ערד אונ ביטער געוויינט אין דער זעלבער צייט ביי אַהאלבע ווערסט פון יענעם אָרט איז גיגאנגען אויפ'ן בארג דורך אַוויסטע שמאלע סטעטשקעלע זייער ארבייטער מיכאל דער אָרט איז געווען זייער אַוויסטער קיין מוטהער מענטש פלעגט דארט קיין מאל נישט זיין פלוצלונג האט ער דערהערט אַגעשריי אונ אַגעוויין פון אַקינד מיכאל איז צוגע-לאפין צום אָרט פון וואנען עס איז געגאנגען דאס געשריי אונ האט באלד דערזעהען ניט ווייט פליהענדיג אונ זיך דרעהענדיג אין דער לופט אַלעממער-פרעסער ער איז שנעל צוגעגאנגען צום בערגעל פון וואנען דער לאממער-פרעסער האט זיך אויפגעהויבין אונ דא האט ער מיט גרוים וואונדער בעמערקט זיין בעל הבית קינד וואס איז געלעגען אויפ'ן סאממע ברעג פון בארג עס האט

נָאר גֶעפֶּעהלְט דָאס קִינְד זָאל טָאהן אֵיין רִידֶער אוּנ עֶס וָואלְט כְּהֶרְף עִין אַרָאפּגֶעפַּאלֶען אונ עֶס וָואלְט פוּן זַיינֶע בֵּיינֶדֶערלָאךְ אַזֶבֶר נִיט גֶעבְּלִיבֶּען צוּם גְלִיק אִיז דָאס קִינְד גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבֶּען אונ גֶעזוּנְד דֶער פוֹיגֶעל הָאט אִיהם נָאר גֶעקָאלֶעטְשֶׁעט דִי לִינְקֶע הַאנְד פַּאר וֶועלְכֶע עֶר הָאט אִיהם גֶעחַאפְּט מִיט זַיינֶע גֶעגֶעל דִי זוער צוּפַאל הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף דִי אַיינוואוֹהנֶער פוּן דֶעם דָארְף אַזַא אַיינְדְרוּק אַז דֶער פַּאסְטֶער הָאט אִיהם פַארשְׁרִיבֶּען אִין דִי קִירְכֶען בִּיכֶער.

דִי לֶעמֶער–פְּרֶעסֶער וִוי נָאךְ פִיעל אַנְדֶערֶע רוֹיבּ פֵּיינֶעל בְּרֶענְגֶען נִיט נָאר שָׁאדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט אָבֶּער מֶען הָאט פוּן זֵייא אַנוּטְץ אוֹיךְ זֵייא פְרֶעסֶען אוֹיף דִיא גֶעפַאלֶענֶע טְהִיֶרע וָואס לִיגֶען בְּלֵייבֶּענְדִיג וָואלְטִין זֵיי גֶעפוּילְט אונ פֶערְפֶּעסְט דֶעם לוּפְט,

וֶועגִין ווידְרֶעס אונ וַוייסֶע בֶּערִין

עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע חיות פוּן וֶועלְכֶע עֶס לֵיידֶען זֶעהר דִי פִישׁ, אִין סִיבִּיר אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין רוּססְלַאנְד לֶעבְּט אַקְלֵיינֶע חַיָה, דִיא וַואססֶער ווידְרֶע זִיא הַאלְט אִין דֶערלֶענְג עֶפֶּעס מֶעהר פוּן אַיין אַרְשִׁין לֶעבְּט לֶעבֶּען וַואססֶער אונ הָאט דִיא פַּרְנָסָה אוֹיךְ פוּן וַואססֶער זִיא שְׁווִימְט אונ טוּקֶעט זִיךְ אוּנְטֶער אִין וַואססֶער אַזוֹי פְלִינְק אַז זִיא קָאן דֶערְיָאגִין אונ חַאפִּין פִישׁ, נִיכְט לַייכְט קוּמְט אָן דִיא פִישׁ אוֹיס צוּא דְרֶעהֶען זִיךְ פוּן זֵייעֶר פֵּיינְד זֵייעֶר גַאנְץ גְלִיק אִיז וָואס דִיא ווידְרֶע אַטְהֶעמְט נִיט אִין וַואסֶער אונ קָאן דֶערִיבֶּער לַאנְג נִיט אוֹיסהַאלְטֶען אָהן לוּפְט זִיא מוּז אַלֶע מָאהל אַרוֹיף שְׁווִימֶען אונ אָבְּחַאפִּין דֶעם אָטְהֶעם דִיא ווידְרֶע שְׁווִימְט

ווינְטֶער אויךְ אונְטֶער דֶעם וַואסֶער זִיא זוּכְט זִיךְ שׁוֹין אָפּ אַשְׁפָּאלְט אִין אַייז פוּן פֶערְפְרָארֶענֶעם טַייךְ אוּנ לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ אוּנ זוּכְט אִיהם אָן צוּא בַּייסִין גָאר אָן שְׁרֶעק פַּאר'ן קאלְטִין וַואסֶער דִיא ווידְרֶע יָאגְט גִיוֶועגְדְלִיךְ צוּא דֶעם פִּישׁ וָואס זִיא וְויל פַּאנְגֶען גֶאהְנְטֶער צוּם בְּרֶעג וואוּ עֶס אִיז אִיהר לַייכְטֶער אַללֶע מָאהל אוֹיפצוּשְׁפְּרִינְגֶען אוּנ צוּא חַאפִּין אָטְהֶעם צוּא דֶער רֶעכְטֶער צַייט לָאסְט זִיךְ דִיא ווידְרֶע אַרָאפּ אוּנ חַאפְּט אִיהם אָן בַּיים בּוֹיךְ.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַז נָאךְ אַגְרֶעססֶערִין פִּישׁ וְויא נָאךְ אַלַאקְס יָאגִין זִיךְ צְוַוייא ווידְרֶעס מִיט אַמָאהל אֵיינֶער שְׁווִימְט אוּנְטֶער'ן לַאקְס אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע פוּן אוֹיבִּין זַייא יָאגִין אִיהם אַזוֹי לַאנְג בִּיז דֶער פִּישׁ וֶוערְט מִיד אוּנ בְּלַייבְּט אָן קְרֶעפְּטִין.

בַּיי טַייכִין וָואס זֶענֶען רַייךְ אִין פִּישׁ וֶוערְט דִיא ווידְרֶע אַגַאנְצֶע מְיוּחֶסֶת אוּנ נֶעמְט נָאר גוּטֶע בִּיססִין אִין מוֹיל אַרַיין אִיבֶּער'ן טָאג חַאפְּט זִיא אָן זֵייעֶר פִיל פִּישׁ נָאר פוּן יֶעדֶען גְרִיזֶעט זִיא אָפּ צוּא קְלֵיינֶע פִּיצְלֶעךְ וָואס שְׁמֶעקִין אִיר, אִין עֶנְגְלַאנְד אוּנ אִין רוּסְלַאנְד אִיז דָא אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע טַייכִין ווי בּוֹיֶערִין טָארִין נִיט הַאפִּין קַיין פִּישׁ וַוייל דִיא טַייכִין גִיהֶערִין צוּא דִי פְּרִיצִים נָאר דִי פְּרִיצִים קָאנֶען דָאס נִיט פַּארוֶוערִין דִיא ווידְרֶע אוּנ דִיא בּוֹיֶערִין זֶענֶען דָארְט פוּן דִיא ווידְרֶעס צוּא פְּרִידֶען יֶעדֶער טָאג גַאנְץ פְּרִיה וְויא עֶס הֵייבְּט נָאר אָן טָאגִין גֶעהֶען דִי בּוֹיֶערִין אַרוֹיס צוּם טַייךְ צוּנוֹיפקְלוֹיבִּין דִיא אָבְּגֶעגְרִיזְשְׁיטֶע פִּישׁ אִיהר זֶעהט אַז בַּייא גֶע-ווִיססֶע בֶּעדִינְגוּנְג קָאן אַוִוידְרֶע אוֹיךְ נוּצְלִיךְ זַיין נָאר שָׁאדִין הָאט מֶען פוּן זַיי מֶעהֶער זַיי טוֹיטֶען מַאססֶען פִּישׁ זַיי חַאפִּין פֵּייגֶעלֶעךְ צוּא וַוארְפִין אוּנ מַאכִין אַתֶל פוּן זַייֶערֶע נֶעסְטִין אוּנ טְרִינְקֶען אוֹיס דִיא פְּרִישׁ-גֶעלֵייגְטֶע אֵייעֶר אִין אֵיין אָרְט הָאט אַווִידְרֶע אוֹיפְגֶע-גֶעסִין טָאג-טֶעגְלִיךְ עֶטְלִיכֶע עֶנְטֶען אַמָאהל זֶעקְס—זִיבֶּען אַטָאג זִיא פְּלֶעגְט דָאס מַאכִין אַזוֹי קוּנְצִיג אַז אַלַאנְגֶע צַייט הָאט מֶען גָאר נִיט גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַטְהִיר פְרֶעסְט זַיי אָפּ דִיא קֶעפְּלִיךְ.

דער

דֶער וַוייסֶער בֶּער אִיז אוֹיךְ אַמָאסטֶער פִישׁ צוּא חַאפְּן דִי
וַוייסֶע בֶּערִין לֶעבִּין אִין דִיא ־קאַלְטֶע לֶענְדֶער מֶען בֶּעגֶעגֶענְט זַיי
אָפְּט גֶעבֶּען דֶעם אַייז מֶעער יַם הַקֶרַח) מֶען בֶּעגֶעגֶענְט זַיי גֶעבִּין
בְּרֶעג אוֹיף שְׁטִיקֶער אַייז אוֹיף וֶועלְכֶע זַייא לָאזִין זִיךְ שְׁווִימֶען
אִיבֶּער'ן יַם פַאר וַואסֶער הָאט דֶער וַוייסֶער בֶּער ־קיין מוֹרָא נִיט
דִיא וָואס פָאהרִין אוֹיפ'ן יַם דֶערצֶאהלִין אַז זַייא הָאבִּין גִיזֶעהן
וַוייסֶע בֶּערִין שְׁווִימֶען אוֹיפ'ן אַייז עֶטְלִיכֶע הוּנדֶערְט וֶוערְסְט פוּן
בְּרֶעג דִיא בֶּערִין הָאבִּין ־קיין מוֹרָא נִיט פַאר'ן אַריין פַאלִין אִין
וַואסֶער וַוייל זַייא שְׁווִימֶען נִיט עֶרְגֶער פוּן דִיא ווִידְרֶע זַיי שְׁווִימֶען
זַייעֶר גֶעשְׁווִינְד אַיין עֶנְגְלֶענְדֶער הָאט גֶעזֶעהֶען אַווייסִין בֶּער
אוֹיפ'ן יַם וָואס אִיז אַיינגֶעשְׁווִימֶען פִינֶף וֶוערְסְט אִין אַשְׁטוּנְדֶע
פַארִין קַאלְטֶען וַואסֶער הָאט עֶר אוֹיךְ ־קיין מוֹרָא נִיט וַוייל עֶר
הָאט אוּנְטֶער דֶער פֶעל זֶעהֶער אַסַאךְ שְׁמַאלְץ וָואס לָאזְט נִיט צוּ
צוּא אִיהם דִיא קֶעלְט אוּנ עֶר ווֶערְט ־קיין מָאהל נִיט פֶערְפְרָארִין
דֶער וַוייסֶער בֶּער ־קאן זִיךְ זֶעהֶער לַאנְג הַאלְטִין אוּנטֶערן וַואסֶער
עֶר שְׁווִימְט אַפָאר הוּנדֶערְט וֶוארְסְט אוּנ מֶען זֶעהט נָאר דֶעם קָאפּ
אַרוֹיס פוּן וַואסֶער עֶר שְׁווִימְט נִיט נָאר אוֹיפ'ן וַואסֶער נָאר
אוּנטֶער'ן וַואסֶער אוֹיךְ עֶר שְׁפְּרִינְגְט זֶעהר קוּנְצִיג אוּנ חַאפְּט
אוּנטֶער'ן וַואסֶער פִישׁ, דִיא וָואס פָאהרִין אוֹיפ'ן יַם דֶערצֶאהלִין אַז
זַייא הָאבִּין גִיזֶעהן ווִי דִיא בֶּערִין הָאבִּין אַרוֹיסגִישְׁלֶעפְּט גְרוֹיסֶע
לַאקְסִין פוּן טַייךְ דִיא וַוייסֶע בֶּערִין יָאגִין זִיךְ קוּנְצִיג נָאךְ דִיא יַם-
הִינְט אוֹיךְ דִיא יַם-הִינְט לֶעבֶּען מֶעהֶער אִין וַואסֶער אוּנ גֵייעֶן
אַרוֹיס אוֹיפ'ן בְּרֶעג נִיט אוֹיף לַאנְג ווִינְטֶער גֵייעֶן זַיי אַרוֹיס דוּרְךְ
אַלָאךְ אִין אַייז אוּנ לִיגִין אוֹיפ'ן אַייז קוֹים בֶּעמֶערְקִין זַיי גִיפַאהר
שְׁפְּרִינְגֶען זַייא צוּרִיק אִין וַואסֶער אַריין נָאר דֶער וַוייסֶער בֶּער אַז
עֶר דֶערזֶעהט זַייא אוֹיפ'ן אַייז זוּכְט עֶר זִיךְ אוֹים אַלָאךְ אִין אַייז
לָאזְט זִיךְ אִין וַואסֶער אַריין אוּנ שְׁווִימְט אוּנְטֶער'ן אַייז צוּ דֶעם
שְׁפַּאלְט פוּן וַואנֶען דִיא יַם-הִינְט זֶענֶען אַרוֹיס עֶר שְׁפְּרִינְגְט דָארְט

ארוים

אַרוים אויפ'ן אייז און בֶּעהַאלְט דֶעם יַם-הוּנְט וָואס הָאט שׁוין נִיט וואוּ אַהִין צוּ עֶנְטְלוֹיפִין .

אִין נָארְד (צָפוֹן) רוּסְלַאנְד אִין דִיא גוּבֶּערְנֶע אַרְחַאנְגֶעלְסְק, אִין דִיא ווִיסְטֶע פֵייכְטֶע אוּנ בְּלָאטִיגֶע סְטֶעפֶּעס זֶענֶען דָא קְלֵיינֶע חַיוֹת, מֶען רוּפְט זַייא לֶעמִינְגֶען (פְּיַאסְטְרוּשְׁקֶע). דִיא לֶעמִינְגֶען הָאבִּין אוֹיף זִיךְ אַשֵׁיינֶע קָאלֶערְטֶע פֶעלְבִיל. זַייעֶר נַאטוּר אִיז אַרוּהִיגֶע. זַייא הָאבִּין לִיבּ צוּא הָאפִּין אַגוּטֶען בִּיסֶען. אַנַאשׁ צוּ טָאהן. דִי לֶעמִינְגֶען גֶעבֶּארִין קִינְדֶער עֶטְלִיכֶע מָאהל אִין יָאהר אוּנ זַייא גֶעבֶּארִין עֶטְלִיכֶע פוּפְצִיג קִינְדֶער מִיט אֵיין מָאהל. דְרִיבֶּער אוֹיף דִיא אֶרְטֶער וואוּ דִי לֶעממִינְגֶען גֶעפִינֶען זִיךְ זֶענֶען זַייא דָארְטִין זַייעֶר פִיל, אִין דִיא אַרְחַאנְגֶעלְסְקֶע גוּבֶּערְנֶע זֶענֶען דִיא לֶעממִינְגֶען זַייעֶר פִיל. וֶוען עֶס אִיז אַווַארֶעמֶער פְרִיהלִינְג אוּנ אַשֵׁיינֶער זוּממֶער אִין דִיא גוּבֶּערְנֶע. זֶענֶען זַייא זַייעֶר פִיל אָן אַצָאל. זַייא הָאבִּין גֶענוּג צוּא עֶסִין, אִין דִי צַייט פוּן זוּמֶער וֶוערִין זַייא גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק. נָאר דֶער ווִינְטֶער אִיז פַאר זַיי שְׁלֶעכְט. זַיי הָאבִּין קַיין גְרָאז. קַיין יוּנְגֶע בּוֹימְלִיךְ. קַיין קֶערְנֶער זַייא לַיידִין הוּנְגֶער. זַייא לוֹיפִין אִיבֶּער דִי סְטֶעפֶּעס ווִי מְשׁוּגֶעְנֶע אוּנ זוּכִין טָאמֶער וֶועלִין זַייא עֶפֶּעס גֶעפִינֶען צוּם עֶסִין. אַז זַייא זֶעהן עֶס אִיז קַיין הָאפֶענוּנְג דָא צוּא גֶעפִינֶען עֶפֶּעס צוּא עֶסִין. פַארזַאמְלֶען זַייא זִיךְ גְרוֹיסֶע קָאמְפַּאנֶעס אוּנ גֵייעֶן צוּזַאמֶען הוּנ־דֶערְטֶער אוּנ טוֹיזֶענְדֶער. זַייא קֶענֶען שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, עֶס וֶוערִין אֲפִילוּ פִיל פוּן זַיי דֶערטְרוּנְקֶען. נָאר דֶער הוּנְגֶער גֵייטִינְט זַייא צוּם שְׁווִימֶען אִיבֶּער אַוַואסֶער ווייל זַייא טְרַאכְטִין טָאמֶער וֶועלִין זַיי גֶעפִינֶען עֶפֶּעס צוּ עֶסִין אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט וַואסֶער. נָאר אוֹיבּ זַייא דַארְפִין גֵיין אִין דִיא גְרוֹיסֶע וֶועלְדֶער. זֶענֶען זַייא אוּמגְלִיקְלִיךְ. ווייל דִיא גְרוֹיסֶע חַיוֹת וֶואלְף, פוּקְסִין, הִינְד, מָארְדֶער. אָדְלֶערְס, ווייסֶע סָאווֶעס, שְׁווַארְצֶע קְרָאהֶען, פְרֶעסִין

אין איין מָאהל הוּנְדֶערְטֶע פוּן זֵיי, אוֹיף דִיא זֶעלְבִּיגֶע אָרְטֶער וואוּ דִיא לֶעממִינְגֶען וואהְנֶען, זֶענֶען דָארְט דָא זֵייעֶר פִיל ווילְדֶע הִירְשֶׁען, נָאר בַּיי זֵייא אִיז פַארֶקֶערְט, זוּמֶער קֶענֶען זֵייא נִיט זַיין אִין דִיא זוּמְפִּיגֶע אָרְטֶער ווייל דָארְטִין זֶענֶען דָא מִילְיָאנֶען פְלִיגֶען וָואס זֵייא בַּייסִין דִיא הִירְשֶׁען, דְרִיבֶּער מוּזִין דִי הִירְשֶׁען אַוֶועק גֵיין פוּן דָארְטִין צוּא דִיא בֶּערְג וואוּ עֶס זֶענֶען ווייניגֶער פְלִיגֶען, זֵיי נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען גְרוֹיסֶע סְטַאדֶעס, אוּנ גֵייעֶן אַיין סְטַאדֶע נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע אַמָאהל צִיהֶען זִיךְ זֵייעֶרֶע סְטַאדֶעס הוּנְדֶערְטֶער וְוָארְסְטִין, אוּנ גֵייעֶן אַזוֹי לַאנְג בִּיז זֵייא קוּמֶען צוּא אַזוֹי אַאָרְט וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא פְלִיגֶען אוּנ עֶס אִיז נִיט קַאלְט, אָבֶּער אַזוֹי ווִי דִי הִירְשֶׁען גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי זוּמְפִּיגֶע אָרְטֶער אַזוֹי גֵייעֶן דִיא וָועלְף אוּנ דִיא בֶּערִין אוֹיךְ אַוֶועק, אוּנ גֵייעֶן אִינְטֶער דִיא הִירְשֶׁען, אוּנ פַאנְגֶען פוּן זֵיי בִּיסְלַאכְוַוייז, אַלֶע מָאהל חַאפִּין זֵיי צְווֵיי אָדֶער דְרַיי הִירְשֶׁען.

דִיא גְרוֹיסֶע פִישׁ פוּן יַם, דִי וַואלְל־פִישֶׁען, גֵייעֶן אוֹיךְ אַלֶע יָאהר פוּן אַיין אָרְט צוּם אַנְדֶערִין. אוּנ שְׁווִימֶען זֵייעֶר גֶעשְׁווִינְט, אִין אַקוּרְצֶע צַייט קֶענֶען זֵייא אָפְּשְׁווִימֶען טוֹיזֶענְדֶער וְוָארְסְטִין, אַפִּישֶׁער הָאט אַמָאהל גֶעפַאנְגֶען פִישׁ גֶעבִּין זַייז מֶערר, עֶר הָאט גֶעשְׁטָאכִין מִיט אַשְׁפִּיז אִין אַ רוֹיסִין וַואלְפִישׁ, אוּנ דֶער וַואלְפִישׁ אִיז אַנְטְלָאפִין, אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער פִישֶׁער גִיוֶוען אִין דִיא וַוארֶעמֶע לֶענְדֶער אוּנ הָאט גֶעהַאפְּט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען גֶעשְׁטָאכֶענֶעם פִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְקֶענְט, פוּן אַיין אָרְט בִּיז צוּם צְווייטִין אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע טוֹיזֶענְד וְוָארְסְט, דִי וַואלְפִישֶׁען שְׁווִימֶען זֵייעֶר רֶעגֶעלַארְנֶע, אַייבִּיג אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע צַייטִין אוּנ אוֹיף דִיא זֶעלְבִּיגֶע אָרְטֶער, דְרִיבֶּער דִיא פִישֶׁער וָואס פַאנְגֶען זֵיי ווייסִין שׁוֹין פְרִיעֶר ווְוּא זֵייא צוּא זוּכֶען, אַמָאהל אִיז זוּמֶער גְרִינְגֶער זֵייא צוּא פַאנְגֶען, אַמָאהל אִיז ווינְטֶער גְרִינְגֶער זֵיי צוּא פַאנְגֶען, דִיא פִישֶׁער פוּן לַאנְד נָארְוֶועגִין ווייסִין אַז זַיין

זייער לאנד שווימען דורך דיא וואלפישען אין חדש יאנואר (אנהייב שבט), אין אנדערע ערטער שווימען זייא אין נאוועמבער (חנוכה צייט), אין צפון זייט ענגלאנד פלעגט זיך בעווייזען א וואלפיש געבין אקליינעם דארף, וואס דארטין האבין געוואהנט פישער, צוואנציג יאהר, יעדער יאהר אין דיא זעלביגע צייט, אלע יאהר ווען דיא צייט איז געקומען דער וואלפיש זאל גיין געבין דעם דארף פלעגין זיך פארזאמלען פיל פישער זייא זאלין אים חאפין, אונ האבין ניט געקענט אים חאפין, ביז אויף דעם צוואנציגסטין יאהר האבין זיי אים געחאפט, ווען די וואלפישען שווימען אמאהל שווימען זייא איינציגווייז, אונ אמאהל שווימען קאמפאניעסווייז, פיל צוזאמען מיט איין מאהל, דאמאלס שווימען דיא זכרים פריער אונ דיא נקבות מיט דיא קליינע וואלפישלאך שווימען אינטער זייא, וואס זייא שווימען פון איין ארט צום אנדערין הונדערטער ווארסטין, דאס איז נאר ווען עס פעלט זיי צוא עסין אויף זייער ארט, אבער ווען זייא האבין צוא עסין זענען זיי אויף איין ארט.

דיא רייזע פון דיא פייגיל.

ווייניג פייגיל זענען דא וואס יואהנען שטענדיג אויף איין ארט, דאס מערסטע פייגיל פליהען איבער דיא גאנצע וועלט, איבער הויפט טאשין זיי זייערע ערטער פון זומער צום ווינטער אונ פון ווינטער צום זומער, דיא שוואלבין וואהנען זומער אין אונזערע לענדער אונ ווען עס קומט אין חדש תשרי אדער חשון ווען זייא הייבין אן שפירען דיא קעלט פליהען זייא אוועק אין מצרים, ווייל דארטין איז ווינטער וואַרעם, אונ ווען עס קומט

אנהייב זומער וואס דארטין ווערט די היץ זייער גרויס קומען זיי צוריק אין איירָאפא, ווייל זיי קענען ניט פארנעמען דיא גרויסע היטץ און ניט דיא גרויסע קעלט, דער וואנדער איז וויא אזוי זייא ווייסין דיא וועג, און זייא פליהען גאנץ געשווינט, מיר וואלטין דארפין פארין ביז מצרים עטליכע וואכין, און זיי קומען אין מצרים אין פיר טעג. וויא גרויס איז דער וואנדער אז זייא ווייסין ווא צו טאהשין דיא ערטער, ווא עס איז היים, און ווא עס איז קאלט, און ווען עס איז היים אויף דעם ארט, און ווען עס איז קאלט אויף דעם אנדערין ארט, און ניט נאר די שוואלבין טאהשין זייערע ערטער זומער און ווינטער נאר נאך פיל מינים פייגיל טאהשין זייערע ערטער זומער און ווינטער, די זשאווארא־נאקעס, דיא שווארצע הויז־שוואלבין, שטערעט פייגיל, זייד פייגיל, דיא צאפלעס פליהען נאך ווייטער, דיא קוקושקעס, דיא נאכטיגאלען [סאלאוויען], דיא וואכטלען, דיא שטארכען, פליהען נאך ווייטער וויא מצרים, דיא אלע פייגיל דערקענען זייערע וועגין ווא זייא פליהען אלע יאהר, אמאהל פליהען זייא ביסלאכוויז, אמאהל נעמען זיך פיל צוזאמען און פליהען אגרויסע קאמפאניע מיט איין מאהל, דיא ווילדע גענז פליהען איינציג ווייז אגאנצע שורה איינע הינטער דיא אנדערע, דיא פעלד קראהען פליהען זייער הויך, און אזוי לערנען די אלטע פייגעליך דיא יונגע און ווייזין זייא דעם וועג, זייא געדיינקען דעם וועג פון איין יאהר צום אנדערין וויא די קליגסטע מענטשין וואלטין זיך געמאכט צייכונס אויף דעם וועג, זייא געדיינקען אפילו זייערע אלטע נעסטין אויף דעם וועג, און יעדער פייגעלע זוכט אויס איר אלטע נעסט ווא זיא האט פאר איאהרין געוואהנט.

דער ווינטער בײַ דיא קליינע חיות.

עס זענען דא קליינע מינים חיות וואס שלאפֿן דעם גאנצין ווינטער, אז עס ווערט ענדע חדש תשרי זייא שפירען נאר דיא קעלט, גראבין זייא אוים גאנץ טיפֿע גריבער אין דיא ערד, אמאהל ביז פופֿציג ארשין דיא טיעף, דעם אריינגאנג אין דיא גרוב מאכין זיי גאנץ שמאל, אין דעם גרוב מאכין זיי אנעלעגער אונ שפרייטין איננווייניג מיט הייא, וואס זייא האבין אנגעגרייט זומער, זייא נעמען קיין הייא וואס מענטשין האבין זייא אפגעשניטען, נאר זיי אליין גריזען אפּ דיא גראז פֿון דיא ערד, אונ לאזין זיי ליגען אויף די זונן צום טריקענען, אז די גראז ווערט טרוקין, נעמט יעדערע חיה אביסול גראז אונ טראגט זייא אין איר גרוב אונ שפרייטין אוים וויא אנעלעגער צוא מאכין, אונ ווען עס קומט דער ווינטער אונ יעדערע חיה גייט אריין אין איר גרוב, בדעקט זיא דיא גרוב פֿון הויבין מיט אביסול גראז מען זאל ניט דערקענען אז דא איז אגרוב אונ זיא לייגט זיך אויף דיא גראז אונ קנייטשט זיך איין וויא אקנויל, אונ ליגט ווי אטויטער, רירט ניט אפילו מיט איין גליד, אונ אזוי שלאפֿט זיא אכט חדשים, אמאהל שלאפֿין פֿיל פֿון זיי אין איין גרוב, דאמאלס פֿארמאכין זיי די גרוב אונ פֿארשטאפֿין ביז דריי ארשין די טיף, מיט ערד, ליים, שטיינדליך אין דעם ליים, אונ קוועטשין זיך צוזאמען איינע נעבין דיא אנדערע אקעפיל נעבין אנוויידיל, אונ שלאפֿין ביז עס קומט דער פֿריהלינג אונ דיא זונן דערוואַרעמט די ערד, דאמאלס וועקען זייא זיך אויף פֿון שלאף, אונ אלע מיט איין מאהל נעמען מיט כח אונ הייבין אויף דיא פֿארשטאפּטע ערד, אונ גייען ארוים פֿון גרוב, זוכען עסין נאך אזוי אגרויסין תענית פֿון אכט חדשים, די פֿלעדערמויז מאכט קיין גרוב אויף ווינטער, זיא קומט איבער דעם ווינטער מיט וואס זיא קען, זיא קריכט

ארויף

אַרויף אויף אַהויכִין בוים מיט גֶעדִיכְטֶע צְוַויינִין אונ בֶּייהַאלְט זיך אין אַווינְקֶעלֶע אונ שְׁלָאפְט דֶעם גַאנְצִין ווינְטֶער, אָדֶער זיא פְּלִיהט אַביין אין אַקֶעלֶער אָדֶער צְווישֶׁען גְרויסֶע שְׁטֵיינֶער אונ וֶוערְט אַיינְגֶעשְׁלָאפִין.

דיא זְשַאבֶּעס, שְׁלַאנְגֶען, יַאשְׁטְשֶׁערֶקֶעס שְׁלָאפִין אויף דֶעם גאנְצִין ווינְטֶער, זֵיי קְרִיכֶען אַרונְטֶער אונְטֶער אַשְׁטֵיין אָדֶער אין אַלָאך פון אַפַארְפוילְטִין בוים, אונ וֶוערִין אַיינְגֶעשְׁלָאפִין, אַמָאהל שְׁלָאפִין זֵיי אַיינְצִינְוַויז, אַמָאהל פִיל צוּזַאמֶען, אַמָאהל הָאט מֶען גֶעטְרָאפִין פִיל שְׁלַאנְגֶען צוּזַאמֶען זֶענֶען גִיוֶוען פַארְוויקֶעלְט אֵיינֶער אויף דֶעם אַנְדֶערִין ווי דִי קְנוילִין אונ זֶענֶען גֶעלֶעגִין צְווישֶׁען דִי וָוארְצְלֶען פון דיא בוימֶער.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַנַאנְצֶע קָאמְפַּאנְיֶע זְשַאבֶּעס הָאבִּין זיך גֶע-לֵייגְט צְווישֶׁען מֶעך איבֶּער צו שְׁלָאפִין דֶעם ווינְטֶער, דָאס איז גִיוֶוען גֶעבִּין אַטַייך, דֶער טַייך הָאט פַארְגָאסִין אויף דֶעם מֶעך, אונ איז פַארְפְרָארִין גִיוָוארִין, אונ דִי זְשַאבֶּעס זֶענֶען גֶעלֶעגִין אין דֶעם גֶעפְרָארֶענֶעם מֶעך, אונ וויא עֶס איז וַוארֶעם גֶעוָוארִין אונ דָאס אַייז איז צוגַאנְגֶען, זֶענֶען דיא זְשַאבֶּעס אַרוים לֶעבֶּעדִיגֶע.

אין דיא קַאלְטֶע לֶענְדֶער, אין צְפון זַייט סִיבִּיר איז דָא אַזֶעלְבֶע טַייכִין וָואס זֵייא וֶוערִין גֶעפְרָארִין בִּיז צום גְרונְד, דיא פִישׁ אונ אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זאכִין וָואס זֶענֶען אין דֶעם וואסֶער אַז זֵיי זֶעהן פון דֶעם וַואסֶער וֶוערְט אַייז, שְׁווימֶען זֵייא אַוֶועק, אונ דִי וָואס קֶענֶען שוין ניט אַוֶועק שְׁווימֶען, אונ מוּזִין פֶערְבְּלַייבִּין אויף דֶעם ווַאסֶער, אַבִּיסוּל וֶוערִין פַארְפְרָארִין אונ פַייגֶערִין. אונ אַבִּיכוּל בְּלַייבִּין לֶעבִּין, וֶוען דֶער אַייז צוגֵייט וֶוערִין זֵיי צורִיק לֶעבֶּעדִיג, מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִיוֶוען אין סִיבִּיר דֶער-צֵיילִין זֵיי הָאבִּין אַלֵיין גִיזֶעהן ווי דִי פִישׁ וָואס הֵייסִין קַארַאשִׁין זֶענֶען גֶעלֶעגִין אַגַאנְצִין ווינְטֶער אַיינְגֶעפְרָארִין אין אַייז, אונ ווי עֶס איז גִיוָוארִין גֶענֶעבּ זוּמֶער דִיא אַייז איז צוּגַאנְגֶען זֶענֶען דיא

ַקאראַשִׁין לֶעבֶּעדִיג גִיוָוארִין, אִין דִיא הֵייסֶע לֶענְדֶער אִיז פַּאר־ קֶערְט, דִיא חַיות וָואס קֶעגֶען נִיט פַּארְטְרָאגְנִין דִיא הִיטְץ, מוּזִין אַוֶועק וַואנְדֶערִין אִין דִיא קִיהלֶע אֶרְטֶער, אוּנ דִיא וָואס קֶעגֶען נִיט אַוֶועק גֵיין זוּכֶען אוּים גְרִיבֶּער אָדֶער אַנְדֶערֶע קִיהלֶע אֶרְטֶער אוּנ לֵייגִין זִיךְ דָארְטִין שְׁלָאפִין אוּנ שְׁלָאפִין דֶעם גַאנְצִין זוּמֶער בִּיז עֶס וֶוערְט קִיהל, דֶער שְׁלָאף אִיז פַּאר זֵייא דָאס אֵיינְצִיגֶע רֶעטוּנְג צוּ דֶערְהַאלְטִין זֵיי בַּיים לֶעבִּין פוּן דֶעם גְרוֹיסִין פַּאסְטִין.

אִין דִיא אַפְרִיקַאנִישֶׁע הֵייסֶע לֶאנְדֶער אוּנ אִין אַמֶערִיקָא גֶעפִינְט מֶען דִי קְרָאקָאדֶעלִין. זֵיי זֶענֶען לַאנְג פוּן 5 בִּיז 6 אַרְשִׁין, זוּמֶער לִיגֶען זֵיי אַיינְגֶעגְרָאבִּין אִין גְרָאז גֶעבִּין דִיא טֵייכִין, אוּנ וֶוערִין פַארְחַלֶשְׁת פוּן הִיטְץ אוּנ שְׁלָאפִין, עֶנְדֶע זוּמֶער וֶוען עֶס וֶוערְט קִיהלֶער וַואכְט עֶר אוּיף פוּן זַיין שְׁלָאף אוּנ הֵייבְּט אוּיף דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם גְרָאז, גֶעוֶועינְלִיךְ שְׁלָאפִין זֵיי מִיט אֵיין מָאהל פוּן 2 בִּיז 3 חֲדָשִׁים, אוּנ אוֹיב עֶס אִיז נָאךְ הֵייס אוּנ זֵיי ווִילֶען זִיךְ אָפְּקִיהלֶען שְׁווִימֶען זֵייא אִין וַואסֶער, אוּנ וֶוען זֵייא שְׁווִימֶען רִירֶען זֵיי נִיט מִיט אֵיין גְלִיד נָאר זֵיי שְׁווִימֶען ווִי אַשְׁטִיק הָאלְץ.

אין קארצין וועט ערשיינען דיא וועלט בעשרייבונג פון יאפאן, אינדיע, פערסיע, טערקייא, אראביע, אונ פון נאך לענדער, וועלכעס דער לעזער וועט פיהל פער־ גענינגען האבען.

מַעֲשֵׂה טוֹבִיָה

אַיין וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֶרְצֵיילוּנְג פוּן עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים וָואס הָאט זִיךְ גִיטְרָאפֶען בַּיי זֵיי

א) אִין דִי צַייט וָואס שַׁלְמַנְאֶסֶר דֶער מֶלֶךְ פוּן אַשּׁוּר הָאט פַאַרְטְרִיבֶּען דִיא צֶעהְן שְׁבָטִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין זַיין לַאנְד, אִיז גֶעוֶועזֶען צְווִישֶׁען דִיא פַאַרְטְרִיבֶּענֶע אֵיינֶער פוּן שֵׁבֶט נַפְתָּלִי אוּנ זַיין נָאמֶען אִיז גִיוֶועזֶען טוֹבִיָה, עֶר הָאט גֶעוואוֹהְנְט אִין אֵיינֶע פוּן דִיא אוֹיבֶּערְשְׁטֶע גָלִיל שְׁטֶעט נֶעבִּין לַאנְד אַשּׁוּר אוּנ לִינְקְס אִיז דִיא שְׁטָאט גִיוֶועזֶען נֶעבִּין יַם, אוּנ אֲפִילוּ עֶר אִיז גִיוֶועזֶען פַאר־טְרִיבֶּען צְווִישֶׁען דִיא פֶעלְקֶער פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט עֶר גֶעהִיט צוּא טָאהְן ווִי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִיא תּוֹרָה פוּן הקב"ה, עֶר הָאט גָאר נִיט גֶעפֶעלְט פוּן דִיא תּוֹרָה, אוּנ אֲפִילוּ עֶר אִיז גִיוֶועזֶען דֶער יוּנְגְסְטֶער פוּן שֵׁבֶט נַפְתָּלִי פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִין פְרוּמְקֵייט אִיז עֶר גִיוֶועזֶען דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן זֵיי, עֶר אִיז נִיט אָוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי תּוֹרָה אֵיין מִירִיט עֶר הָאט נָאר גֶעזוּכְט צוּ טָאהְן אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס הקב"ה הָאט לִיבּ אוּנ זֵיי גִיפֶעלִין אִים, אַז עֶר הָאט גִיזֶעהְן יוּדִין דִינֶען דִי גָאלְדֶענֶע קֶעלְבֶּער וָואס יָרָבְעָם דֶער מֶלֶךְ פוּן יוּדִין הָאט גֶעמַאכְט, הָאט עֶר דָאס גָאר נִיט גֶעקֶענְט פַאר־

טְרָאגִין, עֶר הָאט פַּארְמִיאוּסְתּ דִיא מֶענְטְשִׁין אוּנ דִיא גָאטֶער זַייעֶרֶע, עֶר הָאט גֶעהַאט זַייעֶר אַגוּטֶע הַארְץ צוּ גֶעבִּין צְדָקָה, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁטִיצְט דִי אָרֶעמֶע מֶענְטְשִׁין, זַיינֶע בְּרִידֶער זַיינֶע פְרַיינְד וָואס זֶענֶען אוֹיךְ גִיוֶוען גֶעפַאנְגֶען מִיט אִים הָאט עֶר זַייעֶר פִיל גֶעשְׁטִיצְט מִיט אַלְץ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אִין יֶעדֶער יָאהר פַאר סוּכּוֹת וֶוען אַלֶע פְרוּכְטִין זֶענֶען צַייטִיג גִיוָוארִין פְלֶעגְט עֶר גֵיין אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּ הקב״ה אוּנ הָאט גֶעדִינְט צוּ אִים מִיט אַלֶע פְרוּמְקַייט וָואס הקב״ה הָאט גֶעבָּאטִין, אוּנ עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶעבְּרַיינְגְט [בִּכּוּרִים] דִיא עֶרְשְׁטֶע צַייטִיגֶע פְרוּכְטִין אוּנ הָאט זַייא גִיגֶעבִּין צוּם כֹּהֵן וִוי הקב״ה הָאט גֶעבָּאטִין, אוּנ הָאט גִיגֶעבִּין צוּם כֹּהֵן תְּרוּמָה אוּנ מַעֲשֵׂר הָאט עֶר גִיגֶעבִּין צוּ דִיא לְוִיִם פוּן זַיינֶע אַלֶע פְרוּכְטִין אוּנ תְּבוּאָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּנ צוּא יֶעדֶער דְרִיטֶען יָאהר פוּן שְׁמִטָה הָאט עֶר גִיגֶעבִּין מַעֲשֵׂר [אַצֶעהנְטִיל] פוּן זַיינֶע אַלֶע פְרוּכְטִין אוּנ תְּבוּאָה צוּ גֵרִים אוּנ יְתוֹמִים אוּנ אַלְמָנוֹת, וִויא הקב״ה הָאט גֶעבָּאטִין אִין זַיין תּוֹרָה, אַזוֹי הָאט טוֹבִיָה גֶעטָאהן יֶעדֶער יָאהר, אוּנ וֶוען טוֹבִיָה אִיז אֶלְטֶער גִיוָוארִין הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַוַייבּ פוּן זַיין פַאמִילְיֶע, אִיר נָאמֶען אִיז גִיוֶוען חַנָה, זַיין וַוייבּ חַנָה הָאט אִים גֶעבָּארִין אַזוּהן, הָאט טוֹבִיָה אִים גֶערוּפִין מִיט זַיין נָאמֶען, טוֹבִיָה, וֶוען דָאס קִינְד אִיז אַבִּיסוּל אֶלְטֶער גִיוָוארִין, הָאט דֶער פָאטֶער אִים דֶערְקְלֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַגָאט וָואס הָאט דִי וֶועלְט בַּשַׁאפִין אוּנ עֶר הָאט אִים גֶעלֶערוּנְט מוֹרָא צוּא הָאבִּין פַאר גָאט, אוּנ הָאט אִים גֶעלֶערוּנְט דִיא תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת וָואס הקב״ה הָאט גֶעבָּאטִין, עֶר הָאט אִים גֶעלֶערוּנְט מֶען זָאל רַחֲמָנוֹת הָאבִּין אוֹיף מֶענְטְשִׁין אוּנ מֶען דַארְף גֶעבִּין צְדָקָה, מֶען זָאל קֵיינֶעם קֵיין שְׁלֶעכְטְס טָאהן.

אִין אַצַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער מֶלֶךְ אַשּׁוּר פַארְטְרִיבֶּען דֶעם שֵׁבֶט נַפְתָּלִי אִין דִיא שְׁטָאט נִינְוֵה, אִיז טוֹבִיָה מִיט זַיין וַוייבּ

אוּנ מִיט זַיין זוּהן אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין נִינְוֵה מִיט אַלֶע פַארְטְרִיבֶּענֶע צוּזַאמֶען, דָארְטִין הָאט טוֹבִיָה גִיזֶעהֶן וִויא פִיל יוּדִין עֶסִין מִיט דִיא גֶעצִין דִינֶער צוּ זַאמֶען זַייעֶרֶע טְרֵפָה עֶסִין, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעמִיאוּסְתּ צוּ זֶעהֶן אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעהִיט עֶר זָאל דִיא עֶסִין זַייעֶרֶע נִיט אָנְרִירֶען, אוּנ וַוייל גָאט הָאט גִיזֶעהֶן זַיין אֱמוּנָה אוּנ פְרוּמְקַייט, אוּנ עֶר הָאט מוֹרָא פַאר גָאט מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, הָאט הקב"ה גִיגֶעבִּין עֶר זָאל הָאבִּין חֵן בַּייא דֶעם מֶלֶךְ שַׁלְמַנְאֶסֶר, אוּנ דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים עֶרְלוֹיבְּט עֶר מֶעג צוּא יֶעדֶער צַייט אַרוֹיסְגֵיין פוּן נִינְוֵה, אוּנ עֶר מֶעג גֵיין וְואהִין עֶר וִויל אוּנ מֶעג טָאהן וָואס עֶר וִויל, אוּנ עֶר פְלֶעגְט גֵיין צוּ אַלֶע פַארְטְרִיבֶּענֶע יוּדִין אוּנ פְלֶעגְט זֵיי טְרֵייסְטִין מִיט גוּטֶע רֵייד, זַייא זָאלִין נִיט זָארְגִין הקב"ה וֶועט זֵיי גֶעוִויס הֶעלְפִין אוּנ וֶועט זַייא אוֹיסְלֵייזִין פוּן מֶלֶךְ אַשּׁוּר אוּנ וֶועט זֵיי צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַזוֹי וִויא עֶר הָאט זַייא אַמָאהל אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם, אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע רֵייד, אוּנ טוֹבִיָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ שַׁלְמַנְאֶסֶר גֶעמֶען פוּן אִים עֶרְלוֹיבְּנִיס אַוֶועק צוּא גֵיין פוּן נִינְוֵה, דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גֶעשֵׁיינְקְט צֶעהן צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער, אוּנ עֶר אִיז מִיט דֶעם גֶעלְד גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שְׁטָאט רְגוּשׁ וָואס אִין לַאנְד מָדַי, אִין וֶועג גֵייעֶנְדִיג הָאט עֶר גֶעטְרָאפִין אֵיינֶעם פוּן דִיא פַארְטְרִיבֶּענֶע יוּדִין עֶר אִיז גִיוֶועזְן זַייעֶר אָרֶעם. עֶר הָאט גֶעהֵייסִין גָבְאֵל, הָאט טוֹבִיָה אִים גֶעבָּארְגְט דִיא צֶעהן צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער, אוּנ גָבְאֵל הָאט אִים גִיגֶעבִּין אַוֶועקְסִיל אוֹיף דֶעם גֶעלְד.

פִיל יָאהרִין זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען וִוי דִיא יוּדִין הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין בַּזֶעסִין רוּהִיג אִין דֶעם לַאנְד פוּן אַשּׁוּר, אָבֶּער הקב"ה הָאט נָאךְ זַיין כַּעַס נִיט גֶעשְׁוַויגְט פוּן דִיא יוּדִין אוּנ שַׁלְמַנְאֶסֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין אוּנ זַיין זוּהן סַנְחֵרִיב אִיז גִיוָוארִין אַמֶלֶךְ, אוּנ עֶר הָאט אָבֶּער זַייעֶר פַיינְט גֶעהַאט דִיא יוּדִין, טוֹבִיָה פְלֶעגְט טָאהן

זיינע געוואהנהייט אונ איז געגאנגען אלע טאג צו די געפאנגענע יודין אונ האט זיי געטרייסט אונ צו דיא ארעמע יודין האט ער גיגעבין צדקה וויא פיל זיין מעגליכקייט איז גיוועזן, צו הונגעריגע האט ער גיגעבין ברויט, נאקעטע האט ער בעקליידט, דיא געהרגתה יודין אונ דיא געשטארבענע יודין פלעגט ער בגראבין.

אין דיא צייט וואס סנחריב איז גיווארין אמלך איז ער געגאנגען מיט זייער פיל מיליטער צוא דיא שטאט ירושלים ער זאל זיא איין נעמען, אונ ווייל ער האט גערעט אויף גאט אז ער וועט ניט קענען רעטטין ירושלים פון זיין האנט, דריבער האט הקב"ה געהרגת דאס גאנצע מיליטער פון סנחריב מיט איין מאהל, אלע זעלנער האבין זיך געלייגט שלאפין זייא זאלין אפ-רוהען פון זייער וועג זיי זאלין קענען מארגין האבין מלחמה מיט ירושלים, אבער הקב"ה האט זייא פארשלעפערט אויף אייביג, אלע זעלנער זענען געבליבען טויט, נאר סנחריב אליין איז געבליבען לעבין, אונ ווייל סנחריב איז געקומען צוריק פון ירושלים מיט גרויס שאנדע איז ער בייז גיוועזן אויף די יודין פון זיין לאנד אונ ער האט פיל יודין געהרגת, אונ טוביה האט זיי אלע בגראבין, ווי סנחריב האט גיהערט אז טוביה האט בגראבין די הרגתה יודין, האט סנחריב געהייסין מען זאל אוועק נעמען פון טוביה זיין גאנצין פארמעגין אונ ברייגגען צוא אים, אונ טוביה זאל מען הרגנן, טוביה האט גענומען זיין ווייב מיט זיין זוהן אונ איז אנטלאפין ביי נאכט פון נינוה, אונ האט געוואהנט אין אבעהאלטענעם ארט, אין פינף אונ פופציג טעג שפעטער האבין דיא קינדער פון סנחריב געהרגת זייער פאטער סנחריב, ווי טוביה האט גיהערט אז מען האט געהרגת דעם מלך סנחריב, איז ער געקומען צוריק אין נינוה אין זיין וואהנונג, אונ דיא קינדער פון סנחריב האבין אים צוריק גיגעבין זיין פארמעגין.

ב) עס איז אוועק געגאנגען אצייט לאנג וויא טוביה איז

גיזעסין רוהיג אין זיין וואהנונג און עס איז געקומען דער יום טוב שבועות, האט טוביה געמאכט אסעודה און ער האט גע-זאגט צו זיין זוהן גיי מיין זוהן צו אלע פרומע יודין. פון אונזער פאמיליע און זאג זיי איך האב געבעטין זיי זאלין קומען צו מיר צו דיא סעודה מיר זאלין עסין און טרינקען צוזאמען ווייל היינט איז אפרייליכער יום טוב, וויא דער זוהן איז ארויסגעגאנגען פון שטוב איז ער באלד צוריק אריין געקומען און האט געזאגט צום פאטער איך האב גיזעהן אין גאס ליגט אויף די ערד אטויטער מענטש, טוביה איז געשווינט ארויסגעלאפין פון שטוב און האט גענומען דעם טויטין מענטש און האט אים אריין געטראגין אין אקעלער און האט אים בעהאלטין, ער האט געטראכט ביי נאכט וועט ער אים בגראבין, ער איז ארויף געגאנגען פון קעלער אין שטוב צו דיא געסט, ער האט גיגעסין מיט זיי ער איז אבער גיוועזן גאנץ טרויעריג, ער האט זיך דערמאנט דיא רייד וואס דער נביא עמוס האט גערעט צו דיא יודין אז הקב"ה האט געזאגט אויף דיא יודין איך וועל פארקערין אייערע ימים טובים צוא אטרויער. טוביה האט געווארט ביז דיא זונן איז אונטערגעגאנגען עס איז גיווארין נאכט האט ער בגראבין דעם טויטין מענטש, זיינע גוטע פריינד האבין געזאגט צוא אים עס איז ניט לאנג וויא דער מלך האט געבאטין מען זאל דיך הרגנן ווייל דוא בגראבסט דיא טויטע, און וועגין דעם האסטו געמוזט אנטלויפין, און איצט האסטו אנגעהויבין נאך אמאהל בגראבין מתים? טוביה האט אבער מורא געהאט פאר די רייד פון גאט מער וויא פאר דיא רייד פון מלך, און אלע טאג פלעגט ער גיין אין דיא גאסין וועלכין טויטין מענטש ער האט גיזעהן האט ער אים גענומען צוא זיך אהיים און ביא נאכט האט ער אים בגראבין, אמאהל האט טוביה בגראבין עטליכע מתים אין איין טאג, און ער איז געגאנגען צוריק אהיים פארמאטערט און ווי

ער איז געקומען געבּין זיין שׁטוב האָט ער זיך געלייגט שׁלאָפין אויף אַבּאַנק נעבּין וואנט, אונ איז איינגעשׁלאָפין, אויף די וואנט אין דערהייך איז גיוועזן אַנעסט פון אַפלעדער מויז. די פלעדער מויז איז איצט געקומען צוא פליהען צוא איר נעסט אונ האָט אין די נעסט אויסגערייניגט איר צואה פון בויך אונ די וואַרעמע צואה האָט זיך אַראָפּגעגאָסין פון די נעסט אויף דעם פּנים אונ דיא אויגין פון טוביה אונ ער איז באַלד בּלינד גיוואָרין, דאָס האָט הקבּ״ה גיטאָהן צו טוביה פּרובין אים אויב ער וועט בּייז זיין אויף הקבּ״ה אָדער ניין, אַזוי ווי הקבּ״ה האָט געפּרובט זיין קנעכט איוב, אונ ווייל טוביה האָט מורא געהאַט פאַר הקבּ״ה פון זיין יוגענד אונ האָט אייביג געהיט זיין פרומקייט אונ זיין ליבּשאַפט צו הקבּ״ה, האָט ער גאָר ניט געצערונט אויף הקבּ״ה אונ אפילו אין הארצין אויך ניט, אונ ער איז ווייטער גיוועזן פרום אַזוי ווי ער איז גיוועזן פריער אונ האָט אַלע טאָג געלויבּט גאָט, זיינע פריינד האָבּין געלאַכט פון אים, זעה נאָר וואָס הקבּ״ה האָט דיר בּצאָהלט פאַר דיין פרומקייט, אַלע הונגעריגע האָסטו זאַט געמאַכט, נאַקעטע האָסטו בּעקליידט, אַלע טויטע האָסטו בּגראָבין, דוא האָסט געטאָהן חסד מיט לעבּעדיגע אונ טויטע, אונ וואו איז דיין האָפענונג, וואָס דוא האָסט געהאָפט אויף דיין לוין, אַגוטען לוין האָט דיר גאָט געגעבּין, טוביה האָט געזאָגט צו זיי מיינע בּרידער רעט ניט אַזעלכע רייד אויף הקבּ״ה, איר זענט דאָך הייליגע קינדער פון אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקב, אונ איר ווייסט דאָך אַז עס איז דאָ נאָך אַוועלט, עולם הבּא, אַבּעסערע וועלט וויא דיא וועלט איז, וועט הקבּ״ה מיר געבּין מיין שׂכר אויף דיא אַנדערע וועלט, אונ דעם שׂכר פון עולם הבּא גיט הקבּ״ה נאָר צוא צדיקים, וואָס גלויבּין אין דעם שׂכר, וויא זיין ווייב חנה האָט גיזעהן אַז איר מאַן קען ניט פאַרדינען האָט זיא גענומען פון פרעמדע מענטשין אַרבּעט צו שפּינען פאָדים, אונ

פון אִיר פַארְדִינְסְט הָאט זִיא גֶעשְׁפֵּייזְט זִיךְ מִיט אִיר מַאן אוּנ אִיר אֵיינְצִיגֶען זוהן, אַמָאהל הָאט חַנָה גֶעבְּרֵיינְגְט אַהֵיים אַצִיג וָואס זִיא הָאט גֶעקוֹיפְט פוּן אִירֶע פַארְדִינְטֶע גֶעלְט, טוֹבִיָה הָאט גִיהֶערְט דִיא שְׁטִימְמֶע פוּן דֶעם צִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וֶוער הָאט גֶעבְּרֵיינְגְט דִיא צִיג צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּב, טָאמֶער אִיז דָאס אַפְּרֶעמְדֶע צִיג, וָואס זִיא אִיז אַלֵיין אַרֵיין גֶעקוּמֶען צוּא אוּנְז אִין שְׁטוּב, אָדֶער טָאמֶער הָאט אֵיינֶער דִיא צִיג גֶעגַנְבֶת אוּנ הָאט זִיא אוּנְז פַארְקוֹיפְט, דַארְף מֶען דִיא צִיג אַוֶועקְגֶעבִּין צוּ וֶועמֶען זִיא גִיהֶער, וָוארוּם מֶען דַארְף נִיט עֶסִין גֶעגַזֶלְטֶה בְּרוֹיט אוּנ מֶען דַארְף נִיט אָנְרִירֶען אַפְּרֶעמְדֶע זַאךְ, זַיין וַוייבּ חַנָה אִיז אוֹיף אִים שְׁטַארְק בֵּייז גִיוָוארִין, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים דוּ זֶעהסְט דָאךְ אַז פוּן דֵיינֶע אַלֶע הָאפֶּענוּנְגֶען אִיז גָאר נִיט גִיוָוארִין, אוּנ פַאר דֵיינֶע פְרוּמְקֵייט זֶעהסְטוּ דָאךְ וָואס הקבּ״ה הָאט דִיר בְּצָאהלְט, אוּנ אַזוֹי פְלֶעגְט חַנָה רֶעדְצֶערֶעדֶען אִיר מַאן אַלֶע טָאג.

ג) וַיְהִי אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועזֶען וִוי טוֹבִיָה הָאט שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט פַארְטְרָאגִין דִיא רֵייד פוּן זַיין וַוייבּ, אוּנ דָאס הַארְץ אִיז אִים שְׁטַארְק פַארְבִּיטֶערְט גִיוָוארִין, הָאט עֶר גֶעבֶּעטִין צוּ הקבּ״ה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וַוייס אַז דוּא בִּיזְט גֶערֶעכְט, אוּנ דֵיין מִשְׁפָּט אִיז רִיכְטִיג אוּנ עֶרְלִיךְ, דוּא טוּהסְט מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין חֶסֶד, וָואס דוּא וַוארְטְסְט זֵיי טָאמֶער וֶועלִין זֵייא טָאהן תְּשׁוּבָה, אָבֶּער אַז זֵיי טוּהֶען קֵיין תְּשׁוּבָה אִיז דֵיין מִשְׁפָּט אֶמֶת, אִיךְ בֶּעט דִיךְ מֵיין גָאט זָאלְסְט מִיךְ נִיט שְׁטְרָאפִין פַאר מֵיינֶע זִינְד, נָאר הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, דִיא זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאהן אִין מֵיינֶע יוּנְגֶע יָאהרִין אוּנ דִי זִינְד וָואס מֵיינֶע אֶלְטֶערִין הָאבִּין גֶעטָאהן זָאלְסְטוּ זֵיי מִיר נִיט רֶעכֶענֶען, וָוארוּם אִיךְ וַוייס אַז דוּ שְׁטְרָאפְסְט דִיא זִינְדִיגֶע אוּנ וַוייל מִיר הָאבִּין פַארְלָאזִין דֵיינֶע מִצְוֹת, הָאסְטוּ אוּנְז גִיגֶעבִּין אִין דִיא הֶענְט פוּן אוּנְזֶערֶע פֵיינְד זֵיי זָאלִין אוֹיף אוּנְז גֶעוֶועלְטִיגֶען אוּנ רוֹיבִּין אוּנְזֶער פַארְמֶעגִין

אונ

אוּנ הַרְגֶּן אוּנְז מִיט שְׁוֶוערְד אוּנ פַאנְגֶען אוּנְז פַּאר קְנֶעכְט, אוּנ מִיר זֶענֶען מִיט שַׁאנְדֶע צְווִישֶׁען דִי פֶּעלְקֶער וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז פַאְרשְׁטוּיסִין צוּ זַיין. דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעמִשְׁפְּט מִיט גְרוֹיסֶע אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטְרָאף וַוייל מִיר זֶענֶען נִיט גֶעגַאנְגֶען אִין דִי אֶמֶתֶה וֶועג אוּנ מִיר הָאבִּין נִיט גֶעהַאלְטִין דֶעם פַארְבִּינְדוּנְג וָואס דוּ הָאסְט מִיט אוּנְז גֶעמַאכְט, דְרִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיךְ דוּ זָאלְסְט טָאהן מִיט מִיר חֶסֶד אוּנ נֶעם פוּן מִיר מַיין נְשָׁמָה, וַוייל מַיין שְׁטַארְבִּין וֶועט זַיין בַּיי מִיר בֶּעסֶער וְויא מַיין לֶעבֶּען. אוּנ אַזוֹי בַּיידֶענְדִיג אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפִין.

אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע צַייט אִיז גִיוֶוען אִין דִי שְׁטָאט רְגוּשׁ וָואס אִין לַאנְד מָדַי אַפְרוּיא שָׂרָה דִי טָאכְטֶער פוּן רְעוּאֵל, זִיא אִיז גִיוֶוען אַאוּמְגְלִיקְלִיכֶע פְרוֹיא, וַוייל זִיא הָאט שׁוֹין חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט זִיבֶּען מַאנֶען אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין, אוּנ יֶעדֶער מַאן אִיז בַּיי נַאכְט נָאךְ דֶער חוּפָּה גֶעשְׁטָארְבִּין אוּנ זִיא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַבְּתוּלָה, אַמָאהל הָאט דִיא דִינְסְט פוּן שָׂרָה גֶעקְרִיגְט מִיט שָׂרָה אוּנ הָאט אִיהר גֶערוּפִין דוּ רוֹצַחַ דוּ הָאסְט שׁוֹין זִיבֶּען מַאנֶען גֶע-מַאנֶען גֶעהַרְגֶת, דוּ ווִילְסְט מִיךְ אוֹיךְ הַרְגֶּנֶן אַזוֹי וְוי דוּ הָאסְט דַיינֶע זִיבֶּען מַאנֶען גֶעהַרְגֶת, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ נִיט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבִּין אַמַאן מִיט קִינְדֶער אַזוֹי לַאנְג וְוי דוּ וֶועסְט לֶעבִּין, דִיא רֵייד וָואס שָׂרָה הָאט גִיהֶערְט פוּן אִיר דִינְסְט הָאבִּין שָׂרָהן שְׁטַארְק צוּגֶעדְרִיקְט אוּנ מִיט אַפַארְבִּיטֶערְט הַארְץ אִיז זִיא אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בּוֹידִים אִין אִיר צִימְמֶער אוּנ אִיז דָארְטִין גִיוֶוען דְרַיי טֶעג אוּנ דְרַיי נֶעכְט זִיא הָאט גָאר נִיט גֶעגֶעסִין אוּנ נִיט גֶעטְרוּנְקֶען זִיא הָאט נָאר גֶעוֵויינְט אוּנ גֶעבֶּעטִין בַּייא הקב״ה עֶר זָאל אָפְּטָאהן פוּן אִיר דִיא חֶרְפָּה אוּנ זָאל אִיר גֶעבִּין אַמַאן וָואס זָאל נִיט שְׁטַארְבִּין נָאךְ דִיא חוּפָּה נָאר עֶר זָאל מִיט אִיר לֶעבִּין ווִי אַלֶע ווַייבֶּער לֶעבִּין מִיט דִי מַאנֶען, אוּנ אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט צוּ הָאבִּין אַמַאן בֶּעט אִיךְ בַּיי דִיר הקב״ה דוּ זָאלְסְט צוּ נֶעמֶען

פוּן

פון מיר מיין נְשָׁמָה איך וויל ניט מער לֶעבּין אויף דֶער וועלט אונ וויל ניט הֶערין מַיין שַׁאנְדֶע, רִבּונו שֶׁל עולָם דוא ווייסְט דָאךְ דִיא הֶארְצֶער פון אַלֶע מֶענְטְשִׁין אונ דוא ווייסְט דָאךְ מַיין הַארְץ אויךְ, אַז איךְ פַארְלַאנְג ניט צו הָאבִּין אַמַאן וועגין מַיין פֶּערְגֶעניגֶען, נָאר ווייל איךְ וויל בְּרֵיינְגֶען אויף דֶער וועלְט גוּטֶע אונ פְרוּמֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלִין דִיךְ דִינֶען מִיט מורָא אונ לִיבְּשַׁאפְט אִיךְ זָאל קֶענֶען דורךְ זֵיי זוכֶה זַיין צו הָאבִּין עולָם הַבָּא, דִיא בֵּיידֶע תְּפִלּות (פון טובִיָה אונ פון שָׂרָה) זֶענֶען גֶעבֶּעטִין גִיוָוארִין אִין אֵיין צֵייט, אונ דִיא בֵּיידֶע תְּפִלּות זֶענֶען מִיט אֵיין מָאהל גֶעקוּמֶען פַאר הקב"ה, אונ אִין אַקוּרְצֶע צֵייט זֶענֶען בֵּיידֶע גֶע־הָאלְפִין גִיוָוארִין.

ד) וְטובִיָה אָמַר בְּלִבּו, טובִיָה הָאט גֶעטְרַאכְט אִין הַארְצִין הקב"ה הָאט גֶעוִוים גִיהֶערְט זַיין תְּפִלָּה אונ עֶר וֶועט בַּאלְד שְׁטַארְבִּין, דְרִיבֶּער בַּאלְד ווִי עֶר הָאט אויפְגֶעוַואכְט פון שְׁלָאף הָאט עֶר גֶערוּפִין זַיין זוהן, אונ גֶעזָאגְט צו אִים הֶער מַיין זוהן דִיא רֵייד פון דַיין פָאטֶער, אונ דו זָאלְסְט דִיא רֵייד בֶּעהַאלְטִין בַּייא דִיר אִין הַארְצִין, דוא זָאלְסְט הִיטֶען צוא טָאהן וויא אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין, בַּאלְד וויא הקב"ה וֶועט פון מִיר צוא נֶעמֶען דִיא נְשָׁמָה אונ אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבִּין, אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג זָאלְסְטוּ בַּגְרָאבִּין מַיינֶע בֵּיינֶער, דו זָאלְסְט גֶעבִּין כָּבוד דַיין מוּטֶער אַזוי לַאנְג וויא זִיא וֶועט לֶעבִּין, גֶעדֵיינְק זִיא הָאט דִיךְ גֶעטְרָאגִין אונ גֶעבָּארִין מִיט גְרויסֶע שְׁמֶערְצִין אונ זִיא הָאט דִיךְ דֶערְנֶערְט מִיט אִירֶע מִילְךְ פון אִירֶע בְּרִיסְט אונ הָאט דִיךְ אויפְגֶעהָאדֶעוֶועט, בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג, אונ וֶוען דַיין מוּטֶער וֶועט שְׁטַארְבִּין זָאלְסְטוּ זִיא אויךְ בֶּעגְרָאבִּין אִין מַיין קֶבֶר, דו זָאלְסְט אֵייבִּיג טְרַאכְטִין אַז הקב"ה שְׁטֵייט גֶעגִין דִיר אונ זֶעהט אַלְץ וָואס דו טוּהסְט אונ הֶערְט וָואס דו רֶעדסְט, דְרִיבֶּער זָאלְסְטוּ דִיךְ הִיטֶען נִיט צו זִינְדִיגֶען, אונ זָאלְסְט טָאהן וויא אִין דִי תּורָה אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען, דו זָאלְסְט גֶעבִּין

פון

פון דיין פאַרמֶעגִין צו אָרֶעמֶע, וֶועט דיך הקב"ה אויך בֶּענְטְשִׁין, אויב דו וֶועסְט זַיין רייך זָאלְסְטוּ גֶעבִּין פִּיל צְדָקָה, אונ אֲפִילוּ דו וֶועסְט נִיט רַייך זַיין זָאלְסְטוּ פון דיין בִּיסִיל פַאַרְמֶעגִין אויך גֶעבִּין צְדָקָה, אונ די צְדָקָה וָואס דו וֶועסְט גֶעבִּין זָאלְסְטוּ גֶעבִּין מִיט אַפְרֵיילִיך פָּנִים אונ מִיט אַגוּטֶע הַארְץ, אונ זָאלְסְט טְרֵייסְטִין דֶעם אָרֶעמֶען מִיט גוּטֶע רֵייד, וֶועט הקב"ה דיך הִיטֶען פון אַלֶע צָרוֹת, אונ זיא וֶועט דיך הִיטֶען פון צו זִינְדִיגֶען, אונ פון אַשְׁלֶעכְטִין טויט פאר דיא צייט, אין דֶעם זְכוּת פון דיא צְדָקָה וֶועסְטוּ לַאנְג לֶעבִּין, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גִיט צְדָקָה צו אָרֶעמֶע מֶענְטְשִׁין הָאט עֶר דָאס גֶעלְט פַארְבָּארְגְט צו הקב"ה, אונ הקב"ה וֶועט אִים דָאס גֶעלְד בֶּצָאהלִין, זָאגְסְט אָפְּטָאהן גְרוֹיסְקֵייט פון דיין הַארְצִין, אונ זָאלְסְט נִיט רֵיידִין מִיט גְרוֹיסְקֵייט, וָוארוּם דָאס גְרוֹיסֶקֵייט בְּרֵיינְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צו פִּיל זִינְד, אַז דו וֶועסְט דִינְגֶען אַיין אַרְבֶּעטֶער צו אַרְבֶּעטִין בַּיי דִיר זָאלְסְטוּ אִים בַּאלְד בַּצָאהלִין זַיין אַרְבֶּעט גֶעלְד, וָואס דוּא הָאסְט פַיינְט מֶען זָאל דִיר טָאהן, זָאלְסְטוּ אַיין אַנְדֶערִין נִיט טָאהן, פון דַיין שְׁטִיקִיל בְּרויט וָואס דו עֶסְט זָאלְסְטוּ גֶעבִּין דֶעם הוּנְגֶערִיגֶען, דיין קְלֵייד זָאלְסְטוּ גֶעבִּין דֶעם נַאקֶעטִין, זָאלְסְט נִיט עֶסִין צו זַאמֶען מִיט אַרָשָׁע, אַז דו וֶועסְט דארְפִין פְרֶעגִין אַעֵצָה זָאלְסְטוּ פְרֶעגִין בַּיי אַקְלוּגֶען מֶענְטְשׁ, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לויבִּין גָאט אונ זָאלְסְט בֶּעטִין בַּיי גָאט עֶר זָאל דיך פִירֶען אִין גְלַייכֶען וֶועג.

נָאךְ אַזַאךְ זָאלְסְטוּ מַיין זוּהְן ווִיסֶען, וֶוען דו בִּיסְט נָאךְ גִיוֶוען גָאר יוּנְג הָאבּ אִיךְ פַארְבָּארְגְט צֶעהן צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער צו אֵיינֶעם גַבְאֵל עֶר וואהְנְט אִין רְגוּשׁ אִין לַאנְד מָדַי, אִיךְ הָאבּ זַיין וֶועקְסִיל, מַיין זוּהְן גֵיי צו אִים אִין רְגוּשׁ אונ בֶּעט בַּיי אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבִּין דָאס גֶעלְט, אונ גֶעם מִיט זִיךְ דָאס וֶועקְסִיל, אונ זָאלְסְט נִיט זַיין טְרוֹיעֶרִיג וָואס מִיר זֶענֶען הַיינְט אָרֶעם, עֶרְשְׁטֶענְס וֶועסְטוּ אָפְּנֶעמֶען די צֶעהן צֶענְטֶער זִילְבֶּער, צְוֵוייטְנְס דארְף מֶען נָאר מוֹרָא הָאבִּין פַאר די גְרוֹיסְקֵייט פון הקב"ה אונ מֶען דַארְף טָאהן

וואס

וָואס צוּ הקב"ה גֶעפֶעלְט, וֶועט הקב"ה אוּנְז נִיט פַארְלָאזִין · ה׳ וַיַעַן טוֹבִיָה אֶת אָבִיו · טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין פָאטֶער אַלְץ וֶועל אִיךְ טָאהן אַזוֹי וִויא דוּ הָאסְט מִיר גֶעבָּאטִין, נָאר אִיךְ וַויים נִיט וִויא אַזוֹי וֶועל אִיךְ אָפְּנֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן גַבְאֵל, עֶר קֶען מִיךְ נִיט אִיךְ קֶען אִים נִיט, אוֹיבּ עֶר וֶועט מִיר נִיט גְלוֹיבִּין אַז אִיךְ בִּין דַיין זוּהְן וֶועלְבִּין צֵייכֶען זָאל אִיךְ אִים אוֹיף דֶעם גֶעבִּין, אוּנ אִיךְ וַויים נִיט דִי וֶועג צוּ דִי שְׁטָאט רְגוּשׁ, הָאט דֶער פָאטֶער צוּ אִיהם גֶעזָאגְט וָואס דַארְפְסְטוּ אַבֶּעסֶערִין צֵייכֶען אַז דוּא וַוייזְט אִים זַיין וֶועקְסִיל, אִיךְ וַויים גֶעווִיס אַז דוּא וֶועסְט אִים וַוייזִין דֶעם וֶועקְסִיל וֶועט עֶר דִיר בַּאלְד גֶעבִּין דָאס גֶעלְט, אוּנ וָואס דוּא זָאגְסְט דוּא וַוייסְט נִיט דֶעם וֶועג צוּא דִיא שְׁטָאט רְגוּשׁ, גֵיי אַרוּים אִין גַאס אוּנ זָאלְסְט זוּכֶען אַעֶרְלִיכֶען מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיט דִיר גֵיין בִּיז רְגוּשׁ אוּנ דוּא וֶועסְט אִים בְּצָאהְלִין פַאר דֶעם וֶועג· אוּנ אִיךְ וִויל דוּא זָאלְסְט שׁוֹין גֵיין אָפְּנֶעמֶען דָאס גֶעלְט וֶוען אִיךְ לֶעבּ נָאךְ, טוֹבִיָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס זוּכֶען אַמֶענְטְשׁ וֶוער זָאל גֵיין מִיט אִים אִין רְגוּשׁ, הָאט עֶר גִיזֶעהן אַיוּנגֶער מֶענְטְשׁ זַייעֶר אַשֵׁיינֶר, אָרוּם גֶעבּוּנְדִין מִיט אַגַארְטִיל, מֶען דֶערְקֶענְט גַייטִי גֶעגִין אִים. טוֹבִיָה הָאט נִיט אוּיף אִים אַז עֶר אִיז גְרַייט צוּ גֵייז אִין וֶועג, גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז אַמַלְאָךְ גֶעשִׁיקְט צוּא אִים פוּן הקב"ה עֶר זָאל גֵיין מִיט אִים אִין וֶועג, דְרִיבֶּער הָאט טוֹבִיָה אִים גִיבֶּענְטְשְׁט מִיט פְרִידֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים זָאג מִיר מַיין פְרַיינְד וֶוער בִּיזְטוּ דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין פוּן דִיא יוּדִין, טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּא אִים אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיזְט אַרייזֶענְדֶער, אוּנ דוּא וִוילְסְט אִיצְט וְואהִין גֵיין, זָאג מִיר טָאמֶער וַוייסְטוּ דִיא וֶועג צוּא דִיא לַאנְד מָדַי, דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ וַויים דִיא וֶועג, אִיךְ בִּין שׁוֹין צְוַויי דְרַייא מָאהל גִיוֶועןן אִין דִיא לַאנְד מָדַי, אוּנ וֶוען אִיךְ קוּם אִין לַאנְד מָדַי בִּין אִיךְ אִין דִי שְׁטָאט
רגוש

רְגוּשׁ וָואס זִיא אִיז אוֹיף דִיא בֶּערְג אַחְמְתָא אִין לַאנְד מָדַי , אוּנ
מַיין וואהנוּנְג אִיז בַּיי מַיין פְרַיינְד גָּבְאֵל , וָואס עֶר וואהנְט אִין
דִיא שְׁטָאט , טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען מַאן אִיךְ בֶּעט דִיךְ
דוּ זָאלְסְט דָא אַבִּיסוּל וַוארְטִין אִיךְ וֶועל נָאר גֵיין זָאגִין מַיין פָּאטֶער
אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַחַבֶר מִיט וֶועמֶען צוּ גֵיין צוּ דִי שְׁטָאט רְגוּשׁ ,
דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גֶעזָאגְט צוּ טוֹבִיָה גֵייא צוּא דַיין פָּאטֶער
אוּנ אִיךְ וֶועל דָא וַוארְטִין , טוֹבִיָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּא זַיין פָּאטֶער
אוּנ הָאט אִים דֶערצֵיילְט פוּן דֶעם נַייעֶם חָבֶר אַז עֶר וֶועט מִיט
אִים גֵיין אִין רְגוּשׁ , דֶער פָּאטֶער הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דִי
גָאנְצֶע טְרֶעפוּנְג אוּנ עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּא זַיין זוּהן גֵייא צוּא
דַיין חָבֶר אוּנ זָאג אִים אַז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטִין עֶר זָאל אַרַיין
קוּמֶען צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּבּ , דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען
צוּם אַלְטֶען טוֹבִיָה אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִים מִיט אַבְּרָכָה גָאט
זָאל דִיר גֶעבִּין אַפְרֵיילִיכֶע הַארְץ , דֶער אַלְטֶער טוֹבִיָה הָאט גֶע־
זָאגְט וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבִּין אַפְרֵיילִיכֶע הַארְץ אַז מַיינֶע אוֹיגִין
זֶענֶען פִינְסְטֶער גִיוָוארִין , דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִיא זוּהן שַׁיינְט שׁוֹין
נִיט צוּ מִיר , אִיךְ זֶעה אַפִינְסְטֶערֶע וֶועלְט , דֶער יוּנְגֶער מֶענְטְשׁ
הָאט גֶעזָאגְט צוּם אַלְטֶען טוֹבִיָה הָאפ צוּא גָאט וֶועט עֶר דִיר
הֶעלְפִין , טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגְען מֶענְטְשׁ אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט
גֵיין מִיט מַיין זוּהן אִין דִיא שְׁטָאט רְגוּשׁ וָואס אִיז אִין לַאנְד מָדַי
צוּ מַיין גוּטֶען פְרַיינְד גָּבְאֵל , וֶועל אִיךְ דִיר בֶּצָאהלִין פַאר דַיין
וֶועג , דֶער יוּנגֶער מֶענְטְשׁ (דֶער מַלְאָךְ) הָאט גֶעזָאגְט צוּם אַלְטֶען
טוֹבִיָה גִיבּ דַיין זוּהן אוֹיף מַיינֶע הֶענְט אִיךְ וֶועל אִים אַהִין פִירֶען
אוּנ אִיךְ וֶועל אִים צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען צוּ דִיר גֶעזוּנְד אוּנ צוּפְרִידֶען ,
טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען מַאן אִיךְ בֶּעט דִיךְ מַיין הֶערר זָאג
מִיר דֶעם נָאמֶען פוּן דַיין פַאמִילְיֶע אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן דַיין שֵׁבֶט ,
דֶער יוּנְגֶער מַאן יֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעזָאגְט צוּ טוֹבִיָה גֶענוּג פַאר דִיר
אַז דוּ הָאסְט גֶעפוּנֶען אַחַבֶר צוּ דַיין זוּהן וָואס וֶועט גֵיין מִיט אִים

אִין דֶעם וַוייטִין וֶועג יעוּ וָואס זָאלְסְטוּ פְרֶעגִין אויף מַיין פַאמִילְיֶע, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וַויי דוּ זָאלְסְט נִיט זָארְגִין וֶועגִין דַיין זוּהְן, וָואס דוּ וַוייסְט נִיט מִיט וֶועמֶען דוּ שִׁיקְסְט אִים וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין מַיין נָאמֶען אִיז עֲזַרְיָה בֶּן חֲנַנְיָה, טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען מַאן ווי אִיךְ הֶער בִּיזְטוּ פוּן אַגְרוֹיסֶע פַאמִילְיֶע, אִיךְ בֶּעט דִיךְ דוּ זָאלְסְט נִיט זַיין בֵּייז אויף מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ-יךְ גֶעפְרֶעגְט וֶוער דוּ בִּיזְט, דֶער יוּנְגֶער מַאן (דֶער מַלְאָךְ) הָאט גֶעזָאגְט צוּ טוֹבִיָה דוּ זָאלְסְט זַיין נַאנְץ זִיכֶער אַז אִיךְ וֶועל דִיר צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען דַיין זוּהְן גֶעזוּנְד אוּנ גַאנְץ אוּנ אִיךְ וֶועל אִים צוּרִיק שְׁטֶעלִין אויף דֶעם אָרְט ווְא מִיר זֶענֶען אִיצְט, טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּא זַיין זוּהְן אוּנ צוּם יוּנְגֶען מַאן גֵייט צוּא פְרִידֶען אוּנ הקב"ה זָאל שִׁיקֶען זַיין מַלְאַךְ פַאר אַייךְ עֶר זָאל אַייךְ הִיטֶען אִין וֶועג, טוֹבִיָה הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַלְץ וָואס מֶען דַארְף אִין וֶועג אוּנ עֶר הָאט גֶעקוּשְׁט זַיין פָאטֶער אוּנ זַיין מוּטֶער, אוּנ טוֹבִיָה מִיט דֶעם יוּנְגֶען מַאן (דֶער מַלְאַךְ) זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

דִיא מוּטֶער הָאט שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אִיר מַאן דָאס גַאנְצֶע אָנְלֶעהנוּנְג פוּן אוּנְזֶער אֶלְטֶער אִיז נָאר אוּנְזֶער זוּהְן הָאסְטוּ אִים צוּגֶענוּמֶען פוּן אוּנְז אוּנ הָאסְט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט, וֶוען דוּא וָואלְסְט גֶעהַאט גֶעלְט וָואלְסְטוּ אוּנְזֶער אֵיינְצִיגֶען זוּהְן נִיט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט פוּן אוּנְז, הָאסְטוּ אִים גֶעשִׁיקְט וֶועגִין דֶעם גֶעלְט, אִיז דֶען אוּנְזֶער זוּהְן בַּיי אוּנְז נִיט טַייעֶרֶער פוּן אַלֶע גֶעלְטֶער פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט? מִיר זֶענֶען דָאךְ מִיט אוּנְזֶער אָרֶעמְקַייט אויךְ צוּ פְרִידֶען, וֶוען נָאר אוּנְזֶער זוּהְן זָאל זַיין בַּייא אוּנְז, הָאסְט נִיט גוּט גֶעטָאהן מַיין מַאן, זִיא הָאט בַּייא דִיא וֶוערְטֶער זֵייעֶר פִיל גֶעוֵויינְט, טוֹבִיָה הָאט גֶעטְרֵייסְט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּא אִיר וֵויין נִיט מַיין וַוייבּ, עֶר אִיז דָאךְ נִיט אַוֶועק פוּן אוּנְז אויף אַלַאנְגֶע צַייט, נָאר אויף עֶטְלִיכֶע וָואכִין, וֶועסְט זֶעהן הקב"ה וֶועט אִים צוּא

אוּנְז צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען, אִיךְ בִּין פַאַרְזִיכֶערְט אוֹיף הקב"ה אַז עֶר וֶועט שִׁיקֶען זַיין מַלְאַךְ מִיט אִים עֶר זָאל אִים פִירֶען אִין וֶועג אוּנ עֶר וֶועט זַיין וֶועג גְלִיקְלִיךְ אַהֶער גֵיין, אוּנ עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵיים מִיט גְרוֹיס פֶערְגֶענִיגֶען, דָאס וַוייבּ חַנָה הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט וֵויינֶען, אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִיר אַרְבֶּעט.

ו) וַיִשָׂא טוֹבִיָה אֶת רַגְלוֹ, דֶער יוּנְגֶער טוֹבִיָה אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם יוּנְגֶען מַאן זַיין הוּנְט אִיז אוֹיךְ גֶעלָאפִין מִיט אִים, אוּנ בַּאלְד דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּם טַייךְ חִדֶקֶל, טוֹבִיָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם טַייךְ אָפְּוַואשִׁין זַיינֶע פִּיס וִויא עֶר הָאט אַרֵיין גֶעשְׁטֶעקְט דִי פִּיס אִין וַואסֶער, אִיז צוּגֶעשְׁוְואמֶען צוּא אִים אַגַאנְץ גְרוֹיסֶער פִישׁ אוּנ הָאט גֶעהַאלְטִין אָפֶען דִי מוֹיל אוּנ הָאט אִים גֶעוָואלְט אַיינְשְׁלִינְגֶען, טוֹבִיָה אִיז שְׁטַארְק דֶערְ־שְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּנ הָאט גֶעטָאהְן אַגְרוֹיס גֶעשְׁרֵייא צוּם יוּנְגֶען מַאן רֶעטְטֶע מִיךְ, דֶער פִּישׁ וִויל מִיךְ אַיינְשְׁלִינְגֶען, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גֶעזָאגְט צוּ טוֹבִיָה שְׁרֶעק נִיט צִיה אוֹיס דַיין הַאנְט אוּנ נֶעם דֶעם פִּישׁ בַּייא זַיינֶע פְלוֹספֶּעדֶערִין, אוּנ שְׁלֶעפּ אִים אַרוֹיס פוּן טַייךְ, טוֹבִיָה הָאט אַזוֹי גֶעטָאהְן אוּנ הָאט דֶעם פִּישׁ אַרוֹיס גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן וַואסֶער אוּנ הָאט אִים גֶעלֵיינְט אוֹיף דִיא עֶרְד אוּנ דֶער פִּישׁ הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפִין אוּנ גֶעטַאנְצְט גֶעגִין טוֹבִיָה גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעפְּרֵייט מִיט אִים, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גֶעזָאגְט צוּא טוֹבִיָה נֶעם אַמֶעסֶער אוּנ שְׁנַייד אַיין דֶעם בּוֹיךְ פוּן דֶעם פִּישׁ אוּנ נֶעם אַרוֹיס דִיא הַארְץ פוּן דֶעם פִּישׁ אוּנ דִיא גַאל אוּנ דִיא לֶעבֶּער אוּנ זָאלְסְט דִי דְרַייא זַאכִין גוּט בֶּעהַאלְטִין, וָוארוּם מִיט דִיא דְרַייא זַאכִין קֶען מֶען הַיילֶען קְרַאנְקֶע, טוֹבִיָה הָאט גֶעטָאהְן וִויא דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט צוּא אִים גֶעזָאגְט, טוֹבִיָה הָאט דֶעם פִּישׁ צוּשְׁנִיטֶען אוֹיף שְׁטִיקֶער, עֶר הָאט גֶענוּמֶען צְוַויי שְׁטִיקֶער פִּישׁ אוּנ הָאט זַייא גֶעבְּרָאטִין זֵיי הָאבִּין בֵּיידֶע גֶעגֶעסִין דִי פִּישׁ, דִיא אִיבֶּערִיגֶע שְׁטִיקֶער פִּישׁ

הָאבִּין זַייא בֶּעזַאלְצִין אוּנ מִיט גֶענוּמֶען אִין וֶועג, זַייא הָאבִּין
גֶעהַאט צוּא עֶסִין פוּן דֶעם פִּישׁ בִּיז זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין
רְגוּשׁ, טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען מַאן עֲזַרְיָה מַיין בְּרוּדֶער
זָאג מִיר צוּא וָועלְכֶע קְרַאנְקְהַייט זֶענֶען דִי דְרַיי זַאכִין אַהֵיילוּנְג,
הָאט עֲזַרְיָה גֶעזָאגְט צוּ אִים אַז דוּ וֶועסְט גֶעמֶען אוֹיף אַשִׁיסוּל
בְּרֶענֶענְדִיגֶע קוֹילִין אוּנ דוּא וֶועסְט לֵייגִין דִיא הַארְץ פוּן דֶעם
פִּישׁ אוֹיף דִיא קוֹילִין, אַז עֶס וֶועט אָנְהֵייבִּין גֵיין אַרוֹיךְ, וֶועט
דֶער רוֹיךְ פַארְשְׁטוֹיסִין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת (גֵייסְטִין, דִבּוּקִים)
פוּן מֶענֶער אוּנ פוּן וַוייבֶּער, אוּנ דִיא שְׁלֶעכְטֶע רוּחוֹת וֶועלִין
זַיי קֵיין שְׁלֶעכְטְס מֶער טָאהְן, אוּנ אַז דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַבְּלִינְדִין
וָואס הָאט אַבְּלָאנֶע אוֹיף דִיא אוֹיגִין אַז דוּא וֶועסְט בְּשְׁמִירֶען
זַיינֶע אוֹיגִין מִיט דִיא גַאל וֶועלִין זַיינֶע אוֹיגִין בַּאלְד גֶעהֵיילְט
וֶוערִין אוּנ עֶר וֶועט קֶענֶען זֶעהְן, נָאכְדֶעם הָאט טוֹבִיָה גֶעזָאגְט
צוּם יוּנְגֶען מַאן וְוא וֶועלִין מִיר דִי נַאכְט גֶענֶעכְטִיגֶען, הָאט דֶער
יוּנְגֶער מַאן גֶעזָאגְט צוּא טוֹבִיָה דָא אִין שְׁטָאט וואהְנְט דַיינֶער
אַפְּרַיינְד עֶר הֵייסְט רְעוּאֵל, בַּייא אִים וֶועלִין מִיר נֶעכְטִיגֶען,
דֶער רְעוּאֵל הָאט אַאֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער אִיר נָאמֶען אִיז שָׂרָה,
אוֹיסֶער דִיא אֵיינֶע טָאכְטֶער הָאט רְעוּאֵל מֶער קֵיין קִינְד, אוּנ
אַז דוּא וֶועסְט נֶעמֶען זַיין טָאכְטֶער פַאר אַוַוייבּ וֶועסְטוּ דָאךְ
יַרְשְׁנֶען דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגִין פוּן רְעוּאֵל, דְרִיבֶּער זָאלְסְטוּ
בֶּעטִין בַּיי רְעוּאֵל עֶר זָאל דִיר גֶעבִּין זַיין טָאכְטֶער פַאר אַוַוייבּ,
אוּנ עֶר וֶועט זִיא דִיר גֶעבִּין, טוֹבִיָה הָאט גֶעזָאגְט צוּם יוּנְגֶען
מַאן אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעהֶערְט אַז דִיא שָׂרָה הָאט גֶעהַאט זִיבֶּען
חֲתָנִים, אוּנ אַלֶע זִיבֶּען חֲתָנִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבִּין נָאךְ דִי חוּפָּה,
וַוייל אַשְׁלֶעכְטֶער גֵייסְט הָאט זַיי גֶעהַרְגֶעט, דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ
מוֹרָא טָאמֶער וֶועט מִיךְ אוֹיךְ טְרֶעפִין ווי עֶס הָאט זַיי גֶעטְרָאפִין,
אוּנ אִיךְ בִּין דָאךְ אַאֵיינְצִיגֶער זוּהְן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערִין, אַז זַייא

וועלין ח"ו הערין אז איך בין געשטארבין וועלין זיי געוויס אויך באלד שטארבין פון גרויס צער, דער יונגער מאן האט געזאגט צו טוביה הער מיין ברודער וואס איך וועל דיר זאגין דו זאלסט פאר דעם שלעכטין גייסט קיין מורא האבין, דער שלעכטער גייסט געוועלטיגט נאר אויף דיא מענטשין וואס פארשעמען דיא רייד פון הקב"ה אונ זיי נעמען אנוייב ניט פון מצוה וועגין נאר ווענין זייער תאוה, ווי די בהמות טוהען, איך וועל דיך לערנען וויא דו זאלסט טאהן וועט דער שלעכטער גייסט דיר קיין שלעכטס מאהן, דו זאלסט נעמען די שרה פאר אכלה אונ באלד נאך די חופה זאלסטו גיין אין דיא שטוב פון שרה אונ זאלסט דיך אפשיידען פון איהר דריי טעג, אונ זאלסט בעטין צו הקב"ה ער זאל דיך רעטטין פון דעם שלעכטין גייסט, די ערשטע נאכט זאלסטו נעמען אשיסול ברענענדיגע קוילין אונ זאלסט נעמען אשטיקול פון דיא לעבער פון דעם פיש אונ זאלסט דיא שטיקול לעבער ווארפין אויף דיא ברענענדיגע קוילין, וועט באלד אוועק גיין דער שלעכטער גייסט, דיא דריטע נאכט מעגסטו דיך שוין בהעפטין מיט איר, אבער נאר מיט אריינגע הארץ וועגין מצוה ווי אונזערע אלטערין האבין געטאהן, אונ אין די פערטע נאכט וועט איר געבענטשט ווערין צו געבארין גוטע אונ פרומע קינדער, אונ שטענדיג ווען דו וועסט דיך בהעפטין מיט דיין ווייב זאלסטו נאר מיינען וועגין מצוה אונ ניט וועגין תאוה, וועט הקב"ה ברייננען אויף דיינע קינדער די ברכה וואס ער האט צוגעזאגט צו דיין פאטער אברהם: דאס אלץ האבין זיי גערעט אין וועג:

ז) ויסורו אל בית רעואל. נאכדעם זענען זיי געקומען אין רגוש אונ זענען געקומען צו רעואל אין שטוב, רעואל האט זייא צו גענומען מיט גרויס כבוד, אונ ער האט שטארק געקוקט אויף טוביה אונ האט געזאגט צו זיין ווייב חנה, זעה נאר דער פנים פון דעם יונגען מענטש איז אזוי ווי דער פנים פון מיין שוועסטערס

זָאל שִׁיקְעֶן פַאר אַייךְ זַיין מַלְאַךְ עֶר זָאל אַייךְ הִיטֶען אִין וֶועג אוּנ איר זָאלְט קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע אֶלְטֶערִין אִיר זָאלְט זַיי טְרֶעפִין לֶעבִּין אוּנ גֶעזוּנְד, אוּנ הַלְוַאי זָאל הקב"ה מִיר גֶעבִּין דִיא בְּרָכָה אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּא זֶעהן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אֵיידֶער אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבִּין, רְעוּאֵל מִיט זַיין וַוייבּ הָאבִּין זִיךְ גֶעזֶעגוּנְט מִיט זֵייעֶר טָאכְטֶער אוּנ הָאבִּין זִיא גֶעקוּשְׁט, אוּנ עֶר הָאט צוּ אִיר גֶעזָאגְט מַיין טָאכְטֶער „דוּ זָאלְסְט גֶעבִּין כָּבוֹד דַיין מַאן אוּנ זָאלְסְט אִים לִיבּ הָאבִּין מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוּנ מִיט דַיין גַאנְצִין לֶעבִּין, אוּנ זָאלְסְט לִיבּ הָאבִּין דִי אֶלְטֶערִין פוּן דַיין מַאן, אוּנ זָאלְסְט דִיךְ פִירֶען מִיט פְרוּמְקַייט, וֶועט אַייךְ הקב"ה בֶּענְטְשִׁין מִיט אַלֶעם גוּטֶען בִּיז אֵייבִּיג.

יא) וַיְהִי, אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען אוֹיף מָארְגִין פְרִיה אִיז טוֹבִיָה מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ דֶער יוּנְגֶער מַאן אַוֶועק גֶעפָארִין פוּן זֵייעֶרֶע אֶלְטֶערִין פוּן רְעוּאֵל מִיט זַיין וַוייבּ, אוּנ זֶענֶען זֵייעֶר גוּט מִיט פֶערְגֶענִיגֶען גִיפָארִין, אוֹיף דֶעם עֶלְפְטִין טָאג זֶענֶען זַייא גֶעקוּמֶען אִין חָרָן, דִיא שְׁטָאט חָרָן אִיז גֶעוֶוען דִי הֶעלְפְט וֶועג פוּן רגוש צוּ נִינְוֵה, דֶער יוּנְגֶער מַאן (דֶער מַלְאַךְ) הָאט גֶעזָאגְט צוּ טוֹבִיָה, אוּנְזֶער וֶועג דוּיעֶרְט זֵייעֶר לַאנְג וַוייל מִיר גֵייעֶן מִיט אַזוֹי פִיל בְּהֵמוֹת אוּנ מִיט אַזוֹי אַגְרוֹיסִין פַארְמֶעגִין, אוּנ עֶס וֶועט נָאךְ לַאנְג דוּיעֶרִין בִּיז מִיר וֶועלִין צוּ דַיינֶע אֶלְטֶערִין קוּמֶען, אוּנ דוּ
וַוייסְט דָאךְ ווִי גְרוֹים דֶער זָארְג פוּן דַיינֶע אֶל...
דִיר, דְרִיבֶּער אִיז מַיין עֵצָה דוּ זָאלְ...
קְנֶעכְט אוּנ דִינְסְטֶען זַיי...
אִין נִינְוֵה, אוּנ...
אֶלְטֶער...

וֶוען מָאמֶער וֶועט זיא זֶעהן פון וַוייטין איר איינְציגֶען זוּהְן, זיא הָאט זיךְ טאקי דֶערְוַואַרְט, אוּנ הָאט אים דֶערְזֶעהן פון וַוייטין גֵיי־ עֶנְדיג מיט דֶעם יוּנְגֶען מאן, זיא איז גֶעשְׁווינְד גֶעלָאפִין צוּ אִיהר מַאן זָאגִין אים די בְּשׂוֹרָה אַז זַייעֶר זוּהְן קוּמְט, דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט גֶעזָאגְט צוּ טוֹבִיָה וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען אין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ נִיט לויפִין בַּאלְד צוּ דַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער נָאר פְרִיעֶר זָאלְסְטוּ זָאגִין אַתְּפִלָּה אוּנ אַדַאנְק צוּ הקב"ה וָואס עֶר הָאט דיךְ מיט פְרִידֶען אוּנ גֶעזוּנְד צוּריק אַהֵיים גֶעבְּרַיינְגְט נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיינֶע אֶל־ טֶערִין אוּנ זַיי אַרוּם נֶעמֶען אוּנ קוּשִׁין זַייא מיט פֶערְגֶענִיגֶען. אוּנ זָאלְסְט נֶעמֶען די גַאל פוּן פִישׁ אוּנ מיט די גַאל זָאלְסְטוּ בֶּשְׁמִירֶען די אוֹיגִין פוּן דַיין פָאטֶער וֶועט עֶר בַּאלְד זֶעהֶענְדִיג וֶוערִין, וֶועט זַיין בַּיי אַייךְ אַנַייֶע שִׂמְחָה, ווי דֶער יוּנְגֶער מַאן אוּנ טוֹבִיָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ די שְׁטוּב פוּן זַיין פָאטֶער הָאט דֶער הוּנְד וָואס איז גֶעוַואנְגֶען מיט טוֹבִיָה אָנְגֶעהוֹיבִּין טַאנְצִין אוּנ שְׁפְּרִינְגֶען גְלַייךְ ווי עֶר הָאט זיךְ אוֹיךְ גֶעפְרֵייט וָואס עֶר איז צוּריק גֶעקוּמֶען אַהֵיים, אוּנ איז גֶעלָאפִין פָארְאוֹיס אין שְׁטוּב גְלַייךְ ווי עֶר וויל אָנְזָאגִין די בְּשׂוֹרָה פוּן זַייעֶר אַהֵיים קוּמֶען, דֶער בְּלִינְדֶער פָאטֶער הָאט גִיהֶערְט פוּן זַיין וַוייבּ אַז זַיין זוּהְן איז גֶעקוּמֶען איז עֶר גֶעשְׁווינְד גֶעלָאפִין אַנְטְקֶעגִין זַיין זוּהְן אוּנ עֶר איז גֶעפַאלִין אוּנ הָאט זיךְ צוּקְלַאפְּט ...ילִידֶער, הָאט עֶר גֶערוּפִין אַקְנֶעכְט עֶר זָאל אים פִירֶען בִּיז
...טער איז אוֹיךְ גֶעלָאפִין גֶעגֶען אִיהר זוּהְן, זַיי
...יינט פוּן פִיל שִׂמְחָה, זַיי הָאבִּין
...אס עֶר הָאט מיט זַיי
... אוּנ הָאט
...יווּ־

אַגְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּנ הָאבִּין נָאךְ אַמָאהל גֶעדַאנְקְט גָאט פַּאר דִיא נַיְיֶע הִילְף, דֶער כְּלַל דִי שִׂמְחוֹת וָואס בַּיי טוֹבְיָה אִין שְׁטוּבּ אִיז אִיצְט גֶעוֶוען קֶען קַיין פֶּעדֶער נִיט בֶּעשְׁרַייבֶּען, אִין זִיבֶּען טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען שָׂרָה דָאס וַוייבּ פוּן טוֹבְיָה מִיט דֶעם גְרוֹיסִין פַּארְמֶעגִין אוּנ מִיט דִי קְנֶעכְט אוּנ דִינְסְטֶען, אוּנ מִיט פִיל בְּהֵמוֹת אוּנ קֶעמֶלֶען, אוּנ גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער אוּנ דִי צֶעהן צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען פוּן גָבְאֵל, אַגְרוֹיסֶע רַייכְקַייט אִיז אִיצְט אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ טוֹבְיָה אִין שְׁטוּבּ, טוֹבְיָה הָאט דֶערְצֶיילְט זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער דִי אַלֶע טוֹבוֹת וָואס הקב״ה הָאט גֶעטָאהן מִיט אִים זֶענֶען גִיטָאהן גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם יוּנְגֶען מַאן, עֶר הָאט אִים גֶעפִירְט אִין וֶועג עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם שֵׁדוּךְ מִיט זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין אַעֵצָה וִוי אַזוֹי עֶר זָאל בְּלַייבִּין לֶעבִּין אוּנ זָאל נִיט שְׁטַארְבִּין וִוי אִירֶע זִיבֶּען חַתָנִים זֶענֶען גִישְׁטָארְבִּין, עֶר הָאט זֶעהֶענְדִיג גֶעמַאכְט זַיין אַלְטֶען פָאטֶער, אִין מִיטֶען דִי רֵייד זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ צְווַיי גֶעסְט (פֶּעטֶערְס) אַכְיוֹר אוּנ נָבוֹת, עֶס אִיז גֶעוָוארִין אַנַייֶע שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גִימַאכְט סְעוּדוֹת זִיבֶּען טָאג, מֶען הָאט גֶעלוֹיבְּט אוּנ גֶעדַאנֶקְט צוּ הקב״ה פַאר אַלֶע טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעטָאהן.

יב) וַיְהִי, אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען וִוי דִי זִיבֶּען טֶעג הָאבִּין זִיךְ ... גִיעֶנְדִיגְט, הָאט דֶער אַלְטֶער טוֹבְיָה גִיזָאגְט צוּ זַיי... וִוי פִיל גֶעלְד דַארְף מֶען גֶעבִּין דֶע... טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט מִיט ... גֶעזָאגְט צוּם פָאטֶ... אִיז וֶוערט... אי...

אַלְטֶער טוֹבִיָה מִיט זַיין זוּהְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם יוּנְגֶען מַאן אוּנ הָאבִּין גֶעזָאגְט צוּ אִים מִיר בֶּעטִין דִיךְ דוּ זָאלְסְט בַּיי אוּנְז נֶעמֶען הֶעלְפְט פוּן אוּנְזֶער פַארְמֶעגִין. פַאר דַיין בֶּעלוֹינוּנְג, אוּנ טָאמֶער אִיז דָאס וֶוייניג וֶועלִין מִיר דִיר נָאךְ גֶעבִּין, הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גֶעזָאגְט צוּ זֵיי אִיךְ וֶועל בַּיי אַייךְ גָאר נִיט נֶעמֶען, אִיר זָאלְט נָאר גֶעדֵיינְקֶען צוּ לוֹיבִּין הקב"ה אוּנ דַאנְקֶען אִים פַאר דִי טוֹבוֹת וָואס עֶר טוּהְט מִיט אַייךְ, אוּנ אִיר זָאלְט דֶערְצֵיילִין פַאר אַלֶע מֶענְטְשִׁין דִי טוֹבוֹת אוּנ דִי חֲסָדִים וָואס הקב"ה טוּהְט צוּ דִי מֶענְטְשִׁין וָואס הָאפִין צוּ אִים מִיט אֱמֶת, אוּנ תְּפִלָּה אוּנ צְדָקָה אוּנ פַאסְטִין זֶענֶען בֶּעסֶער פוּן פִיל אוֹצְרוֹת, דוּ זָאלְסְט וִוישֶׁ׳ן וֶוען דוּ פְלֶעגְסְט גֵיין בַּיי טָאג צוּ זַאמֶען נֶעמֶען דִי מֵתִים אוּנ פְלֶעגְסְט זֵיי בַּגְרָאבִין בַּיי נַאכְט, אוּנ דוּ פְלֶעגְסְט דַאמָאלְס וַויינֶען אוּנ בֶּעטִין בַּיי הקב"ה עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבִין אוֹיף דִי יוּדִין, פְלֶעג אִיךְ בְּרֵיינְגֶען דַיינֶע תְּפִלּוֹת פַאר הקב"ה, אוּנ וַוייל דוּ בִּיזְט טַייֶער בַּיי הקב"ה דְרִיבֶּער הָאט הקב"ה דִיךְ גֶעשְׁטְרָאפְט אוּנ בְּלִינְד גֶעמַאכְט צוּ פְּרוּבִין דַיינֶע פְרוּמְקֵייט, אוּנ וַוייל דוּ הָאסְט נִיט גֶעצֶערוּנְט אוֹיף הקב"ה אוּנ הָאסְט אָנְגֶענוּמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט זַיין שְׁטְרָאף דְרִיבֶּער הָאט מִיךְ הקב"ה גֶעשִׁיקְט אִיךְ זָאל דִיךְ צוּרִיק זֶעהֶענְדִיג מַאכִין אוּנ אִיךְ זָאל אַוֶועקְטְרַייבִּין דֶעם שְׁלֶעכְטִין גַייסְט פוּן דַיין שְׁנוּר שָׂרָה זָאלְסְט [illegible] אִיךְ בִּין דֶער מַלְאָךְ רְפָאֵל אֵיינֶער פוּן דִי זִיבֶּען מַלְאָכִים [illegible] הקב"ה.

[illegible] זוּהְן הָאבִּין דָאס גִיהֶערְט, אַז [illegible] אוּנ דֶער מַלְאָךְ רֶעט [illegible] אוּנ זֶענֶען [illegible]